STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09157

SHABES

Joseph Ehrlich

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ערליך

*

שבת

יוסף ערליך

שבת

הקדמה: פראפ׳ דוב סדן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תש"ל — 1970

JOSEF ERLICH

SHABES

יוסף ערליך / שבת

פאַרלאַג „המנורה", זנגביל 24, תל־אביב, ישראל

"Hamenora" Publishing House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל, תש"ל
Printed in Israel

דפוס „ארזי", תל־אביב, טל' 34294

גוט־שבת

א

עס איז דאָס דריטע מאָל, וואָס עס קומט מיר אויס אַריינ־פירן דעם לייענער אין אַ בוך פון יוסף ערליך. דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב איבערגעזעצט זיין בוך „טוב הארץ״ פון יידישן כתב־יד און האָב דעם מחבר פירגעשטעלט פאַרן העברעישן לייענער — אַן אָריגינעלער און אפשר אויך משונה־דיקער מחבר: שרייבט יידיש אָבער דרוקט העברעיש — און בעיקר האָב איך אויסן געווען אָנצוּווייזן אויף זיינע באַוווסטע און אומבאַוווסטע וואָרצלען, סיי אין לעבן סיי אין דער ליטעראַטור.

אין לעבן — געכאָוועט אין אַ קליין פויליש שטעטל, וואָל־בראָם, האָט ער זיך גאָר יונג אָנגעשלאָסן אין די חלוצישע רייען, איז עולה געווען, האָט געאַרבעט אין קאָלאָניעס און אין שטאָט, און האָבנדיק אַ שאַרף אויג, האָט ער טיף דורכגעלעבט דעם פּראָצעס פון איבערפלאַנץ אין אַלט־נייעם לאַנד אונדזערן, אין אים מיטגעלעבט מיט אַנדערע, און דאָס נישט בלויז פון זיין ס׳גאַל, נאָר פון כלערליי עולים אין זייער בונטן מענטשלעכן, מענטאַלן און שטייגערישן טיפּאַזש. דער כוח פון אַזאַ זיך אַריינלעבן מערקט זיך סיי אין דעם דערמאָנטן בוך, ווו דער פּערסאָנאַזש באַשטייט בעיקר פון עולים, וואָס זענען געקומען פון מזרח אין צענטראַל־אייראָפּע, סיי אין זיין בוך „הרריים״ ווו דער פּערסאָנאַזש באַשטייט בעיקר פון עולים, וואָס זענען געקומען פון מזרח, אָבער דער צענטער איז, סיי דאָרט סיי דאָ, דער געראַנגל מיט דער נאַטור פון מענטש און דער נאַטור פון לאַנד, און די דראַמאַטישע געשפּאַנטקייט און קאַמף פון די כוחות און זייער אַנטפּלעק.

אין דער ליטעראַטור — באַשאָנקען מיט אַ חוש פאַרן

עלעמענטאַרן, זוכט ער עס לויט זיין נאַטורעל, אַרויסצוברענגען, און געפינט זי אויף דער ליניע פון אַ ווייסנבערגישן אָדער פוקסישן באַנעם פון מענטש און וועלט, אָבער, ווי עס טרעפט זיך אויך ביי זיי, איז אַ מין חשבון, ווו אַלע פרטים זענען רעאַליסטישע און אַפילו נאַטוראַליסטישע, אָבער דער סך־הכל איז איבעררעאַליסטיש און איבערנאַטוראַליסטיש, און אַז מען קוקט זיך גוט אַריין אין סך־הכל, דוכט מען, אַז ער איז גאָר־נישט די מסקנה נאָר גיכער די הנחה פון אַלעמען.

ב

און דאָס וואָס האָט זיך געדאַכט, איז קלאָר באַשטעטיקט אין זיין בוך „וואָלבראָם", וואָס איז אַרויס, סיי אין לשון פון מקור, דעם מחברס היימישן יידיש, סיי אין העברעישן נוסח פון שמאי מאַנדל, און איך האָב מיך, אין אַריינפיר, אָפּגעשטעלט אויף דעם חידוש אין מחברס לעבן און טאָן — דאָס שטעטל זיינס האָט אים מחייב געווען, ער זאָל נישט בלויז אין רשות־היחיד, צווישן זיך און זיין פעדער, נאָר אויך אין רשות הרבים, צווישן זיך און דעם אויער פון זיין לייענער רעדן אין לשון פון זיין טאַטע־מאַמע. איך בין דעמאָלט זיכער געווען, אַז דאָס קליינע ביכעלע, אַ האַרציקע מצבה אויף די חורבות פון וואָלבראָם, איז אַ שפּאַרע פון אַ טיר, וואָס וועט און מוז זיך ווייט אין ברייט אויפפּראַלן, און עס האָט מיך נישט געחידושט, ווען איך האָב געהערט אַז ער גרייט צו דאָס בוך, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, און וואָס נעמט אַרום וואָלבראָם, נישט ווי אַ קליין פּינטעלע אין דער פּוילישער געאָגראַפיע, נאָר ווי אַ גרויסער פלאַקער אין דער יידישער געשיכטע, איר טיפער אמונה אין איר טיפער קולטור, ווי אין דער געשטאַלט פון איינעם פון די גרעסטע ווערק פונעם יידישן פאָלק — דעם יידישן שבת, ווי ס'האָט זיך קאָנקרעטיזירט אין דער יידישער קהילה.

די עובדא פון ספר איז אַן עפּישער, צומאָל גאָר פלאַסטישער דין־וחשבון איבער דעם איין־און־איינציקן טאָג פון דער וואָך, וואָס פאַר אַ שפע פון איבערלעבענישן עס האָט אים

אויסגעפילט. אָבער עס איז מער פון אַ דין־וחשבון, עס איז אויך אַ רמז זיך צו באַקלערן, צי פאַרשטייען מיר, וואָס אונ־דזערע שטעט און דערפער אין אונדזער לאַנד האָבן אָנגעווירן, וואָס דער שבת איז פאַר זיי לאַנג נישט דאָס וואָס ער איז געווען אין דער לעבעדיקער יידישער קהילה, אַן אַבסאָלוט אַנדערער טאָג, אין דעם וווּנדערלעכן סינטעז פון מנוחה און קדושה; צי פאַרשטייען מיר, אַז איפכא מסתברא: אויב דאָרט אין דער פרעמד האָבן מיר געהאַט אַזאַ גדולה, דאָ אין דער היים לא כל שכן.

מעגלעך, אַז דאָס איז נישט די כוונה פונעם מחבר, אָבער גוטע ביכער האָבן אַ טבע, אַז זיי זענען שטאַרקער פון מחברס כוונה, און אַ גרויסער נעכטן, ווי דער יידישער שבת וואָס מיר זעען פאַר אונדז, שטרעמט צו אַ גרויסן מאָרגן.

דב סדן

לקדושים ולטהורים שנפחו
נשמתם בגהינום עלי אדמות

א

פײַוול האָט אײליק איבערגעשפּרײזט די שװעל פֿון משהס תּבֿואה־שפּײכלער. ער איז פֿון דער אױפֿגעפּראַלטער טיר װי אַרױסגעפֿאַלן אין מאַרק אַרײַן. פײַוול איז שטײן געבליבן. ער האָט אַ דערשטױנטער זיך אַרומגעקוקט.

דער יריד אין װאָלבראָם איז געװען געענדיקט. בלױז עטלעכע לײדיקע פֿירלעך זענען נאָך געשטאַנען אין מאַרק. די אױסגעשפּאַנטע פֿערד זענען געשטאַנען מיט איבערגעהאָנגענע קעפּ איבער די פֿולקאָשקעס, די כאָמעטן זענען געהאָנגען איבער זײערע העלדזער. דער שני אין מאַרק איז געלעגן אַ צעטרעטענער.

מאַרדוך, דער הױכער, ברײטבײניקער גױ, האָט געריײניקט דעם מאַרק. זײַנע לאַנגע, דיקע װאָנצעס זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פֿון בײדע זײַטן מױל, װי צעפּלעך. ער האָט מיט אַ ברײטער הילצערנער גראַצע צונױפֿגע־שאַרט אין אַ קופּע דאָס געבליבענע מיסט פֿון די פֿערד. מאַרדוך האָט געטראָגן אױף זיך אַ לאַנגן אױסגעריבענעם זעלנער־שינעל. זײַנע לענדן זענען געװען אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. זײַנע פֿולע באַקן האָבן געפֿלאַמט פֿון אַן איבעריקן טרונק. אַ פֿױלער, האָט ער לאַנגזאַם געשאַרט מיט דער גראַצע און געריעדט צו זיך: „הינטישע זין, קער נאָך זײ דעם מאַרק״.

דער שני אױף די שיפּע שינדל־דעכער האָט גענומען צוריק פֿרירן. יידן מיט לאַנגע בערד, װאָס האָבן געטראָגן פֿוטערנע קיטשמעס, לאַנגע באַנדעס און טיפֿע שטיװל, האָבן מיט רױטע פֿאַרפֿרױרענע הענט צונױפֿ־גענומען זײערע סחורות, פֿונאַנדערגעהאָנגענע איבער די װענט און טירן פֿון זײערע קראָמען: אַ רעשטל ציץ, אַ קופּאָן זױלן, אַ בלעכענע פּײלע, אַ הילצערן שעפֿל; די בעקער בײ זײערע סטראַגאַנעס האָבן צונױפֿגעלײגט דאָס געבליבענע ברױט.

דער צלם אויפן טומאה־טורעם אין ווינקל פון מאַרק צווישן צוויי געסלעך האָט ווי באַוואַכט דעם מאַרק־פּלאַץ. די קעלט איז כסדר שטאַרקער געוואָרן, עס האָט זיך געשטעלט אַ פראָסט. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט.

דער הימל איבער דעם שטעטל איז געווען געדיכט בלוי; ער האָט אויסגעזען ווי אַ גראַנאַטענער געוואַנט. פייוול האָט געשפּרייזט איבער די געסלעך, דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער אים. די שמאָלע ענגקייט אין די געסלעך האָט אים געפּירט.

פייוול האָט אַריבערגעשטעלט אַ פוס איבער דער הילצערנער אויס־געטרעטענער שוועל און דערפילט אונטער די פיס האַרטע אָנגעשטאַמפּעטע ערד. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, ווי ער זאָל טאַפּן אין דער פינצטער, געמאַכט עטלעכע טריט און ער האָט אָנגעדריקט דעם סקאָבעל. די אָנגע־דראָלטע טיר פון פייכטקייט איז אָפּגעשפּרונגען. אַ פייכטע, טוכלע וואַרעמ־קייט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער האָט שנעל פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

— טאַטע! — האָבן דריי קינדער־קולעכלעך זיך צעשריגן; זלאַטעלע, רבקהלע און יאָסעלע האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו אים. די קינדער זענען געזעסן אויפן פּאָל ביים בעט אין ווינקל און זיך געשפּילט. פייוולס שוואַרצע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן, די רויטע האָר פון זיינע געדיכטע ברעמען זענען שטייף געוואָרן.

— שאַ! — האָט יאַכעט, זיין ווייב, אַ הויכע שטאַרקע פרוי, אַ זאָג געטאָן. זי האָט זיך איבערגעלייגט די הענט איבערן בויך. — גוט אָוונט! — און זי האָט באַלד צוגעגעבן: — זעץ זיך!

— גוט אָוונט! — האָט פייוול איר געענטפערט, ער האָט אַוועק־גערוקט אַ בענקל פון טיש און זיך אַוועקגעזעצט.

יאַכעט איז געשטאַנען און באַטראַכט פייוולען; אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן נייגעריק געקוקט. פייוול איז געזעסן, ווי ער זאָל וואַרטן. ער איז געווען מיד.

די קינדער האָבן ווייטער זיך געשפּילט, זיי האָבן מיט זייערע פושקעלעך און דעקלעך געוויגן און געמאָסטן; זיי האָבן געקויפט און פאַרקויפט אין זייער קראָם.

— קום עסן! — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן.

פייוול האָט איר נישט געענטפערט, ער האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף איר און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

יאַכעט האָט זיך גענומען פּאַרען. זי איז אַוועק צום אויוון. זי האָט מיטביידע הענט אָנגעטאַפּט די דיניצע, וואָס האָט זיך געוואַרעמט. דערנאָך האָט זי זיך אָנגעבויגן, אַפּערגענומען אַ שטיקל קאַטרע און צוגעלייגט צום טליִענדיקן פייער. די קאַטרע האָט זיך צעפלאַקערט, די שיין פון פייער האָט אַ בליץ געטאָן.

יאַכעט האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ שוואַרץ נישט־אָנגעהויבן ברויט, אַ צינענעם לעפל און אַ קיך־מעסער. זי האָט אַרויפגעשטעלט דאָס זאַלץ־מעסטל, אַרויסגענומען פון שענקל אַ טיפע בלעכענע שיסל און זי אָנגעגאָסן מיט „יושקע״, די פּאַרע פון דער דיניצע האָט באַדעקט איר פּנים.

— וואָש זיך! — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן, זי האָט דעם טעלער זופּ אַרויפגעשטעלט אויפן טיש.

פּייוול האָט זיך אויפגעשטעלט, ער איז צוגעגאַנגען צום קובל וואַסער. ער האָט אָנגעשעפּט אַ שעפּ וואַסער, איבערגעשטרעקט די הענט איבערן שעפּל און זיי אָנגעגאָסן. „שאו ידיכם״ — האָט ער אַ זאָג געטאָן הויך אויפן קול, די רעשט ווערטער האָט ער געמורמלט צווישן די ליפּן, ווי ער זאָל זיי שלינגען. ער האָט די הענט אַריינגעווישט אינעם שטשערקעלע, וואָס איז געלעגן אין דער זייט און צוגעשפּאַנט צום טיש. ער האָט אַפּערגערוקט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט לאַנגזאַם, ווי ער זאָל אַראָפּלאָזן פון זיך אַ זאַק תבואה, אַ נעם געטאָן אין איין האַנט אַריין דאָס ברויט מיט דער אַנדערער האַנט — דאָס מעסער און אריינגעשטאָכן אין ברויט אַריין; ער האָט דעם לאַבן ברויט אַרומגעדרייט אויפן טיש איבער דער שאַרף פון מעסער און אַפּגעשניטן זיך אַ רעפּט ברויט.

— ברוך אתה... המוציא לחם מן הארץ.

— אמן! — האָט יאַכעט אים געענטפערט.

יאַכעט איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. זי איז געזעסן אים אַנטקעגן. איר גרוי, פלאַנעלן קליידל, וואָס איז געווען אויף איר אַ ביסל ענג, האָט זי אַריבערגעצויגן זיך איבער די קניִען. אירע גלידער זענען געווען בולט.

פּייוול האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער שיסל, ער האָט יעדן לעפל זופּ זיך אַריינגעגאָסן אין מויל אַריין, זיך געקוויקט מיט דעם טעם פון די צעקאָכטע קאַרטאָפל.

יאַכעט איז געזעסן און געקוקט, ווי פּייוול עסט און קוויקט זיך. איין מאָל האָט זי אויך זיך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

„אַ גאַנצע וואָך צווישן גויים אָן אַ לעפל וואַרעמס". אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויסגערעדט: „אַבי נישט אַסטערליש".

אין שטוב איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט דעם קלאַפּ פונעם צינערנעם לעפל אין דער שיסל, ווי אַ האָן זאָל פּיקן. פייוול האָט צונויפ־געקראַצט דאָס לעצטע ביסל זופּ אין דער שיסל און עס אַראָפּגעזופּט הילכיק, פייוול האָט אַרויסגעלייגט דעם לעפל פון האַנט און זיך אָפּגעבויגן פון טיש. ער איז געווען זאַט, ער האָט עטלעכע מאָל זיך אַ שאָקל געטאָן איבערן טיש, ער האָט געבענטשט.

אַ ווײַלע איז פייוול געזעסן און געמרוזשעט די אויגן. מיט אַ מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן „אַ וואַ!". ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל, ווי ער זאָל וועלן גיין, ער איז אָבער זיצן געבליבן. ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף יאַכעטן.

פייוול האָט אַרונטערגערוקט אונטערן שפּענצער זיין ברייטע האַנט — אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, געוואָלט זיין זיכער, אַז קיינער זעט נישט. ער האָט אָנגעשפּיגן זיך די שפּיץ־פינגער פון דער רעכטער האַנט און גענומען ציילן פּאַמעלעך, אויפן קול: „איינס, צוויי, דריי". די באַנקנאָטן זענען געווען איינצלנע גילדנס. ער האָט גע־ציילט איין באַנקנאָט נאָכן אַנדערן, ווי ער זאָל איבערמישן בלעטלעך אין אַ ספר. אָפּגעציילט פופציק, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אָפּגעזיפצט און אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז צום מסחר!". די עטלעכע געבליבענע אים אין האַנט באַנקנאָטן האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן טיש. די פופציק אָפּגע־ציילטע גילדן האָט ער צוריק אַריינגעשטופּט זיך אין בוזים־טאַש, ער האָט גענומען אין האַנט דאָס געבליבענע געלט און עס געציילט פון דאָס ניי. ער האָט געציילט אויפן קול ביז אַכט. פייוול איז געבליבן זיצן מיט אָן אָפן מויל, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס ער האָט נישט מער קיין באַנקנאָטן ער זאָל קאָנען ציילן ווייטער... אַ דערשטוינטער האָט ער אָנגע־קוקט יאַכעטן:

— יאַכעט, עס פעלט צוויי גילדן צום שבת.

— פייוול, זאָרג זיך נישט, גאָט וועט העלפן די צווייטע וואָך, — האָט זי אַ זאָג געטאָן און האַסטיק זיך אויפגעשטעלט ווי זי זאָל אַראָפּ־שפּרינגען פון בעט.

יאַכעט האָט אַראָפּגענומען די עטלעכע גילדן פון טיש און זיי אַריינ־

געלייגט צו זיך אין בוזעם. זי האָט אַ פֿאַרוואָרף געטאָן דאָס ברוין־גרינ־געקראַטעוועטע טוך איבער די אַקסלען, אַפּערגענומען פֿון אונטערן שענקל אַ צונויפֿגעלייגט זעקל און עס אַריינגעלייגט אינעם געפֿלאָכטענעם קיישל. זי איז אַוועק צו דער טיר.

אַ קאַלטער שטראָם לופֿט האָט אַריינגעריסן זיך אין שטוב, די טוכלעקייט אין שטוב איז געוואָרן שיטערער. די קינדער אויפֿן פּאָל האָבן אַריינגעלאָזט די קעפּ אין די אַקסלען. אַלע דריי האָבן אַ ציטער געטאָן פֿון קעלט.

אין שטוב איז געוואָרן נאָך שטילער. אין די ווינקלען פֿון דער לאַנגער, נידעריקער שטוב האָבן גענומען זיך איינזעצן שאָטנס. פּייוול האָט אַפּערגערוקט פֿון אונטער זיך דאָס בענקל און לאַנגזאַם זיך אויפֿגעהויבן. ער איז געווען מיד, — אַ גאַנצע וואָך געגאַנגען איבער די דערפֿער פֿון דער געגנט. צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, האָט ער מיט די שפּיץ פֿינגער אַ וויש געטאָן די פֿייכטקייט פֿון די מיט אייז פֿאַרקאָוועטע שייבלעך. ער האָט אַוועקגעשפּרייזט אין ווינקל אַריין, ווו עס איז געשטאַנען דאָס שענקל. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט, מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט זיך די אויגן און זיך פֿונאַנדערגעוויגט. אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויף הינטערוויילעכץ און אויסגעשפּיגן איןביידע זייטן אַרום זיך.

די קינדער האָבן זיך געשפּילט.

פּייוולס אַקסלען האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעשוידערט; די טוכלע וואַרעמקייט אין שטוב האָט אים אַדורכגענומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט, אַראָפּגעצויגן פֿון זיך די שטיוול און אַראָפּגעוויקלט די צילקעס פֿון די פֿיס. זיינע סטאָפּעס זענען געווען רויט, ווי אָפּגעבריט.

— וואָס ווילן זי קויפֿן? — האָט זלאַטעלע אַ פֿרעג געטאָן איר שוועסטערל, איר קול האָט געהילכט.

— צוקער! — האָט רבקהלע איר אָפּגעענטפֿערט מיט איר דין קולעכל.

פּייוול האָט זיך אָנגעבויגן, אַ קוק געטאָן צו די קינדער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיין קאָפּ זיך אַ וואַקל געטאָן, זיינע אויגן האָבן גענומען זיך פֿאַרמאַכן, זיין מידע פּלייצע האָט געצויגן זיך אויף הינטערוויילעכץ, זיך אָנגעלענט אין דער געקאַלעכטער וואַנט. פּייוול איז איינגעשלאָפֿן.

רבקהלע איז געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, זי האָט נישט

גענומען פון זלאַטעלען דאָס פּאַפּירענע שקאַרמיצל. זי האָט דערהערט ווי דער טאַטע שנאַרכט, האָט זי זיך דערשראָקן:

— איך וויל אויך שלאָפן — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

— קום צום טאַטן אין בעט אַריין — האָט זלאַטעלע איר אַ זאָג געטאָן און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט אויפגעהויבן יאָסעלען, דאָס צווייִעריקע ברודערל. יאָסעלע איז די גאַנצע צייט געזעסן און זיך צוגעקוקט, ווי די שוועסטערן שפּילן זיך. זלאַטעלע האָט אים אַרייַנגעלייגט אין עק פון בעט, די פירי־אָריקע רבקהלע איז אַליין אַרויפגעקראָכן אויפן בעט, זלאַטעלע האָט זיך צוגעזעצט צו יאָסעלען.

— שלאָפט, קינדער — האָט זי אַ זאָג געטאָן, נאָכגעמאַכט דער מוטער.

די צוויי קינדער האָבן זיך איינגעניורעט איינער אין אַנדערן. זיי זענען באַלד איינגעשלאָפן. זלאַטעלע, דאָס אַכטיאָריקע מיידל, האָט אין דער גרויסער שטוב זיך דערפילט עלנט. זי האָט צוגעטוליעט זיך צו די קינדער און איז אויך באַלד איינגעשלאָפן. דער אָוונט אין שטוב איז כסדר גרויער געוואָרן. דער טאַטע און די קינדער זענען געשלאָפן.

ב

אויף דער גאַס, פאַר דער טיר, איז יאַכעט שטיין געבליבן. זי האָט אַריבערגעצויגן דאָס טיכל איבערן קאָפּ. אַ ווײַלע האָט זי זיך אַרומגעקוקט. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן מיט דעם געסל אַראָפּ. דער פרירנ־דיקער שניי האָט געסקריפּעט אונטער אירע פיס.

דעם מאַרקפּלאַץ האָט יאַכעט איבערגעשפּרייזט אין דער קווער, ווי זי זאָל פון אים אָפּהאַקן זיין לינקן פאַרשנייעטן שפּיץ. זי איז געגאַנגען פון איין געסל אין אַנדערן. אין דעם שמאָלן אויסגעצויגענעם יאַטקע־געסל איז זי שטיין געבליבן. זי האָט אַ שניפּ געטאָן מיט איר נאָז, דערפילט דעם ריח פון בלוט, פון רוי פלייש. אינעם געסל אַרום די יאַטקעס זענען גע־שטאַנען הינט מיט פאַרבויגענע צווישן די פיס וויידלען. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ ביין אָדער אַן אָכלאַפּ.

אַ ווײַלע האָט יאַכעט געצעגערט, זי האָט געטראַכט גיין ווייטער, אָבער אין דעם אָפענעם פענצטער־לאָדן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף צוויי זייטיקע קייטן, האָט זיך באַוויזן דאָבעס דער קצבטעס קאָפּ, אַרומגעהילט

מיט אַ דערקע, די הענט אירע האָט זי געהאַלטן פון פאָרנט פאַררוקט אין די אַרבל פון פעלצל.

יאַכעט האָט נישט געוואַגט גיין ווייטער; זי איז אַריין צו דאָבען אין דער יאַטקע.

— וואָס הערט זיך? — האָט דאָבע זי אַ פרעג געטאָן, נישט־אַרויס־נעמענדיק די הענט פון די אַרבל. זי האָט נאָר אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט יאַכעטן.

— נישט צו פאַרזינדיקן! — האָט יאַכעט איר געענטפערט און זיך צוגערוקט צום יאַטקע־קלאָץ.

אין דער יאַטקע איז געווען האַלב פינצטער ווי אין אַ קאַמער: אָן אַ פענצטער, נאָר די טיר איז געווען אָפן. עס האָט זיך געפילט די זיסקייט פון פאַרפרוירן בלוט און געסטאָיעט פעטס.

יאַכעט האָט אַפערגענומען די הענט פון אונטערן טיכל און געפירט אירע אויגן איבער די הענגנדיקע אויף דער וואַנט זייטלעך פלייש. די שאַרף פונעם לאַנגן מעסער און פון דער האַק, וואָס זענען געלעגן אויפן יאַטקע־קלאָץ, האָבן געגלאַנצט איר אַנטקעגן. יאַכעט האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ; עס האָט זיך איר אַ וויזל געטאָן אונטערן האַרץ. דאָבע, די ברייטביייניקע יידענע, איז געשטאַנען און געוואַרט.

שמילע, אַ הויכער ברייטביייניקער ייד, האָט אויסגעבייניקט אַ שטיק פלייש אויפן טיש. ער האָט איבערגעריסן די אַרבעט, אַ קוק געטאָן אויף יאַכעטן און זי אַ פרעג געטאָן:

— נו, יאַכעט, וואָס זאָל איך דיר געבן?

יאַכעט האָט אים נישט געענטפערט, זי האָט נאָך נישט געהאַט באַשלאָסן.

שמילע האָט אַרויסגעצויגן פון זיין יוכטענער כאַלעווע דעם שטאָל, ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און געטשן דאָס מעסער.

— יאַכעט, נעם דעם האַלדז, אַ פעטע בהמה — האָט דאָבע איר אַ זאָג געטאָן.

— איך וועל זיך קאָנען באַטיילן? — האָט יאַכעט זי אַ פרעג געטאָן.

— אַזאַ פלייש איז שפּאָרעוודיק — האָט דאָבע איר געענטפערט.

שמילע האָט צוריק אַריינגערוקט דעם שטאָל אין דער כאַלעווע, ער האָט מיט איין האַנט אָנגענומען דעם בהמה־קאַרק, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, און אים אַרויפגעוואָרפן אויפן יאַטקע־קלאָץ.

— וויפל? — האָט ער אַ פרעג געטאָן יאַכעטן.

יאַכעטס אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן; זי האָט שטיל און איילִיק אים אַ זאָג געטאָן:

— צוויי פונט — זי האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין בוזעם און אַרויס־גענומען דאָס געלט.

שמילע האָט פונאַנדערגעשטעלט זיינע פיס, אויסגעדרייט דאָס מעסער מיט דער שאַרף פון זיך און אַ שניט געטאָן דאָס שטיק פלייש.

— דו וועסט האָבן אַ פעטע יויך, — האָט דאָבע אַ זאָג געטאָן יאַכעטן.

שמילע האָט דעם אָנגעשניטענעם פריטש פלייש אַרויפגעוואָרפן אויף דער הענגלוואָג, אויף דער צווייטער שאָל האָט ער אַרויפגעלייגט דאָס געוויכט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם וואָגצינגל. „אַ שטאַרקע וואָג״, האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— זאָל זיי זיין צום געזונט — האָט דאָבע אַ זאָג געטאָן.

יאַכעט האָט געגעבן שמילען אַ גילדן אין האַנט אַריין. ער האָט דעם באַנקנאָט פאַרקנייטשט אין דער פויסט. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַרויסגעגראַבלט עטלעכע מטבעות פון טאַש אַרויס און זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אַ רעשט געגעבן יאַכעטן.

יאַכעט האָט אַריינגעלייגט דאָס פעקל פלייש אין קײשל, מיט די פאַר־פרוירענע פינגער צונויפגענומען די רעשט.

— אַ גוטן! האָט זי אַ זאָג געטאָן און זי איז אַוועק צו דער טיר, זי האָט געדריקט אין דער פויסט די פרוטות.

— גיי געזונט! — האָט דאָבע איר נאָכגעשריגן, נישט רירנדיק זיך פונעם אָרט.

די קעלט האָט יאַכעטן אַ ברי געטאָן אין פנים, אַ שטאָך געטאָן אונטער די נעגל. זי האָט ווידער אַריבערגעצויגן דאָס טיכל איבערן קאָפּ; בלויז דער שטערן און אירע אויגן זענען געבליבן אָפּגעדעקט. זי איז געגאַנגען מיט דעם לענגלעכן פאַרשנייטן נישט־אויסגעטרעטענעם פלאַץ, וואָס איז געווען דער שותפותדיקער הויף פון די כאַטעס אַרום. די פאַרפרוירענע פענצטער אין די כאַטעס האָבן אויסגעזען, ווי צעשטעלטע לאַמטערן. זי האָט זיך פאַרקירצט דעם וועג, געטאָפּטשעט אין שניי און געסאָפּעט פון קעלט. גייענדיק האָט זי אַריינגעלייגט אינעם פאָדערשטן טעשל פון קלייד די עטלעכע מטבעות, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

יאַכעט איז אַדורכגעקראָכן דורך דער שטשאַנקע צווישן צוויי כאַטעס,

זי איז אַרויס אויף דער באַרגגאַס, די גאַס איז געווען אַ קורצע און האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף. יאַכעט האָט זיך ווי אַריינגעגליטשט צו יעקלען אין קראָם; יעקלס קראָם איז געווען אַ נידעריקע גרויסע שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שפייכלער. די פּאָר קליינע פענצטער־שייבלעך זענען געווען מאַט פאַרפרוירן. די לופט אין דער קראָם איז געווען געדיכט, ווי אַ פאַרפרוירענע פאַרע. עס האָט זיך געפילט דער ריח פון פאַרפרוירענעם שליים.

יאַכעט האָט אָפּגעאָטעמט, די אויסגעאָטעמטע פון איר מויל פאַרע איז פאַרפרוירן געוואָרן אין דער לופט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט:

— אַ גוטן! — האָט זי ערשט איצט אַ זאָג געטאָן — איר קול האָט אָפּגעהילכט ווי אַן עכאָ.

די ווייבער אין קראָם האָבן אויסגעדרייט די קעפּ, זי אָנגעקוקט. דער נידעריקער ברייטבייניקער יעקל האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַ נאַסער פאַרפרוירענער זאַק איז געווען אַרומגעבונדן אַרום זיינע לענדן, זיינע קורצע פינגער זענען געווען רויט פון קעלט און נעץ.

עטלעכע פאַרבאַבלטע אין טיכער ווייבער זענען געשטאַנען ביים טיש, באַטראַכט און באַטאַפּט די פיש. יעקל איז געשטאַנען פון דער צווייטער זייט טיש, און ער האָט געגעדט געציילטע ווערטער: „וויפל״?, „וועלכע״? האָט אָנגעקליבן, געוויגן, פאַרפּאַקט אין אַלטע צעקנייטשטע צייטונגען און גענומען באַצאָלט פאַר זיין סחורה.

אַ פרוי האָט אַריינגעשטעקט דורך דער טיר דעם קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרצן שפּיצן־שאַל.

— איר האָט לעבעדיקע קאַרפּן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— נאָר אָפּגעשטאַנענע לעשטשן און העכט זענען פאַראַן, די טייכן זענען פאַרפרוירן — האָט יעקל איר געענטפערט און געטאָן ווייטער זיין אַרבעט.

די פרוי, וואָס האָט געפרעגט, איז אַוועק, די ווייבער האָבן געקויפט, אַכטונג געגעבן אויף דער וואָג און באַצאָלט. יאַכעט האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, כסדר זיך צוגערוקט נענטער צום טיש. אַז זי איז צוגעקומען צום טיש, האָט יעקל אויפגעהויבן זיינע געגרינצלטע אויגן־לעפלעך.

— נעם די קאַראַשעס — האָט יעקל איר אַ זאָג געטאָן און איר אַ ווייז געטאָן מיטן קאָפּ אויפן קיישל מיט די פיש, דאָס קיישל איז געשטאַנען אויפן טיש אין דער זייט.

יאַכעט האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זי האָט אָנגעקוקט די קליינע ברייטע, גרוי־זילבערנע פישעלעך.

יעקל האָט נישט געוואָרט אויף יאַכעטס הסכמה, אַפילו נישט געפרעגט וויפל זי וויל. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ האַרט שטיק פּאַפּיר און יאַכעטן אָנגעוויגן אַ פונט פיש ווי יעדע וואָך. „אַ פערטעלע״ — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן און אַוועקגעלייגט איר דאָס פּעקל פיש. דאָס וואָרט „גילדן״ האָט ער ערשט שפּעטער צוגעגעבן.

יאַכעט האָט שנעל אַרויסגענומען פון טאַש די עטלעכע מטבעות און אַרויפגעלייגט זיי אויפן טיש.

די קעלט אויף דער גאַס האָט זי דורכגענומען. זי איז אַריין אין דער פּילצער גאַס, דאָס איז געווען איינע פון די הויפּטגאַסן אין שטעטל; די גאַס האָט געפירט צום הויפּט־טראַקט. יאַכעט האָט זיך געאיילט, זי איז געגאַנגען צו זרח בעקער. זי איז אַראָפּ אין קעלער און זי האָט מיט דער האַנט דורכן טיכל אַ שטופּ געטאָן די טיר. די וואַרעמקייט פון אויוון, אין וועלכן מען האָט געבאַקן ביי נאַכט, האָט זי אַרומגענומען.

זרח האָט געדרימלט, זיין קאָפּ איז געלעגן אויפן רויען מיט מעל אויסגעשמירטן קאַסע־טישל. זרח האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— געבערענגט דעם וואָכן־חוב, — האָט יאַכעט אים אַ זאָג געטאָן.

זרח האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַרויפגערוקט דאָס קאַפּל.

יאַכעטס הענט האָבן אַ גראַבל געטאָן אונטערן טיכל. זי האָט פון בוזעם אַרויסגעצויגן צוויי באַנקנאָטן:

— צוויי גילדן, ווי יעדע וואָך — האָט זי אַ זאָג געטאָן, זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפן טישל.

יאַכעט האָט אַ שפּרייז געטאָן צו דער פּאָליצע אין דער זייט. אויף דער פּאָליצע זענען געלעגן עטלעכע קיילעכיקע ברויט. יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען אַ ברויט און אַריינגעלייגט צו זיך אין קיישל. זי האָט אַ קוק געטאָן צו זרח זעט. זרח האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

יאַכעט האָט צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר, זי איז אַרויסגעלאָפן די פיר טרעפּ. די קעלט האָט זי ווידער אַדורכגענומען. צוויי הייזער ווייטער, ביי אַ ברייטער, נידעריקער כאַטע, האָט זי זיך פאַרהאַלטן. די טירן פון דער לאַנגער קראָם, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שאָפּע, זענען געווען אָפן. יאַכעט האָט איבערגעשפּרייזט די פּלאַכע הילצערנע שוועל.

אין ווינקל ביים פענצטער, אויף אַן איבערגעדרייט קעסטל ביי אַ קאַסע־טישל, איז געזעסן אַ ברייטבייניקער ייד, זיין ווייסע, לאַנגע באָרד איז געווען אַריינגעלאָזט אין זיין פוטער, ווי זי זאָל זיין פּאַרפאַקט. דער ייד האָט אָפּגעריסן זיין בליק פונעם ספרל, וואָס איז געלעגן פאַר אים אָפן, אַ קוק געטאָן אויף יאַכעטן און ווידער זיך איינגעקוקט אינעם ספר.

יאַכעט האָט פון בוזעם אַרויסגענומען צוויי גילדן, און אַ שפּרייז געטאָן:

— ר׳ אשר, מיין חוב! — האָט זי געזאָגט און אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפן טישל.

ר׳ אשרס גרויסע, גרויע ברעמען האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן געלט, צונויפגענומען די צוויי פּאַפּירלעך און זיי אַריינגעלייגט אין טאַש אַריין.

— נו, נו — האָט ר׳ אשר אַ ברום געטאָן און ווייטער אַריינגעקוקט אין ספר.

— ר׳ אשר, איך וועל זיך שוין אַליין באַדינען.

אין ווינקל איז געלעגן אַ קופּע קאַרטאָפּל, צוגעדעקט מיט שטרוי. אַנטקעגן, ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ פעסל מיט געזאַלצטע אוגערקעס און אַ פאַס מיט זויער קרויט. אין דער זייט זענען געלעגן ציבל און אַ הויפן מייערן. יאַכעט האָט אַרויסגענומען איר זעקל פון קיישל און זיך אַראָפּגעזעצט; זי האָט נישט געוואָלט זיך אָנבייגן, כדי אשר זאָל, חלילה, נישט זען אירע קני׳ען. זי האָט אָנגעקליבן אַ זעקל קאַרטאָפּל און דאָס זעקל אַרויפגעשטעלט אויף דער וואָג. „קוקט, ר׳ אשר, צוואַנציק פונט" — האָט זי אַ זאָג געטאָן. זי האָט אָנגעקליבן און אָפּגעוויגן צוויי פונט ציבל. דריי מייערן האָט זי צוגעלייגט צו די קאַרטאָפּל. דאָס זעקל האָט זי פאַרבונדן מיטן שטריקל, וואָס איז געווען צוגעקנופּט צום זעקל. מיט איין האַנט האָט זי אָנגענומען דאָס קיישל. דאָס זעקל קאַרטאָפּל האָט זי גענומען אונטערן אָרעם פון דער צווייטער האַנט.

יאַכעט איז אַרויס פון קראָם, און נאָר איבערגעשפּרייזט די שוועל, אַריין אין דער דערבייאיקער טיר, צו שרה־לאהן אין קראָם. יאַכעט האָט זיך אַדורכגעשטופּט מיטן זעקל דורך דער האַלב־אָפענער טיר.

— יאַכעט, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכן די קינדער?

— דאַנקען גאָט — האָט יאַכעט איר געענטפערט. יאַכעט האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קעסטל. איר טיכל האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט איבער

די אַקסלען. — שרה־לאה, גיסט זיך אַן עצה? — האָט יאַכעט זי אַ פרעג געטאָן.

שרה־לאה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „גאָט איז אַ טאַטע״ — האָט זי אַ זאָג געטאָן יאַכעטן, שרה־לאה איז געווען אַן אלמנה, איר זון, וואָס האָט יונג חתונה געהאַט, האָט איצט געדינט אין מיליטער. די שנור איז געלעגן אין קימפּעט.

— אַ געראָטן קינד? — האָט יאַכעט אַ פרעג געטאָן.

— ווער צו גאָט האָפט — האָט שרה־לאה געענטפערט.

אַ ווײַלע האָבן בײדע װײַבער געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט אַ ווינט זיך אַרײַנגעריסן דורך דער אָפענער טיר; דער ריח פון פעסל נאַפט האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער קראָם.

— נו, גרייט מיר צו דעם ספּראָוונעק — האָט יאַכעט זיך אָנגערופן.

— יאָ, קרוינעשי — האָט שרה־לאה געענטפערט און זיך צוריק אויסגעדרייט צו איר מיטן פנים.

שרה־לאה איז געווען אַ סך עלטער פון יאַכעטן. זי האָט געטראָגן אַ קופקע מיט אַ ציטער־שפּילקע אויפן קאָפּ און אַ ברוין פעלצל אַן אַרבל. זי האָט מיטן שפּיץ פון איר פאַרטעך אויסגעווישט די מויל־ווינקלען און זיך אַ פּאָרע געטאָן: אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ גרייט אָנגעוויגענעם טיטל מיט צוקער, אָפּגעריסן אַ גרוי, דיק ווי פּאַפּע, שטיק פּאַפּיר, און מיט אַ לעפל אַרײַנגעלייגט אין דעם פּאַפּיר רויטע פון צוויקל געמאַכטע מאַר־מאַלאַדע. זי האָט אָפּגעוויגן, געטראָפן די וואָג: „אַ פערטל פונט״. פון אַ פעקל האָט זי אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ציקאָריע און עס אָװעקגעלייגט אויפן טיש. אין אַ שקאַרמיצל האָט זי אָפּגעוויגן פינף און צוואַנציק לויט נישט־געמאָלענע קאַווע, און אין אַ פּאַפּירל — פּאַרוויקלט אַ זשמעניע הייוון, אירע קלײנע, דיקע פינגער האָבן שנעל זיך באַוויגן.

יאַכעט איז געזעסן און געקוקט וואָס שרה־לאה טוט. מיט אַ מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן: — שרה־לאה, פאַרגעס נישט די קינדער, גיב זיי שבת־אויבסט.

שרה־לאה האָט אָנגעשיט אין אַ קלײנעם טיטל אַ ביסל „רעבעלעך״, אין אַ פּאַפּיר פּאַרוויקלט אַ ביסל קיילעכיקע קאָלירטע צוקערלעך און עטלעכע מאַרמאַלאַדקעס.

— וויפל צאָל איך?

— אָנדערטהאַלבן גילדן מיט פינף גראָשן, האָט שרה־לאה געזאָגט.

יאַכעט האָט זיך איינגעהילט אינעם טיכל און מיט צוויי שפּיצן פון טיכל זיך אַרומגעבונדן דעם האַלדז, זיך פאַרזיכערט, אַז דאָס טיכל זאָל אין גאַנג איר נישט אַראָפּפאַלן. דאָס זעקל קאַרטאָפל האָט זי גענומען צו זיך, אָנגעלענט עס אויפן בויך, צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט; דאָס קיישל האָט זי גענומען אין דער צווייטער האַנט. זי איז אַוועק צו דער טיר.

דאָס קיישל און דאָס זעקל קאַרטאָפל איז איר געווען שווער. זי האָט ווייט נישט געדאַרפט גיין — בלויז דריי הייזער ביז מאַכל מעלער. די לעצטע טריט האָט זי פאַרשנעלערט, זי איז דורך דער אָפענער טיר פון מעל־שפּייכלער ווי אַריינגעפאַלן אָן אָטעם. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַראָפּגעלאָזט די משׂא, זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם זעקל קאַרטאָפל און אָפּגעסאַפּעט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן קיישל, צי עס איז גאָרנישט אַרויסגעפאַלן. דאָס שייטל האָט זיך איר אַרויפגערוקט. פעך־שוואַרצע, אונטערגעשווירענע האָר, האָבן אַפּערגעקוקט פון אונטער איר שייטל.

אין דער רעכטער זייט שפּייכלער זענען געלעגן זעק מיט קאָרנמעל, גרייט פאַר די בעקער. אויף דער וואַנט אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ גרויסע שנעלוואָג. דאָס פענצטער פון שפּייכלער איז געווען פאַרהאַקט מיט אַן אייזערנעם לאָדן. אין ווינקל אונטערן פענצטער, ביי אַ טישל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ טישוואָג, איז געזעסן מאַכל. הינטער אים זענען געלעגן עטלעכע זעקלעך ווייצנמעל. איין זעקל אין דער זייט איז געשטאַנען אויפגעשטעלט, געווען אָפן.

יאָסקע דער טרעגער, אַ נידעריקער ברייטבייניקער ייד, איז צוגעגאַנגען צו דער זעק־פּיראַמידע. ער האָט צעשטעלט די פיס און זיך אָנגעבויגן, מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט אַן אויער פון אַ זאַק, אים אויפגעשטעלט און אַרויפגעלייגט זיך אויף דער פּלייצע.

יאָסקע איז געגאַנגען אַ געבוקטער צו דער טיר. ער האָט צוגעהאַלטן דעם זאַק מיט איין האַנט פון אויבן.

יאַכעט האָט געקוקט און געוואַרט. איצט האָט יאַכעט אַרויסגענומען פון קיישל אַ זעקלע. זי איז צוגעגאַנגען צו מאַכלען:

— ר׳ מאַכל, פאַר אַ גילדן מעל — זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש דאָס זעקלע און דאָס געלט.

מאַכל האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דאָס זעקל און ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם זאַק מעל. מיט דער שופלע האָט ער אָנגעשיט אַ האַלב זעקלע מעל.

— אַ געזונט אין אייך! — זי האָט גענומען דאָס זעקעלע מעל פון זיין האַנט, פאַרדרייט דעם ליידיק־געבליבענעם האַלדז פונעם זעקעלע און זי איז אַוועק צו איר קיישל.

יאַכעט איז אַרויס אויף דער גאַס. אויפן ווייטן הימל האָט גענומען זיך אָפּדעקן אַ שפּיץ פון אַ בלאַס לבנה־הערנדל, פון הינטער די כאַטעס האָט זיך געשפּאַרט די נאַכט.

די נאַכט האָט זיך געשטעלט אַ פּראַסטיקע, די שינדלען אויף די דעכער האָבן געטרעשטשעט. יאַכעט איז געגאַנגען שנעל. אירע באַקן זענען געווען רויט אַדורכגעפרוירן. אַז יאַכעט איז אַריין אין דעם שמאָלן געסל, אין וועלכן זי האָט געוווינט, האָט זי נאָך פאַרשנעלערט איר שריט. דער הויכער שיפער דאַך פון דער כאַטע איז געלעגן ווי אָנגעשפּאַרט אויף דער באַשנייטער ערד, דער אויסגעטרעטענער אין שניי שטעג האָט זי אַריינגעפירט אין איר פאָדערהויז.

אין פאָדערהויז איז געווען פינצטער. די לופט צווישן די הילצערנע נידעריקע ווענט איז געווען געפרוירן און טוכלע. זי האָט זיך געהיטן, זי זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין עפּעס. אַז זי האָט מיטן שפּיץ שוך אָנגעקלאַפּט אין איר טיר, איז זי שטיין געבליבן, זי האָט מיט דער האַנט אָנגעדריקט דעם סקאָבל, די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט.

אין שטוב איז געווען פינצטער. זי איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום אויוון, זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט פון זיך דאָס זעקל קאַרטאָפל. דאָס קיישל האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן זעקל. זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס טיכל און עס אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט.

ג

יאַכעט האָט אויסגעשטרעקט די הענט און ווי אַ סגי־נהור גענומען גיין, זיך צוגעשאַרט צום שענקל. זי האָט אָנגעטאַפּט די שוועבעלעך. אַ שוועבעלע האָט זיך אָנגעריבן, אַ פלעמל האָט אַ בליץ געטאָן. אין אַלע ווינקלען האָבן אַ פלאַטער געטאָן שאָטנס. יאַכעט האָט שנעל אַראָפּ־גענומען דאָס גלעזל פון לאָמפּ און אַרויסגעדרייט די קנויט. עס האָט זיך דערפילט אַ נאַפט־סוואָנד. זי האָט אַרויפגעשטעלט אויפן לאָמפּ דאָס גלעזל און אַראָפּגעדרייט דעם פלאַם. דער פלאַם האָט עטלעכע מאָל אַ צאַנק גע־טאָן, די זאַכן אין שטוב האָבן זיך ווי באַוויגן. איצט האָט די ליכטשיין זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער שטוב. די זאַכן אין שטוב: דער טיש,

די בענקלעך, דער אויוון אין ווינקל און דאָס שענקל אַנטקעגן — האָבן זיך אַנטפּלעקט. אין ווינקל אויף אַ באַנק איז געשטאַנען דאָס שעפל, אָפּגע־רוקט אַ ביסל — דער קיבעל מיט וואַסער. דאָס זעקל און דער סענקאַטער שטעקן, מיט וועלכע פּייוול האָט געשפּרייזט איבער די דערפער, איז גע־שטאַנען אין ווינקל. דער שטעקן און דאָס זעקל האָבן ווי געוואַרט, אַז אָט־אָט גייט פּייוול מיט זיי אַוועק.

יאַכעט האָט געקוקט אויף די שלאָפנדיקע. דאָס בעטגעוואַנט אויפן בעט איז געווען צעקנוידערט. זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אַוועקגערוקט די פּייערקע, אַרויסגענומען פון הינטערן אויוון עטלעכע אָנגעבראָכענע שטיק־לעך קאָטרעס, די קאָטרעס צוגעלייגט צום פּייער און פאַררוקט צוריק די פּייערקעס. דער פלאַם אין אויוון האָט גענומען טליִען פון דאָס ניי.

פּייוול האָט זיך איבערגעוועקט. באַלד איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט. יאַכעט האָט גענומען פונאַנדערפּאַקן און פונאַנדערלייגן די איינגע־קויפטע זאַכן. פּייוול איז געשטאַנען און געקוקט וואָס זי טוט. יאַכעט האָט זיך אויסגעגליכן. זי איז שטיין געבליבן מיטן פלייש אין האַנט, זי האָט מיטן פוס אָפּגעשטופּט אין אַ זייט דאָס זעקל קאַרטאָפל, עס זאָל איר נישט שטיין אין וועג. זי איז צוגעגאַנגען צום קיבעל וואַסער, זי האָט אָפּגענומען די שיסל פון אונטערן בענקל, אויף וועלכן עס איז גע־שטאַנען דער קיבעל וואַסער, אָנגעגאָסן די שיסל מיט וואַסער און איינגע־ווייקט דאָס פלייש.

— דער „שבת” איז אין שטוב — האָט פּייוול געזאָגט.

— דאַנקען גאָט!

— מאַמעניו — האָט זלאַטעלע אַ דערשטוינטע אויסגערופן און זי איז זיצן געבליבן מיט אויפגעריסענע אויגן. דאָס מיידל האָט זיך פאַרשטעלט מיטן עלנבויגן די אויגן; די לאָמפּנשיין האָט זי אַ בלענד געטאָן. זי האָט זיך געוווּנדערט. ווען זי איז איינגעשלאָפן, האָט דער לאָמפּ נאָך נישט געברענט. באַלד האָבן זיך אויך איבערגעוועקט רבקהלע און יאָסעלע.

יאַכעט האָט אַריינגעווישט די הענט אין אַ שטשערקעלע, וואָס איז געלעגן אין דער זייט.

— קינדער, עסן און שלאָפן — אין איר רעדן האָט זיך געפילט, אַז זי אייַלט זיך. די צוויי מיידלעך האָבן זיך אָנגעקוקט, ביידע האָבן געשוויגן.

יאַכעט האָט זיך אַ פאַרע געטאָן; זי האָט אָפּגעשניטן דריי מוציאס ברויט, באַקראַצט זיי פון אויבן מיט מאַרמעלאַדע. פון איין מוציא האָט זי

אַרומגעשניטן דאָס רינדל. זי איז אַוועק צום אויוון, דאָרט אָנגעגאָסן דריי בלעכענע טעפּלעך מיט באַוואַרקע, זיי צוגעטראָגן און אויסגעשטעלט זיי אויפן טיש: „טעכטער, עסט״!

פייוול האָט זיך אויך געזעצט צום טיש מיטן זון אויף דער שויס. ער האָט דאָס ייִנגל געהאַלטן אין די אָרעמס, ער זאָל האָבן פרייע הענט. פייוול האָט זיך צוגעשאַרט דאָס אַרומגעשניטענע שטיקל ברויט און זיך געגרייט געבן דעם זון עסן.

פייוול האָט מיט דער האַנט געריסן שטיקלעך פונעם מוציאלע ברויט און מיט צוויי פינגער זיי געלייגט דעם ייִנגל אין מויל אַריין. מיט אַלע פינגער פון דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס טעפּל, עס זאָל זיך אים נישט אַרויסגליטשן און געגעבן יאָסעלען צו טרינקען.

יאַכעט איז אַוועק צום בעט, זי האָט אַראָפּגענומען די אייבערשטע קאָלדרע און צענומען דאָס בעטגעוואַנט, גענומען רבקהלען אונטערן אָרעם. רבקהלע האָט זיך נישט געוועדט. יאַכעט האָט איר אָפּגעווישט דאָס מויל און די פינגער מיטן האַנטעכל, וואָס איז געווען איבערגעהאַנגען איבערן בענקל. זי האָט אַראָפּגעצויגן פון איר דאָס קליידל, די שטרימפּ און די שיך און זי אַריינגעלייגט אין בעט. דערנאָך האָט זי גענומען יאָסעלען, אויסגעטאָן אים און צוגעלייגט צו רבקהלען, און מיטן איבערבעט אַרומ־געדעקט ביידע קינדער.

פייוול איז געזעסן אַן אײַנגעבויגענער, מיט די הענט אויפן טיש. זלאַטעלע איז געשטאַנען ביים פענצטער. זי האָט מיט אַ פינגער געפירט איבער די פאַרפרוירענע אויף די שייבלעך, אייז־מוסטערן. יעדע ווײַלע האָט זי צוגעלייגט איר קעפּל צום פענצטער. זי האָט געוואָלט זען די נאַכט, פאַר וועלכער זי האָט מורא געהאַט.

יאַכעט האָט אַרויסגערוקט אין שטוב אַריין דאָס זעקל קאַרטאָפל, דאָס קליינע קובלקעלע אָנגעגאָסן מיט וואַסער און עס צוגעשטעלט צו די קאַרטאָפל, אָפּגערוקט פון אונטערן בעט דאָס פּוסבענקעלע און אַ נעם געטאָן אין האַנט אַריין דאָס קאָשיקל.

— זלאַטעלע! — האָט זי אַ רוף געטאָן די טאָכטער. די טאָכטער האָט זיך אומגעקוקט — נאָ, שייל! — און דערלאַנגט איר דאָס קאָשיקל.

זלאַטעלעס אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן פון פרייד. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס מעסער פון דער מוטערס האַנט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל.

— פייוול, גיי אויף שלאָפן — האָט יאַכעט געזאָגט.

— איך וועל אונטערוואַרטן ביז אונדזער „קדיש" וועט קומען — האָט ער איר געענטפערט.

יאַכעטס גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אָנגעקוקט פּייוולען;

— לייג זיך, לייג זיך, אַז ער וועט קומען, וועסטו זיך אויפכאַפּן.

זלאַטעלע איז געזעסן און געשיילט די קאַרטאָפל, אירע קליינע הענט האָבן קוים געהאַלטן דעם קאַרטאָפל און דאָס מעסער, אָבער זי האָט געשיילט דין. יעדן אָפּגעשיילטן קאַרטאָפל האָט זי מיט פּאַרנעם אַריינגעוואָרפן אין קיבל. נאָך יעדן אַריינגעוואָרפענעם קאַרטאָפל האָט דאָס וואַסער אַ צאַפּל געטאָן און זי באַשפּריצט.

פּייוול האָט מיט ביידע הענט זיך אויסגעצויגן די באָרד, געזאָגט „קריאת שמע". ער האָט אָפּערגערוקט אַ בענקל און זיך אָוועקגעזעצט פּאַמעלעך. ר'האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן די שטיוול, דעם שפּענצער און דערנאָך די הויזן. ער האָט אונטערגעהויבן דעם שפּיץ פון איבערבעט און זיך אַרונטערגערוקט, זיך צוגעלייגט צו די קינדער. ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט פון אונטערן איבערבעט. ער האָט נישט געוואָלט איינשלאָפן, אָבער די אויגן זיינע האָבן זיך פאַרמאַכט.

יאַכעט האָט אָפּערגענומען ס'זאַלץ־ברעטל פון אונטערן וואַסער־קיבעל, עס איבערגעלייגט איבערן שעפל. זי האָט געברענגט דאָס טעפּל מיטן זאַלץ און זיך געשטעלט זאַלצן דאָס פלייש. געזאַלצן דאָס פלייש האָט זי פון אַלע זעקס זייטן און עס אַרויפגעלייגט אויפן ברעטל. זי האָט אָפּערגענומען פון אונטערן אויוון דעם מולטער און אים אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון, אַרויסגענומען פון שענקל דאָס זעקל מעל, אַראָפּגענומען דאָס זיפּל פון איבערן אויוון און געזיפּט דאָס מעל אין מולטער אַריין.

אַז זי איז דערמיט פאַרטיק געוואָרן, האָט זי מיט דער האַנט צעשאַרט דאָס מעל, געמאַכט אַ גריבל און דאָרט אַריינגעקרישלט דעם הייוון. זי האָט אַריינגעשיט אַ ביסל צוקער, אַריינגעטאָן אַ זשמענקע זאַלץ, אַריינגעקלאַפּט צוויי אייער, אַריינגעגאָסן אַ ביסל וואַרעם וואַסער און מיט אַ גאָפּל פאַרמישט די ראַשטשענע. זי האָט די ראַשטשענע אָפּגערוקט אין אַ זייט און איבערגעדעקט מיטן טיכל, זי זאָל יערן.

יאַכעט האָט גענומען דאָס קיך־מעסער און זי איז צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער, זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קופּקע שיילעכץ און אַ זאָג געטאָן:

— שייל דין!

— זע! — האָט זלאַטעלע געענטפערט דער מוטער און אַ ווייז געטאָן איר אויפן שיילעכץ. זלאַטעלע האָט זיך אויפגעשטעלט און דער מוטער אָפּגעטרעטן דאָס אָרט. אַליין האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָל.

יאַכעט האָט זיך אַוועקגעזעצט. דאָס לאָמפּן־ליכט איז געווען גרין. אין די ווינקלען אַרום דעם בעט, דעם שענקל און דעם טיש האָבן געלויערט שאָטנס. אויך יאַכעט מיט דער טאָכטער האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען ווי שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך. ביידע האָבן געשיילט צוזאַמען. עס האָט זיך געהערט נאָר דער וואַסערפליוך נאָך יעדן אַריינגעוואָרפענעם אין קיבעל קאַרטאָפל.

פּלוצעם האָט די טיר אַ קרעכץ געטאָן און זיך אויפגעפּראַלט. פייוול האָט געעפנט די אויגן. יאַכעט האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון די קאַרטאָפל.

— דוד! — האָט זלאַטעלע אַ שריי געטאָן.

דאָס צעניערקע יינגל האָט פאַרקלאַפּט די טיר. אַ ווײַלע האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. דער קאָלנער פון פּאַלטן איז געווען אויפגעשטעלט. ס׳קאַשקעטל אַריבערגערוקט איבער די אויערן, זיי זאָלן נישט אָפּפרירן. „טאַטע״! — האָט דוד אויסגערופן און ער איז צוגעלאָפן צום פאָטער. דוד האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט, ווי ער זאָל זיך וועלן אַרויפלייגן אויפן פאָטער.

פייוול האָט אָנגענומען דודס האַנט און זי אַרויפגעלייגט זיך אויף דער נאַקעטער ברוסט. מיט זיין צווייטער האַנט האָט ער געגלעט דודס קיילעכיק, אויסגעפרוירן פּנים. דער זון האָט אַריינגעקוקט דעם טאַטן אין די אויגן אַריין.

— דודל, קום עסן! — האָט די מוטער געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

דער פאָטער האָט אַרויסגעלאָזט דעם זונס האַנט: דוד האָט זיך צעקנעפּלט, אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם פּאַלטן און אים אַ וואָרף געטאָן. דער פּאַלטן איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ בענקל. דוד האָט אַרויפגערוקט זיך דעם קאַשקעט און זיך איינגעריבן די הענט.

דוד האָט געהאַט גרויסע, שוואַרצע אויגן, ווי די מוטער. זיינע רויטע פּיאות זענען געווען שפּיציק, געלעגן צוגעפּלאַטשטעט צו זיינע אָפּגעצויגענע באַקן. דוד איז צוגעגאַנגען, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים טיש און געוואַרט.

די מוטער האָט אונטערגערוקט דודן דאָס עסן, וואָס איז געווען

אויפן טיש: דאָס ברויט און דאָס גלעזל מאַרמעלאַדע. זי איז אַוועק צום אויוון און זי האָט אָנגעטאַפּט דאָס טעפּל וואַסער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

דער פאָטער האָט אַרויפגערוקט זיך דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ און ער איז זיצן געבליבן אויפן ראַנד פון בעט, די פיס אַראָפּגעלאָזט. די מוטער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר דודן אַ וואַרעם טעפּל „באַוואַרקע״. דערנאָך האָט זי צונויפגענומען און אויפגעהאָנגען די מלבושים.

זלאַטעלע איז געזעסן שטיל און געשיילט די קאַרטאָפל. פון מאָל צו מאָל האָט זי אַ קוק געטאָן פון דער זייט; זי האָט מורא געהאַט זיך אָנצורופן, די מוטער זאָל זי נישט שיקן שלאָפן.

דוד האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש דאָס ליידיקע טעפּל. ער האָט זיך אַראָפּגערוקט פון בענקל, זיך אויפגעשטעלט און ער איז אַוועק עטלעכע שריט פון טיש. ער איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב.

— פּייוול, נעם דעם זון און גייט שלאָפן — האָט יאַכעט געזאָגט.

פּייוול האָט זיך אויפגעשטעלט און ער איז צוגעגאַנגען צו דודן. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן ייִנגלס אַקסל און אים אַוועקגעפירט מיט זיך.

דאָס אַלקערל איז געווען אַ קליין צימערל. די ווענט זענען געווען הילצערנע, די סטעליע איז געווען באַשאַלעוועט מיט סענקאָטע ברעטלעך. הויך אין דער וואַנט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, איז געווען אַ פענצטערל. ווינטער איז דאָס פענצטערל געווען פאַרהאַקט מיט אַ הילצערנעם לאָדן.

אויף די צוויי ווענט, זיך אַנטקעגן, זענען געשטאַנען צוויי אייזערנע בעטן. אויף דער וואַנט, אין וועלכער עס איז געווען די טיר, איז געשטאַנען די ברייטע, צווייטיריקע שאַנק, וואָס האָט געהאַט אַ געזימס אין דער הייך, אינעם אַלקערל איז נישט געווען קיין לאָמפּ. ביי נאַכט האָט דאָס לאָמפּן־ליכט פון שטוב אַריינגעשיינט דורך דעם אָפענעם טירל.

פּייוול האָט צענומען פּאַמעלעך איינס פון די פאַרבעטע בעטן, ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון. דוד איז שוין געווען אויסגעטאָן, ער האָט געציטערט פון קעלט.

— קריך אַריין! — האָט פּייוול זיך אָנגערופן.

פּייוול האָט זיך צוגעיאָגט. ער האָט איילִיק זיך אויסגעטאָן און שנעל

זיך צוגעלייגט צום זון. דער זון האָט זיך געוואָרעמט אין פאָטער, דער פאָטער אין זון.

יאַכעט איז צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער, זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט און זי אַ נעם געטאָן אויף די אָרעמס. דאָס קאָשיקל איז אַרויס־געפאַלן זלאַטעלען פון דער האַנט. יאַכעט האָט פון איר אַראָפּגעצויגן דאָס בלויע פלאַנעלע קליידל, אַראָפּגעצויגן די שטרימפּ און די שיך און זי האָט זי צוגעלייגט צו די אַנדערע קינדער.

אין שטוב איז געווען וואַרעם. יאַכעט איז געזעסן אויפן בענקעלע און געשיילט די קאַרטאָפל, זי האָט געשיילט שנעל, יעדער ווײַלע האָט דאָס וואַסער אין קיבל אַ פליוך געטאָן, די שיין אין שטוב איז געווען גרין. דאָס שענקל, ווו דער לאָמפּ איז געשטאַנען, האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי ער זאָל פלאַמען. יאַכעט האָט געשיילט און זיך אײַנגעהאָרכט.

— האָסט געקענט? — האָט פייוול געפרעגט דעם זון. דער פאָטער האָט געמוזט וואַרטן ביז דאָס יינגל האָט אים געענטפערט אַ פאַרשלאָפענער:

— יאָ.

— דער רבי האָט מיט דיר איבערגעחזרט?

דער זון האָט אים שוין נישט געענטפערט. ער איז געשלאָפן.

יאַכעט האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט אַ קוק געטאָן אונטערן בעט זי האָט דאָס קעסטל צוגעשטופט צום פוסבענקעלע, די טשוהונענע, צוויי־אויעריקע דיניצע אָנגעגאָסן מיט וואַסער, און צוריק זיך אַוועקגעזעצט אויפן פוסבענקעלע.

יאַכעט האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז זי איז אַליין, אַז אַלע שלאָפן שוין. פון מאָל־צו־מאָל האָט זי אויסגעבויגן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן צו די קינדער. די קלאָקעס זענען געווען פאַרמלאָז גרויס און טשערפּקע. אירע פינגער זענען געוואָרן שטייף. די מייערן האָט זי געשאָבן שנעל, די קופּע שייִלעכץ איז כסדר גרעסער געוואָרן. די זיסקייט פון די מייערן האָט זיך דערפילט איבער דער שטוב. אַז די דיניצע איז געוואָרן פול, האָט זי אַרויפגעלייגט דאָס מעסער אויפן פענצטער.

יאַכעט האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעטרייסלט פון זיך דאָס שאָלעכץ און זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון. זי האָט אונטערגעהויבן דאָס טיכל, אַ קוק געטאָן צו דער ראָשטשינע און זי איז אַוועק. זי האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט, אַראָפּגענומען דאָס טיכל פון מולטער און זיך געשטעלט פאַר־קנעטן.

דער אָנגעקאָלכטער איווון, וואָס האָט געהאַט איין בלעך מיט צוויי פּייערקעס, האָט איר געדינט פּאַר אַ טיש. זי איז געשטאַנען מיט אַן אויס־געבויגענעם רוקן און געקנעטן אין מולטער. זי האָט יעדעס מאָל צוגענומען נאָך אַ ביסל און נאָך אַ ביסל פונעם מעל, די ראָשטשינע איז כסדר האַרטער און גרעסער געוואָרן, געוואָרן אַ טייג, וואָס האָט זיך געצויגן און געקלעפּט. דאָס מעל אויף די ראַנדן פון מולטער האָט זי געלאָזט, זי זאָל האָבן צו פאַרקנעטן. דאָס טייג איז כסדר פעסטער געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קנויל. יאַכעט האָט געקנעטן ביז די קנויל טייג איז קיילעכיקער געוואָרן. זי האָט מיט די פינגער געפּרוווט דאָס טייג. האַלטנדיק די הענט איבערן מולטער, האָט זי פון די פינגער אָפּגעריבן זיך דאָס צוגעקלעפּטע צו זיי טייג, דערנאָך האָט זי פון שענקל אַרויסגענומען אַ טישטעכל און מיט דעם איבערגעדעקט דאָס טייג. איצט האָט זי געברענגט אַ קישן און איבערגעדעקט דאָס טייג.

דער פראָסט אין דרויסן האָט דורך די שפּאַרעס זיך אַריינ־באַקומען אין שטוב אַריין. יאַכעט איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. אַ ווײַלע האָט זי אויפגעהאָרכט. אין שטוב איז געווען שטיל, די קינדער האָבן געאָטעמט, פּייווול האָט געשנאָרכט. זי איז צוגעגאַנגען צום שעפל און האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן די פיש; די פיש זענען געלעגן אויפן פאָל אין ווינקל ביי דער טיר. זי האָט די פיש צוגעטראָגן צום שעפל, אַוועקגעשטעלט אויפן פאָל דעם רויטן עמאַליענעם טאָפּ, און גענומען דאָס מעסער פון פענצטער. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די קני'ען און גענומען זיך פאָרן ביי די פיש, יעדעס פישל גענומען אין האַנט אַריין, ביי יעדן פישל אונטערגעהויבן דאָס קעפל און אַ קוק געטאָן, צי די קימען זענען רויט־פריש, אָפּגעשאָבן דאָס פישל, האָט זי לאַנגזאַם אויפגעשניטן דאָס בייכל, זי זאָל נישט צעקוועטשן די גאַל, און זי אַרויסגענומען. זי האָט אָפּגעשניטן דאָס קעפל, צעשניטן דאָס פישל און עס אויסגעגרעט. אַז זי האָט געענדיקט, האָט זי דעם טאָפּ אָפּגערוקט אין אַ זייט, אויסגעגליכן זיך דעם רוקן און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט אויסגעוואַשן דאָס מעסער און די האַנט, דאָס מעסער צוריק אַרויפגעלייגט אויפן פענצטער, דעם טאָפּ מיט די פיש צו־געשטעלט צו די רעשט טעפּ, וואָס זענען געשטאַנען אונטערן פענצטער, און די טעפּ אונטערן פענצטער, מיט די האַלב־צוגעגרייטע מאכלים, איבער־געדעקט מיט אַ האַנטעך.

יאַכעט האָט פֿאַרלייגט זיך די הענט אונטער די אָרעמס, געוואַלט דערוואַרעמען אירע אַדורכגעווייקטע פֿינגער. די זאַכן אין שטוב זענען אינעם האַלב־טונקעלן ליכט געווען קענטיק אין אירע אויגן. זי האָט גע־נומען זיך אויסטאָן, אירע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט, זי האָט געזאָגט קריאת־שמע. זי האָט זיך אויסגעגליכן און אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דאָס קלייד און די שיך מיט די זאָקן. אַ באָרוועסע האָט זי פֿאַרלאָשן דעם לאָמפּ אין דער פֿינצטער אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ דאָס שייטל און אַוועקגעלייגט עס אויף אַ בענקל. די האַלקע האָט זי נישט אויסגעטאָן, זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און אַרונטערגעקראָכן אונטערן איבערבעט. זי האָט זיך צוגעלייגט צו זלאַטעלען, דערפֿילט די וואַרעמקייט פֿון די קינדער און די מידקייט פֿונעם גאַנצן טאָג.

אין שטוב איז געווען קאַלט און פֿינצטער. אַלע זענען געשלאָפֿן.

ד

יאַכעט האָט אויפֿגעריסן די אויגן. אין שטוב איז געווען נאָך פֿינצטער, אָבער די קאָנטורן פֿון די שטוב־זאַכן זענען געווען שוין דייטלעך. יאַכעט איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם בעט, זי האָט אַ ציטער געטאָן פֿון קעלט, שנעל אויף זיך אַרויפֿגעצויגן די שטרימפּ און פֿאַרשנורעט אויף זיך די שיך, פֿאַרוואָרפֿן אויף זיך דאָס קלייד און עס פֿאַרקנעפּלט, מיט די שפּיץ־פֿינגער צוגעגלעט די האָר פֿונעם שייטל און עס זיך אָנגעטאָן. זי איז אַוועק צום שעפֿל, זי האָט זיך אָפּגעגאָסן די הענט, זיך אויסגעשווענקט דאָס מויל און זיך אויסגעוואַשן די אויגן. זי האָט געווישט די הענט און אַ זאָג געטאָן „מודה אני״. די רעשט ווערטער פֿון דער ברכה האָט זי גע־זאָגט שטיל, זי האָט נישט געוואָלט אויפֿוועקן דאָס הויזגעזינט.

יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן, אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער. די שייבלעך זענען געווען פֿאַרפֿרוירן, דאָס אייז אויף זיי איז ווידער געווען גע־מוסטערס. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, אַלע זענען גע־שלאָפֿן. זי האָט אויך זיך אַרויפֿגעצויגן דאָס טיכל, זי איז צוגעגאַנגען צום שענקל און זי האָט אַרויסגענומען דעם עמייל־ווייסן מילכטאָפּ. זי האָט גענומען דאָס זעקל שיילעכץ, וואָס איז געלעגן ביי דער טיר, און שטיל געעפֿנט די טיר. אַ פֿראָסטיקע קעלט האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב.

יאַכעט איז אַדורכגעלאָפֿן דעם פֿינצטערן ליימיקן פֿאָדערהויז. אויף דער גאַס האָט זי אָפּגעאָטעמט. זי האָט זיך איינגעהילט נאָך שטאַרקער

אין טיכל און זי איז געלאָפן ווייטער, אַרום דער כאַטע, ביז זי איז אַריין אין דעם אָפענעם הויף. שוין פון דער ווייטנס האָט זי דערפילט די וואַרעמע מיסט־זויערקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן ווי אַ פּאַרע פון דעם אָפענעם שטאַל.

זאָשקע, אַ פופצן־זעכצן־יעריק שיקסל איז געזעסן אויף אַ קליין בענקעלע ביים אייטער פון דער קו און געוואַרט. דאָס שיקסל האָט געהאַט רויטע קיילעכיקע בעקלעך און העלע ווי שטרוי, האָר. די קו איז גע־שטאַנען אויף פריש, אונטערגעשפרייט שטרוי און אַרויסגעגעסן פון זשלויב.

— דזשען דאָברי — האָט יאַכעט איר זאָג געטאָן.

— גוט מאָרגן — האָט זאָשקע איר געענטפערט אויף יידיש. דאָס שיקסל האָט געשמייכלט און געוויזן אירע גרויסע ווייסע ציין.

יאַכעט האָט אַ וווּיז געטאָן איר דאָס זעקל שיילעכץ, אַוועקגעלייגט עס אין אַ זייט און דערלאַנגט זאָשקען דעם טאָפּ.

זאָשקע האָט גענומען דעם טאָפּ, אים אַריינגעשטעלט צווישן די קני:ען און מיט צוויי פינגער אָנגענומען דער קוס אַ ציצל און אַ ציי געטאָן; דער שטראָם מילך האָט אַ קלאַפּ געטאָן אינעם דנאָ פונעם ליידיקן טאָפּ.

— צוויי קוואַטירלעך! — האָט יאַכעט געזאָגט אויף יידיש און איר געוויזן צוויי פינגער.

זאָשקע האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי ווייסט. זאָשקע האָט געמאָלקן און געקוקט אין טאָפּ אַריין. זי האָט זיך געהיטן, זי זאָל נישט איבערגיין די מאָס, די מאָס איז געווען איר אויג.

— נעמען! — האָט זי געזאָגט אויף יידיש און דערלאַנגט יאַכעטן דעם טאָפּ.

יאַכעט האָט זיך אַרומגעהילט מיטן טיכל און זי איז אַרויס פון שטאַל. פון הויף האָט זי אַריינגעשריגן:

— זאָשקע! געלט נאָך שבת! — און זי איז אײַליק אַוועק.

ווי נאָר יאַכעט האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר האָט פּיוול זיך איבערגעוואָרפן. ער איז געבליבן ליגן מיט אויפגעריסענע אויגן. אין אַלקערל איז געווען האַלב־טונקל, ווי אין אַן אָרט ווו די מאָרגנליכט איז פאַרשטעלט. פּיוול האָט דערפילט לעבן זיך דעם זון. עס איז אים געווען וואַרעם, נאָר איבער די אַקסלען האָט ער געפילט קילקייט. זיי זענען געווען אויפגעדעקט.

ער איז אַראָפּ פון בעט, ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון, דאָס יינגל איז געשלאָפן.

פּיוול איז צוגעגאַנגען צום בענקל, ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן די הויזן, דערנאָך דעם שפּענצער. איצט האָט פּיוול זיך אָורעקגעזעצט, אויפגעהויבן יעדן פוס באַזונדער און אים אַרומגעוויקלט מיט דער צילקע, אַריינגעטאָן דעם פוס אין שטיוול און אים אַרויפגעצויגן אויפן פוס.

ער איז אַרויס פון אַלקערל, געגאַנגען צום שעפל. ער האָט זיך אָפּגע־גאָסן די הענט, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים, זיך אויסגעשוואָנקט דאָס מויל און צוגענעצט זיך די באָרד. די האָר פון זיין באָרד זענען ווי לענגער און רויטער געוואָרן. ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעווישט, האָט ער אַ זאָג געטאָן „מודה אני".

פּיוול איז צוגעגאַנגען צום אויוון, ער האָט אַריינגעלייגט עטלעכע שטיקלעך קאָטרעס און זיי אונטערגעצונדן. שנעל האָט זיך פונאַנדערגע־ברענט אַ פייערל. דער רויך האָט אים אַ ביס געטאָן אין די אויגן, דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט.

יאַכעט איז אַריין אין שטוב. דעם טאָפּ מיט מילך האָט זי אַרויפגע־שטעלט אויפן אויוון און זיך אָוועקגעשטעלט אַכטונג געבן, די מילך זאָל נישט אויסלויפן. פּיוול איז געשטאַנען און געקוקט ווי אויף דער מילך מאַכט זיך אַ שוים.

אַז די שוים אין טאָפּ האָט זיך אונטערגעהויבן, האָט יאַכעט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קלייד און דורך דער פאָלע אָנגענומען דעם טאָפּ ביים אויער. זי האָט דעם טאָפּ אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

אין שטוב איז געוואָרן העל, דאָס טאָגליכט האָט זיך געשפּאַרט אין שטוב אַריין דורך דעם פאַרפרוירענעם פענצטער. אין שטוב איז שוין געוועזן וואַרעם.

איצט האָט פּיוול זיך פאַרלייגט די הענט פון הינטן און גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב; זיינע אויגן זענען געווען פייכט און רויק. פּיוול איז געגאַנגען איבער די דערפער. טאָג נאָך טאָג, אַ גאַנצע וואָך, איז פּיוול געגאַנגען איבער די דערפער מיטן שטעקן אין האַנט און דעם זאַק אויף דער פּלייצע, יעדן טאָג איז ער מיטן קאַיאָר אַרויס פון שטוב. איצט איז אים אין שטוב געווען היימיש און גוט.

יאַכעט האָט אָנגעגאָסן דעם טייטאָפּ מיט וואַסער און אים צוגעשטעלט קאָכן. שפּעטער האָט זי זיך אָנגעבויגן און אָפּערגענומען פון אונטערן

בעט אַ ציבעלע. זי האָט די ציבעלע אָפּגעשיילט און אַרויסגענומען די אָפּגעשאָבענע מייער. דעם מייער און די ציבל האָט זי צעשניטן און זיי אַריינגעלייגט אינעם טאָפּ פליייש. זי האָט דעם טאָפּ אָנגעגאָסן מיט וואַסער ביזן ראַנד, אַריינגעשיט אַ ביסל זאַלץ און אים אַרויפגעשטעלט קאָכן אויף דער צווייטער פּייערקע. איצט האָט זי פון שענקל אַרויסגענומען דאָס טעפל מיטן צוואָרעך און צוויי לאַבן ברויט און אַרויפגעלייגט אויפן טיש. זי האָט גענומען דאָס מעסער און געשניטן דינע, גלייכע פּענעצן, אָבער איבער דער גאַנצער ברייט פון ברויט. די פּענעצן האָט זי צעשניטן אויף דער העלפט, פון יעדן פּענעץ געמאַכט צוויי מוציאס. זי האָט צע־שניטן נאָר אַ האַלב ברויט, דאָס אַנדערע האַלבע ברויט האָט זי אַוועק־געלייגט אין דער זייט. זי האָט דין באַשמירט די מוציאס מיט דעם צוואָרעך און די אָנגעשמירטע מוציאס ברויט פונאַנדערגעסדרט איבערן טיש. צוויי פון די מוציאס האָט זי אָנגעשמירט דיקער און זיי איבערגעלייגט מיט צוויי טרוקענע מוציאס.

יאַכעט האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש. זי האָט צוגערוקט זיך דעם צווייטן לאַבן ברויט. פּיוולס אַקסלען האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט דערזען דעם שליץ פון יאַכעטס ברוסטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און ער איז אַוועק אין אַלקערל.

דער צווייטער לאַבן ברויט איז געווען שוין בישט קיין „ראַזאָווע" ברויט. זי האָט אָפּגעגענומען פון אונטערן שענקל אַ בלעכענע געצינקטע שיסל, אָנגעגאָסן די שיסל מיט וואַסער, צעשניטן דאָס ברויט אויף שטיקער און די שטיקער ברויט איינגעווייקט.

דוד איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ פוס, געוואָלט אים אַריינטאָן אין דער באָגעווויצע, אָבער ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דער פאָטער האָט אים אונטערגעכאַפּט און געוואָלט העלפן אַרויפציִען די הויזן.

— איך קען אַליין — האָט ער אַ פאַרשלאָפענער געזאָגט מיט פאַרדרוס און זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט.

דוד האָט זיך אָפּגעגאָסן די הענט, אָפּגעצוואָגן זיך דאָס פּנים, זיך אַרומגעווישט און זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב. דאָס לייוונטענע העמד האָט אָפּגעקוקט פון הינטער זיין שפּענצער. ער איז געשטאַנען און געזאָגט אויפן קול:

— מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה, רבה אמונתך — ער האָט געוווסט, אַז ער פאַרשאַפט דערמיט דער מוטער נחת.

— זעץ זיך עסן! — האָט די מאַמע זיך אַ ווענד געטאָן צו אים.

זלאַטעלע האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט. די צוויי קלענערע קינדער האָבן זיך אויך איבערגעוועקט.

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש עסן, ער האָט געוווסט, אַז די דאָפלטע צוויי מוציאס איז זיין פאַרציע.

— עס פאַמעלעך — האָט דער פאָטער געזאָגט.

דאָס יינגל האָט אים נישט געענטפערט, ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט. די מוטער האָט אים צוגעטראָגן אַ טעפל מיט סאַכאַרין־געזיסטע „באַוואַרקע".

זלאַטעלע האָט שנעל אַרויפגעצויגן אויף זיך אירע דיקע שוואַרצע זעקלעך און צוגעשנירט זיך די שיך, זי האָט איבערגעצויגן איבערן קאָפּ זיך דאָס קלייד און זי איז אַוועק צום שעפל זיך וואַשן. דערנאָך האָט זי גענומען אין האַנט דאָס קעמל און זי איז אַוועק צו דער מוטער. יאַכעט האָט צוגעקנעפלט דער טאַכטער דאָס קלייד פון הינטן, גענומען פון איר דעם קאַם און זי פאַרקעמט, יאַכעטס פינגער זענען געווען געסטאַיעט.

די מוטער האָט אָנגעגאָסן דריי טעפלעך באַוואַרקע און זיי אָנגעזיסט. איינס פון די דריי האָט זי דערלאַנגט זלאַטעלען, דאָס צווייטע טעפל מיט אַ מוציא ברויט האָט זי דערלאַנגט רבקהלען אין בעט אַריין. יאַכעט איז אַוועק צום טיש, זי האָט גענומען די מוציא ברויט און אַרומגעשניטן דאָס רינדל. זי האָט גענומען דאָס דריטע טעפל און דאָס שטיקל ברויט און זי איז אַוועק צו יאָסעלען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און גענומען קאָרמען יאָסעלען.

דוד האָט אָפּגערוקט דאָס ליידיקע טעפל פון זיך, זיך אויפגעשטעלט פון טיש, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פאַלטן און זיך צוגעשאַרט צום בעט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אַפּערגעצויגן אַן אויסגעריבן שטיקל האָלץ, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט צוויי שטריקלעך — אַ „ליזשווע". דוד האָט די ליזשווע שנעל אַרונטערגערוקט אונטערן פאַלטן און אַ פאַרלייג געטאָן איין פאָלע איבער דער אַנדערער.

— נעם שניידן די מייערן — האָט די מוטער געזאָגט צו זלאַטעלען.

זלאַטעלע האָט אַוועקגעשטעלט אויפן פאָל אַן אַלט אייזערן טעפל,

גענומען דאָס קאָשיקל אין האַנט, זיך אַפּערגערוקט דאָס פּוסבענקעלע און זיך געזעצט שניידן די מייערן.

יאַכעט האָט דערווייל איבערגעשניטן די קלאָקעס. זי האָט די דיניצע אָנגעגאָסן מיט וואַסער און אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון. איצט האָט זי אַפּערגענומען דאָס האַקברעטל פון אונטערן אויוון, עס אָפּגעווישט און אַרויפגעלייגט אויפן אויוון אין דער זייט. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אָנגעטאַפּט דעם טאָפּ מיט די פיש. „אייז קאַלט" — האָט זי אַ זאָג געטאָן. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם טאָפּ פיש אויפן אויוון, אַ קוק געטאָן אין טאָפּ אַריין און גענומען איבערלייגן די פיש. יעדעס שטיקל פיש האָט זי געהאַלטן אין האַנט, דערנאָך עס אַרויפגעלייגט אויפן האַקברעט. זי האָט צונויפגעטראָגן און אַוועקגעלייגט אויפן אויוון אַלע צוגאָבן, וואָס זענען געווען נייטיק צו די פיש, זי האָט אויך אַרויס־גענומען פון שענקל, זיך צוגעגרייט דאָס העקל. דאָס איז געווען אַ קורץ שמאָל, שוואַרץ אייזערן העקל, וואָס האָט געהאַט אַ ווייסע טעמפּע אָפּגע־נוצטע שאַרף. דאָס הענטל פון העקל איז געווען קורץ, ווי אַ פויסט פון אַ מענטש. יאַכעט האָט זיך צוגערוקט אַ בענקל און זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט דאָס ברעטל מיט די פיש גענומען אויף דער שויס און מיטן העקל גענומען האַקן די פיש, די קלעפּ האָבן געהילכט הויל. די פּאַרע פונעם געקעכץ האָט גענומען אויספילן די שטוב.

די פיש זענען געווען האַלב־צעהאַקט און יאַכעט האָט גענומען אַריינטאָן די צוגאָבן. זי האָט אַריינגעהאַקט אַן איי און אַריינגעטאָן אַ היפּש ביסל פון דעם אויסגעווייקטן ברויט, אַריינגעשיט זאַלץ און פעפער און אַריינגעשניטן צוויי ציבעלעס. שניידנדיק די ציבעלעס, האָט זי אַוועק־געדרייט דעם קאָפּ, די אויגן זאָלן איר נישט טרערן, דאָך זענען זיי רויט געוואָרן. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי ווייטער געקלאַפּט די פיש.

אין שטוב איז שוין געווען וואַרעם און שטיל. די טוכלעקייט האָט געווירן. מיט אַ מאָל האָבן זיך דערהערט שווערע טריט, פיס האָבן זיך געשאַרט, אין דער אָפענער טיר פון אַלקערל איז שטיין געבליבן פייוול. דער של־ראש איז אים אַריבערגעהאָנגען איבערן שטערן, זיין קאָפּ איז געווען אַרומגעהילט מיטן טלית, דער לינקער אַרבל פון זיין שפּענצער און פון דעם העמד זענען געווען פאַרשאַרצט, זיין נאַקעטע האַנט איז געווען אַרומגעוויקלט מיט די רצועות, דאָס פליייש פון דער האַנט איז

געוועז איינגעשניטן — הודו לאדוני, קראו בשמו — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל אַריינרעדן אין שטוב אַריין.

פּיוול האָט זיך אויסגעדרייט, ער איז צוריק אַריין אין אַלקערל.

זלאַטעלע האָט געשניטן די מייערן, יעדע ווײלע האָט זי זיך צוגע־בויגן זען וויפל גאַנצע מייערן עס זענען נאָך איר געבליבן צום צעשניידן. מיט אַ מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן: „איך וועל באַלד ענדיקן", און זי האָט געשניטן ווײטער.

די מוטער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טאָכטער, איר פּנים האָט געשמייכלט. יאַכעט איז צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער. זי האָט די עטלעכע מייערן צוגעלייגט צו די קאַרטאָפל. דעם טאָפּ מיט די צע־שניטענע מייערן האָט זי גענומען פון זלאַטעלען. זי האָט די מייערן איבערגעשווענקט און זי איז מיט דעם טאָפּ אַוועק צום אויוון. יאַכעט האָט אַרויפגעגאָסן אויף אַ טעלער אַ ביסל וואַרעם וואַסער. איינגעטונקען די האַנטפלאַכן אינעם טעלער וואַסער און גענומען מאַכן די פיש. אין שטוב איז געוואָרן שטיל, יאַכעט האָט געאַרבעט. עס האָט זיך נאָר געהערט, ווי די יויך אויפן אויוון בולקעט זיך.

מיט אַ מאָל האָט זיך פון אַלקערל אַרויס דערהערט פּיוולס קול. ער האָט מיט זיין גראָבער שטימע ווי געבעטן זיך שלינגענדיק די ווערטער — „אהבה רבה אהבתנו"...

יאַכעט האָט געענדיקט מאַכן די פיש, אַ דריי געטאָן מיטן טאָפּ, די פיש זאָלן זיך אָנסדרן. דערנאָך האָט זי מיט די פינגער זיי צוגעגלעט, אַ ווײלע געקוקט אויף די פיש, מיט די אויגן געציילט די פּאָרציעס. זי האָט אַריינ־געשניטן אַ מייער, צעשניטן אויף לאַנגע, שמאָלע שטיקלעך, אַריינגעגאָסן וואַסער און דעם טאָפּ אַוועקגערוקט אין אַ זייט. דאָס ברעטל האָט זי געלאָזט ליגן, נאָר דאָס קיכמעסער און די הענט האָט זי אָפּגעוואַשן.

יאַכעט האָט געהערט, אַז פּיוול האָט געענדיקט דאַווענען. זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון, מיט ביידע הענט אָנגעטאַפּט דעם טאָפּ מיט וואַסער. דער טאָפּ איז געוועזן הייס, זי האָט דעם טאָפּ אָפּגערוקט אין אַ זייט, אָפּגעדעקט די שטאַרץ פון דעם טאָפּ יויך און אָנגעבויגן דעם קאָפּ — „עס פּאַרשמעקט"! האָט זי אַ זאָג געטאָן און זיך געקוויקט. אירע נאָז־לעכער האָבן אַ פלאַטער געטאָן. זי האָט צוריק צוגעדעקט דעם טאָפּ און אויך דעם טאָפּ אָפּגערוקט אין אַ זייט. פון אונטערן אויוונלאָך האָט זי אָפּערגעצויגן אַ האַרט שטיק קאָטרע, די קאָטרע צעריסן אין די הענט

און אַריינגעלייגט אין אויוון. דער פלאָם אונטער דער בלעך האָט אַ פלאַקער געטאָן. יאַכעט האָט אַרויפגערוקט אויפן פייער דעם טאָפּ מיט די פיש, די דיניצע מיט די קלאָקעס האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן צווייטן פייער.

פייוול האָט זיך ווי אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר און זיינע נאַזלעכער האָבן זיך צעצויגן, ער האָט דערפילט די זיסקייט פון די מאכלים.

— גענוג, גענוג שוין! גיי וואַש זיך! איך דאַרף דאָס פייער — האָט יאַכעט אים אַ זאָג געטאָן.

פייוול איז צוגעגאַנגען צום שעפל און זיך אָפּגעגאָסן די הענט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טשערקעלע און איז צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, געמאַכט אַ המוציא, איינ־געטונקען אין זאַלץ און עס איינגעשלונגען. איצט האָט ער זיך אָנגע־שניטן אַ גרעבערע מוציא ברויט און זי באַשמירט מיט צוואָרעך.

אויך אים האָט יאַכעט צוגעטראָגן אַ טעפּל אָנגעזיסטע באַוואָרקע. פּלוצעם איז זי אָפּגעשפּרונגען פון טיש: „אוי, וואָס שטיי איך״? — האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן. זי האָט מיטן פוס אַרונטערגערוקט דאָס פוסבענקעלע אונטערן בעט, זיך אַראָפּגעבויגן, און אָפּגערוקט אין אַ זייט די טעפּ. מיט דער שמאַטע פון אונטערן שעפל האָט זי אויסגעווישט דאָס שטיקל פּאָל. פאַרענדיק זיך, האָט זי מיטן רוקן זיך אָנגעשטויסן אין בעט, דאָס בעט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, די קינדער האָבן זיך איבערגעוועקט.

זלאַטעלע איז צוגעלאָפן און אַרויפגעקראָכן אויפן בעט. זי האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען באַרויִקן די קינדער.

יאַכעט האָט אַרויסגעראַבלט פון אַ טעפּל, וואָס איז געשטאַנען אין שענקל, אַ קלעצל צוקער. זי האָט דאָס קלעצל צוקער צעבראָכן אויף דריי און יעדן פון די קינדער דערלאַנגט אַ שטיקל.

זלאַטעלע האָט אַריינגענומען אין מויל דאָס גאַנצע שטיקל צוקער און געזאָגט צום ברודערל: „איך וועל דיך אָפּוואַשן, איך וועל דיך צו־קעמען, איך וועל דיר אָנטאָן דאָס שבתדיקע אָנצוגל, און וועל מיט דיר פאָרן שפּאַצירן אין וועגעלע, אַזוי ווי דעם קאָמענדאַנטס ווייב פאָרט מיט איר קינד״.

יאַכעט האָט אַראָפּגענומען די שטאַרץ פון דעם טאָפּ פיש, זי האָט אונטערגעהויבן דעם טאָפּ און אַריינגעקוקט: „פאַרטיק״! — האָט זי

אַ זאָג געטאָן און צוריק צוגעדעקט דעם טאָפּ — „עס פאַרשמעקט״! — דעם טאָפּ האָט זי אַריינגעטראָגן אין אַלקערל אַריין.

יאַכעט האָט געוואָרט פּייוול זאָל ענדיקן עסן; זי האָט געדאַרפט דעם טיש. אָבער דערווייל האָט זי זיך געפּאָרעט ביים טשאָלנט. זי איז געשטאַנען אַן איבערגעבויגענע איבערן טאָפּ קאַרטאָפל אויפן פאָל און מיט איין האַנט איבערגעוואָרפן די קאַרטאָפל אין וואַסער. די גרעסערע קאַרטאָפל האָט זי איבערגעשניטן אין צווייען, די גאָר גרויסע — אין פיר. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אויסגעגליכן און זי האָט אַ קרעכץ געטאָן, זי האָט דערפילט אַ ווייטיק אין די קריזשעס. איר פּנים איז געווען רויט, דאָס בלוט האָט די גאַנצע צייט געשטראָמט איר אין פּנים אַריין. זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דאָס געבליבענע רעפטל ברויט און עס איינגעביסן.

יאַכעט האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן ברויט און גענומען אָפּרייניקן דעם טיש. זי האָט אַ נעם געטאָן דאָס טעפל פון טיש, צוגע־גאַנגען צום אויוון, שנעל אויסגעטרונקען די געבליבענע אין טעפל באַ־וואַרקע און אַוועקגעשטעלט דאָס טעפל.

יאַכעט האָט אַרויסגענומען דאָס טייג פון מולטער און עס אַרויפגע־לייגט אויפן טיש. דאָס איבערגעבליבענע אין מולטער מעל האָט זי אַרויפ־געשיט אויפן טיש אין דער זייט, זי האָט געבערענגט דאָס וואַלגערהאָלץ און דאָס קיכמעסער, פונאַנדערגעשיט איבערן טיש אַ ביסל מעל און זיך אַוועקגעשטעלט איבערקנעטן דאָס טייג. זי האָט געקנעטן, און מיט די פינגער פון אירע פאַרמאַכטע פויסטן געפרעסט דאָס טייג, עס זאָל ווערן שטייפער.

זלאַטעלע האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס ברעקל צוקער, וואָס זי האָט נאָך געהאַט אין מויל, און אַ זאָג געטאָן:

— מאַמע, איך וויל אויך קנעטן!

— יאָ, יאָ, — האָט רבקהלע איר צוגעהאָלפן.

יאַכעט האָט אויסגעגליכן איר רוקן, אַ קוק געטאָן אויף דעם טייג און עס פונאַנדערגעשניטן אין דריי טיילן. זי האָט מיטן אויג געמאָסטן די גרויס פון יעדער טייל און די דריי טיילן פונאַנדערגעסדרט.

פּייוול איז געשטאַנען ביי דער טיר און מיטן זעקל אַרומגעוויקלט דעם שטעקן, וואָס האָט אים געפירט איבער די דערפער.

יאַכעט האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל טייג, עס אַרויפֿגעלייגט אויף אַ בלעכן טעלערל און דערלאַנגט זלאַטעלען. זלאַטעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלערל מיט ביידע הענט:

— רבקהלע, קום! מיר וועלן אויך באַקן — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו דער שוועסטער.

— פֿאַרשאָווערץ נישט דאָס בעט — האָט יאַכעט זיי אַ זאָג געטאָן.

פּייוול האָט דעם אַרומגעוויקלטן שטעקן אַרונטערגערוקט אונטערן בעט.

יאַכעט האָט אַ נעם געטאָן אַ שטיק טייג און עס אָנגעקלאַפּט אין טיש. דאָס טייג האָט זיך צעפּלאַטשט. זי האָט דאָס שטיקל טייג צעשניטן אויף פֿינף טיילן, יעדן טייל האָט זי צעשניטן אויף דריי.

די קינדער האָבן זיך געשפּילט, יאַכעט האָט ווייטער געאַרבעט, זי האָט געמאַכט די פּלעכטלעך און זיי אויסגעסדרט, איינע לעבן אַנדערן. אין שטוב איז געווען שטיל, מען האָט געהערט ווי די קלאַקעס קאָכן זיך.

יאַכעט האָט פֿאַרטיק געמאַכט די פּלעכטלעך. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט איבערן טיש און אָפּגעשאָקלט דאָס אָנגעקלעפּטע אויף זיי מעל. זי האָט גענומען פּלעכטן די חלות.

זלאַטעלע האָט געקוקט, וואָס די מוטער טוט. זעענדיק, אַז די מאַמע פּלעכט די חלות, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „איצט פּלעכט מען" — און זי האָט גענומען צונויפֿקלעפּן די צעריסענע שטיקלעך טייג.

די ערשטע אויסגעפּלאַכטענע חלה האָט יאַכעט אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, זי האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און פֿון דער זייט באַטראַכט די חלה, איר יצירה האָט זי אַליין געוווּנדערט.

פּייוול איז צוגעקומען. ער האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן די פֿיר עקן פֿון דעם צעטרענטן זאַק, דער זאַק איז געווען פֿול מיט קאַטרעס. ער האָט זיך אָנגעבויגן און ער האָט מיט כוח אַרונטערגעשטופּט אין אויוונ־גרוב דעם זאַק מיט די קאַטרעס. די עטלעכע קליינע שטיקלעך האָלץ, וואָס זענען געלעגן אויף די קאַטרעס, האָט ער אַנידערגעלייגט פֿון פֿאַרנט.

יאַכעט האָט געענדיקט פּלעכטן, אויפֿן טיש זענען געלעגן פֿינף חלות. יאַכעט האָט אַראָפּגענומען פֿון אונטערן שענקל אַ שוואַרצע דורכגעברענטע בלעך, די בלעך אויסגעווישט מיט אַ שטשערקע און זי אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש. זי האָט אָנגענומען אַ גאָרשטש מעל און עס פֿונאַנדערגעשפּרייט איבער דער בלעך. איצט האָט זי אָנגעסדרט די חלות אויף דער בלעך.

פייוול האָט צעשטעלט די פיס און מיט דער פּלייצע זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט ביים אויוון. זיינע אָזוי אַרויסגעשטעלטע שטיוול האָבן אויסגעזען ווי צוויי קלאָניצעס, וואָס שפּאַרן אונטער די גאַנצע שטוב. פייוול האָט אָפּגעטשעפּעט פון זיין הויזן־רימען זיין אויסגעשאַרפט קאַ־זשיקל, זיך אָנגעבויגן און אַ נעם געטאָן אין האַנט אַ שטיקל האָלץ. ער האָט איינגעשניטן דאָס מעסער אין האָלץ, אויסגעשיילט די קין־שפּענדלעך, אַז יאַכעט זאָל האָבן מיט וואָס אָנצוצינדן.

אין צווישן האָט יאַכעט צעלאָזט אין אַ ביסל וואַרעם וואַסער אויף אַ טעלער אַ פּאָר שטיקלעך צוקער. אין דער פּליסיקייט האָט זי געטונקט די פּלעדערוויש און באַשמירט די חלות. זי האָט די בלעך חלות אַראָפּ־געשטעלט אויפן פּאָל אין דער לינקער זייט פון אויוון.

— מאַמע, מאַמע! — האָבן די קינדער מיט אַ מאָל זיך צעשריגן. עס איז זיי שוין נמאס געווען זיך פּאַטשקען מיט דעם טייג.

— שווייגט, שוויגט. זייט ווייטער גוטע קינדער, וועל איך אייך געבן אַ גוטע זאַך — האָט יאַכעט זיי אַ זאָג געטאָן. זי האָט מורא באַקומען, אַז זיי וועלן איר שטערן אין דער אַרבעט.

יאַכעט איז צוגעגאַנגען צום שענקל. זי האָט אַרויסגענומען דאָס אַנדערע האַלבע ברויט, אָנגעשניטן אַ מוציא איבער דער ברייט פון ברויט און די מוציא באַשמירט מיט רויטע צוויקל־מאַרמעלאַדע. די מוציא האָט זי איבערגעשניטן אין דריי און יעדן קינד דערלאַנגט אַ שטיקל.

אין שטוב איז געווען שטיל. אַלע זענען געווען פאַרנומען. מיט אַ מאָל האָט פייוול אַ זאָג געטאָן: יאָ! ער האָט פאַרמאַכט דעם קאָזשיק און אים צוריק אויפגעהאָנגען אויפן רימען פון די הויזן. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן עטלעכע טריט און שטיין געבליבן אין מיטן שטוב. די פאַרפרוי־רענע פענצטער־שייבלעך זענען איצט געווען פאַרלאָפן מיט דער שטובן־פּאַרע. דאָס אייז אויף זיי איז געווען צעגאָסן און גליטשיק. „מען דאַרף גיין אין גאַס" — האָט פייוול אַ זאָג געטאָן. יאַכעט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טיש.

— פאַרזוים זיך נישט. קורץ פרייטיק — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן און געאַרבעט ווייטער.

פייוול האָט זיך אַריבערגערוקט די קוטשמע איבער די אויערן. ער האָט אַראָפּגענומען די באַנדע פונעם האָק און זי אַרויפגעצויגן אויף זיך.

אין דער לאַנגער, ברייטער שווערער באַנדע איז פּייוול ווי גרעסער געוואָרן.

— אַ גוטן!

— גיי געזונט! — האָט יאַכעט געענטפערט, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון די טייגלעך.

פּייוול האָט געעפנט די טיר און זי שנעל הינטער זיך צוגעמאַכט.

— ווו איז געגאַנגען דער טאַטע? — האָט רבקהלע אַ פרעג געטאָן.

— אין מאַרק אַריין — האָט די מוטער איר געענטפערט. יאַכעט האָט זיך געפּאָרעט ביי די טייגלעך. זי האָט געשניטן, געקנעטן און אויסגעפּאָרעמט די קיכלעך. יאַכעט האָט אויסגעסדרט די קיכלעך אויף דער בלעך. אַ העלפט פון די טייגלעך האָט זי געלאָזט אַזוי ווי זיי זענען. קיילעכיק, פלאַטשיק, נאָר אויסגעקנעטן. דאָס זענען געווען די קיכלעך פאַר איר און פּייוולען. די צווייטע העלפט פון די קיכלעך זענען געווען פאַר די קינדער. זי האָט יעדעס קיכל באַשיט מיט אַ פּאָר קרישקעס צוקער. אין דער מיט פון קיכל האָט זי אַריינגעדריקט אַ קליינע, דאַרע ראָזשינקע. אַז זי האָט געענדיקט, האָט זי אַ נעם געטאָן די בלעך קיכלעך און זי צוגעשטעלט צו די חלות. זי האָט אַרויסגענומען פון שענקל דעם נידעריקן און ברייטן ווי אַ פאַן אייזערנעם טאָפּ, אים אויסגעשווענקט און אָנגעגאָסן אין אים וואַסער. זי האָט איבערגעשווענקט די מייערן אינעם וואַסער, אין וועלכן זיי זענען געלעגן, דערנאָך זיי איבערגעלייגט אינעם ברייטן טאָפּ אַריין, אַריינגעטאָן אַ ביסל זאַלץ, עטלעכע קרישקעס סאַכאַרין און אַ ביסל בוימל. איצט האָט זי דעם טאָפּ מייערן אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון.

יאַכעט האָט אַ נעם געטאָן אין האַנט דאָס איבערגעבליבענע שטיקל טייג און עס אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש. זי האָט דאָס שטיקל טייג צו־געדריקט מיט ביידע פויסטן צום טיש, זיך אָנגעבויגן און גענומען וואַל־גערן דאָס טייג. דאָס טייג האָט זיך געצויגן, איז כסדר דינער און גרע־סער געוואָרן. פון מאָל צו מאָל האָט יאַכעט איבערגעוואָרפן דאָס טייג איבערן וואַלגערהאָלץ און עס אויפגעהויבן. דאָס טייג איז געבליבן הענגען ווי אַ פלאַכטע. זי האָט דאָס טייג איבערגעלייגט, זי זאָל קענען וואַלגערן פון אַן אַנדערער, נאָך דיקער זייט.

זי האָט דאָס טייג איבערגעשניטן אין פיר און די פיר שטיקלעך טייג צונויפגעוויקלט יעדעס באַזונדער. דריי שטיקלעך האָט זי אָפּגערוקט

אין אַ זייט, דאָס געבליבענע מעל האָט זי פונאַנדערגעשפּרייט איבערן טיש און זי האָט זיך געשטעלט שניידן לאָקשן.

אין שטוב איז געווען שטיל. די קינדער אין בעט זענען געשלאָפן. עס האָבן זיך נאָר געהערט לאַנגזאַמע קלעפּ: טיק, טאַק, טאַק, ווי אַ פֿויגל־שנאָבל זאָל קלאַפּן אין האָלץ. דאָס האָט דאָס מעסער, וואָס האָט געשניטן דאָס טייג, געקלאַפּט אין טיש. יאַכעט האָט געשניטן די לאָקשן. ווען עס האָט זיך אָנגעקליבן ביים מעסער אַ קופּקע לאָקשן, האָט זי זיי אָפּגערוקט אין אַ זייט און זיי פונאַנדערגעשפּרייט. די הורמע לאָקשן אויפן טיש איז כסדר געוואַקסן. באַלד האָט דאָס מעסער ביי יאַכעטן אין האַנט אַ קלאַפּ געטאָן שטאַרקער: זי האָט אַדורכגעשניטן דאָס עקל פון לעצטן שטיקל טייג, געענדיקט שניידן די לאָקשן.

— שוין — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן און האָט אויסגעגליכן דעם רוקן. זי האָט איבערגעקערט איר האַנטפלאַך און מיט די שפּיץ־פינגער אַראָפּגעשאָקלט פונעם קלייד דעם אָנגעזעצטן מעלשטויב. די וואַרעמקייט אין דער שטוב איז געווען געדעמפּט. אויך יאַכעטן איז געווען וואַרעם. אירע באַקן זענען געווען צעפלאַמט. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, לויט דער שיין פון פענצטער געוואָלט זען ווי שפּעט עס איז. אין שטוב איז נישט געווען קיין זייגער.

— איך דאַרף אויסענדיקן דעם שבת — האָט זי זיך אַ זאָג געטאָן און זיך גענומען פאַרען ווייטער. זי האָט צעשניטן די רעשט קאַרטאָפל, זיי איבערגעוואַשן און אַריינגעלייגט אין דער גרעסערער צוויי־אויערדיקער טשוהונענער דיניצע. זי האָט די קאַרטאָפל איבערגעגאָסן מיט וואַסער און זיי באַזאַלצן. זי איז אַוועק און האָט אַרויסגענומען פון שענקל דאָס בלעכענע טעפל מיט פעטס. זי האָט אויך אַרויסגענומען דאָס ערדענע פענדל. גייענדיק צוריק האָט זי מיטגענומען מיט זיך די שיסל מיטן צעווייקטן ברויט. די אַלע כלים האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן טיש. דאָס פעטס האָט זי צעשניטן אויף צוויי העלפטן. איין טייל האָט זי אַריינגעטאָן אין טשאָלנט. זי האָט אויסגעקוועטשט דאָס ברויט און עס אַריינגעטאָן אין פענדל. די צווייטע טייל פעטס האָט זי אַריינגעשניטן אין ברויט אַריין. זי האָט אויך אַריינגעשיט אַ ביסל צוקער. זי האָט אַריינגעטאָן די האַנט אינעם פענדל און געקנעטן אַ מאַסע. ווען די מאַסע איז געוואָרן איין שטיק, האָט זי מיטן מעסער אַראָפּגענומען אַלץ, וואָס איז געווען אָנגעקלעפּט אויף אירע

פינגער. דערנאָך האָט זי מיטן מעסער אָנגעגלעט די מאַסע אין פענדל. דאָס פענדל מיטן קוגל האָט זי איינגעגעבערט ביז דער ראַנד אין די קאַרטאָפל, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך נישט איבערגיסן. די דיניצע מיט די קאַרטאָפל האָט זי צוגעדעקט מיט אַ שטאַרץ. זי האָט אַרויסגענומען פון שענקל עטלעכע צייטונגען, און מיט זיי אַרומגעפּאַקט די דיניצע פון אויבן. די אַרומגעפּאַקטע שטאַרץ אויף דער דיניצע האָט זי אַרומגע־בונדן מיט אַ שטריקל. דער טשאָלנט איז געווען פאַרטיק. איצט האָט זי אַראָפּגענומען פון אונטערן קיבל די טשוהונענע קרוג, וואָס האָט געהאַט איין אויער און אַ קליין, ברייט דזשאָבל. זי האָט די כלי אויסגעשווענקט און זי אָנגעגאָסן מיט וואַסער. זי האָט אין דער קרוג אַריינגעוואָרפן עטלעכע קרישקעס סאַכאַרין, אַ דריטל פונעם פעקל ציקאָריע, עטלעכע לעפל צעשטויסענע קאַווע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אַ פושקע און אַריינגעגאָסן אַ ביסל מילך. אויך די קרוג קאַווע האָט זי אַרומגעבונדן מיט אַ פּאַפּיר, פאַרבונדן מיט אַ שטריקל און אַראָפּגעשטעלט אויפן פּאָל, ווו דער טשאָלנט איז געשטאַנען. זי האָט אַרויסגענומען פון שייטל אַ האָר־נאָדל, זיך אָנגעבויגן און אַדורכגעשטאָכן די אָנגעצויגענע איבער די טעפּ פּאַפּירן.

יאַכעט איז צוגעגאַנגען צום בעט. זי האָט לייכט אַ טרייסל געטאָן זלאַטעלעןביים אָרעם. זלאַטעלע איז געבליבן ליגן מיט אויפגעריסענע און אויסגעשראָקענע אויגן.

— איך מוז גיין צום בעקער — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן.

יאַכעט האָט פאַרוואָרפן איבער זיך דאָס טיכל, די צוויי שפּיצן פונעם טיכל זיך פאַרבונדן אונטערן האַלדז, דאָס טיכל זאָל זיך איר נישט אַראָפּגליטשן פון די אַקסלען. זי האָט די בלעך מיט די חלות איבער־געשטעלט איבער דער בלעך מיט די קיכלעך. אַ טרוקענע קעלט האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב אַריין. יאַכעט האָט אַ נעם געטאָן די צוויי בלעכן, אָנגעלעגט זיך אויפן בויך און איז איילִיק אַרויס פון שטוב.

זלאַטעלע איז געשטאַנען ביים בעט. זי האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אין איבערבעט. יאָסעלע און רבקהלע זענען געשלאָפן. זלאַטעלע האָט מורא געהאַט זיך אומקוקן. זי האָט איצט אַליין געהיטן די שטוב. די שטוב איז געווען אומענדלעך גרויס. זי איז געשטאַנען און שטיל צו זיך גערעדט: „די מאַמע גייט שוין, די מאַמע גייט שוין”.

יאַכעט האָט זיך נישט לאַנג געזוימט. זרחס בעקעריי איז געווען דערנעבן.

זלאַטעלע, ווען זי האָט נאָר דערזען די מוטער, איז צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן בעט. זי האָט זיך איינגעגורעט אינעם איבערבעט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

ה

אויף דער גאַס, פאַר דער ברייטער, נידעריקער כאַטע איז פּייוול שטיין געבליבן. די קעלט האָט אים אַדורכגענומען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָפּגעאָטעמט, ווי עס וואָלט אים גרינגער געוואָרן. די קעלט האָט אים אַ ברי געטאָן די נאָז. ער האָט אַרײַנגעטאָן די הענט אין די טאַשן און אַרײַנגעלאָזט דעם קאָפּ אינעם קאָלנער פון דער באַנדע. דער קאָפּ זײַנער איז געבליבן, ווי ליגן אויף די אַקסלען. דער שניי איז געלעגן ביז אונטער די פענצטער. ער האָט מיט די הענט אַרײַנגעצויגן די אַרבל אין די טאַשן, עס זאָל אים זײַן וואַרעמער.

פּייוול האָט געשטעלט די פיס פון אויבן אַראָפּ. זײַנע צווײ גרויסע, יוכטענע שטיוול האָבן געטאָרעוועט זיך אַ וועג. דער אײַנגעטרעטענער שניי האָט געסקריפּעט אונטער אים. דאָס קורצע געסל איז געלעגן פאַר אים ווי אַן אויפגעריסענער זאַק. קיין מענטש איז נישט פאַרבײַגעגאַנגען, נאָר אַ שוואַרץ מיט ווײַס געפלעקט קעלבל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון שטאַל, האָט זיך געבלאָנקעט עלנט. אַ גרוי־האָריקער הונט מיט אַ פאַר־ריסענעם עק און אויסגעשפּיצטע אויערן האָט געבילט. דער הונט האָט געוואָלט פאַרטרײַבן דאָס קעלבל פון גאַס. דאָס קעלבל האָט געבעקעט און געוואָרפן מיטן קאָפּ פון מורא.

ביים סוף פון צווייטן געסל האָט פּייוול פאַרלאַנגזאַמט זײַן טראָט. דאָ איז דער שניי געווען כמעט נישט אײַנגעטרעטן. פּייוול האָט געהויבן די פיס, געשלעפּט די שטיוול פון שניי אַרויס. די כאַטעס דאָ זענען כסדר נידעריקער און שיטערער געוואָרן, געלעגן כמעט אונטערן שניי.

— פּייוול! פּייוול! — האָט אַ קול געהילכט אין דער פרייער טרו־קענער קעלט.

פּייוול איז שטיין געבליבן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ ביי אַ שמאָלער כאַטע, מיט אַ הויכן, שיפן פאַרשנייטן דאַך. פאַר דער כאַטע, אויפן פרייען

פעלד, איז געשטאַנען אַ נידעריקער ייִד מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. דער ייִד האָט אים גערופן.

— פּיִיוּל! — האָט ער נאָך אַ מאָל אַ שריי געטאָן. ער האָט מיט דער האַנט אַ ווייַז געטאָן פּיִיוּלען, אַז דאָס איז ער, און ער איז צוריק אַרייַנגעלאָפן אין אָפּגעלענטן טויער. דער ייִד איז געווען אַן אַ פּאַלטן.

פּיִיוּל האָט אים דערקענט. ער איז אַריין אין דער כאַטע. אַ בייז בילן, ווי דער הונט זאָל זיך וואַרגן פון כעס, האָט אים באַגעגנט. די כאַטע איז געווען נישט באַוווינט. דאָס איז געווען אַ שפּייכלער מיט פעל. פּיִיוּל האָט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק זיך אַדורכגעשלייכט דורכן פאָדערהויז און גייענדיק געקוקט צי דער הונט באַפאַלט אים נישט. דער ברוין־האָריקער הונט, וואָס איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, האָט געשטשערעט די ציין, געוואָלט זיך וואַרפן אויף אים. אָבער די קייט האָט אים איינ־געהאַלטן.

די צוגעלענטע טיר, באַקאָוועט מיט אַן אייזערנעם פּרענט, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען, האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך געעפנט. „קום״! — האָט דער שוואַרצער אהרן, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר און געוואַרט, אים אַ רוף געטאָן.

אין שפּייכלער איז געווען טונקל. דאָס אייַנציקע פאַרפרוירענע פענצ־טער איז געווען פאַרהאַקט מיט צוויי איבערגעקרייצטע דרענגער. די געפרוירענע לופט אין שפּייכלער איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט געזאַל־צענער פוילקייט פון נבלה, וואָס האָט זיך געטריקנט.

פּיִיוּל איז שטיין געבליבן ביי דער טיר. דער שוואַרצער אהרן האָט אַ צעפיר געטאָן די אָרעמס און זיך עטלעכע מאָל אייַנגעקלאַפּט. די קלעפּ פון די הענט זענען געווען הוילע, ווי זיי וואָלטן געקומען פון ווייטנס. דערנאָך האָט אהרן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אַרומגעשנירט מיט אַ דראָט פּעקל פעל און אויסגעשטרעקט די פיס. אויך ער האָט געטראָגן טיפּע, יוכטענע שטיוול, אַ העמד פון באַיע און אַן אויסגעפּעצט פוטערל אַן אַרבל.

פּיִיוּל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּעקל פעל אהרנען אַנטקעגן. זיי זענען געזעסן אין דער שיין פון דער אָפענער טיר.

אהרן האָט מיט ביידע הענט זיך אָפּגעצויגן די באָרד. אַז ער האָט

דערגרייכט דעם שפּיץ פון דער באָרד, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף פּייוולען און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן.

— רייכערסט ?

פּייוול האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ניין.

אהרן האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין אַ טעשל פונעם פּוטער־ווּעסטל, אַרויסגענומען אַ ביכעלע ביבל. זיינע פליישיקע, באַוואַקסענע ליפּן האָבן אַ בלאָז געטאָן אין דער ביבל אַריין. ער האָט אָפּגעריסן אַ ביבלקע און צוריק אַריינגעלייגט דאָס ביכעלע. ער האָט אַריינגעשטעקט צוויי פינגער אינעם טעשל פון דער צווייטער זייט וועסט, אַרויסגענומען אַ גרייפּל טאַבאַק און דעם טאַבאַק אַריינגעלייגט אין דער ביבל. זיינע פינגער האָבן אַ וויקל געטאָן די ביבל איבערן טאַבאַק. ער האָט מיט דער שפּיץ צונג אָנגענעצט די ביבל און זי פאַרקלעפּט, פון דער הויזן־טאַש אַרויסגענומען די שוועבעלעך און אָנגעצונדן דאָס ציגאַרעטל. אַ געדיכטער קנויל רויך פון דער מאַכאָרקע, ווי פון אונטערגעצונדענע וואָרצלען, האָט פאַרדעקט זיין פּנים.

אהרן האָט פאַרמאַכט אַן אויג. מיטן אַנדערן אויג האָט ער אַ קוק געטאָן אויף פּייוולען. פּייוול איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. די הענט האָט ער געהאַלטן אויף די קני׳ען. ער האָט געוואַרט.

— פּייוול — האָט אהרן אַ זאָג געטאָן.

פּייוול האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך איינגעקוקט אין אהרנען. זיין בליק איז געווען אַן אָנגעשטרענגטער.

— שוואַכע געשעפטן — האָט אהרן אַ זאָג געטאָן.

פּייוול האָט זיך איינגעקוקט אין אים. אים איז נישט קלאָר געווען, וואָס אהרן וויל.

אהרן האָט זיך פאַרצויגן נאָך אַ מאָל, אויסגעשפּיגן אַ שטיקל טאַבאַק, וואָס האָט זיך געהאַט צוגעקלעפּט צו זיין שפּיץ צונג און ממשיך געווען.

— סחורה איז דווקא דאָ. אַ שווערער ווינטער. — שינדן די פּויערים די פערד, אָבער קיין עקספּאָרט איז נישטאָ.

פּייוול האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און פאַרמרוזשעט די אויגן. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זיך פרעגן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזעלכעס איז דאָס דער עקספּאָרט.

— די דייטשן און די ענגלענדער האָבן אויפגעהערט קויפן —

האָט אהרן ווידער געזאָגט. — באַנעזייערעס (בוענאָס־איירעס) פאַרפּלייצט די וועלט.

פּייוול האָט זיך אַרומגעקוקט. אהרנס שפּייכלער איז געווען פאַרלייגט מיט פּעק פּעל.

— אָבער צו דיר האָט עס נישט. דיר קומט דיין מעקלגעלט — האָט אהרן אַ זאָג געטאָן.

ער האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין דער הויזן־טאַש און אַרויסגענומען אַ פאַרמאַכטע פּויסט.

— נאַ — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

פּייוול האָט אונטערגעשטעלט די פּויסט. אַ ווײַלע האָבן די בליקן פון די צוויי יידן זיך געקרייצט. זיי האָבן זיך באַטראַכט און געשוויגן.

— אַ גוטן שבת! — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן. — ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין.

— אַ גוטן שבת! גיי געזונט! — האָט אהרן אים נאָכגעשריגן. אהרן האָט זיך אָנגעבויגן און גענומען זיך פּאַרען ביי זיינע פּעל.

אויפן פעלד אין דרויסן איז פּייוול שטיין געבליבן. ערשט איצט האָט ער געעפנט די פויסט צו זען ווײפל אהרן האָט אים געגעבן און אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אָן איבעררעשטער. ער האָט אָנגעהויכט אויף מזל דעם האַלבן גילדן, אַדורכגעשטופּט די האַנט דורך דער פאַרקנעפּלטער באַנדע און די מטבע אַריינגעלייגט אין דער שפּענצער־קעשענע.

פּייוול איז געגאַנגען סקאָס דורך די פעלדער צו דער צווייטער זייט פון שטעטל, צו זיין שטאָט־חבר.

די כאַטעס אין דער זייט שטאָט זענען געווען נאָך נידעריקער און ברייטער. זיי זענען געשטאַנען צעשטעלט אָן אַ סדר. יעדע כאַטע האָט געהאַט אַרום זיך אַ פּלויט און אַ פאַרשנייטן הויף. פון איין כאַטע צו דער אַנדערער איז געווען אַ מרחק. די כאַטעס אונטערן שניי זענען געווען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, אָבער פּייוול האָט גוט געדענקט די כאַטע ווו מרדכי האָט געוווינט.

פּייוול האָט אָפּגעקלאַפּט די שפּיצן פון זיינע שטיוול אין דער שוועל. דער אַריינגאַנג צו מרדכין איז געווען פון פאָרנט. ער האָט אָנגעדריקט דעם סקאָבעל. די אָנגעדראָלטע מיט פייכטקייט טיר פון אינעווייניק איז

אָפּגעשפּרונגען. פּייוול איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר. אַ וואָרע־מער נעפּל האָט אים פאַרשטעלט די ראיה.

— פאַרמאַך! — האָט אַ הייזעריקע שטימע אים אַ זאָג געטאָן.

פּייוול האָט שנעל צוגעהאַקט די טיר.

— אַריינגעפאַלן אַ קוק טאָן — האָט פּייוול געזאָגט נישט דרייסט.

— ברוך־הבא! — האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן.

מרדכי טאַנדייטער, אַ נידעריקער ברייטבייניקער ייד, איז געשטאַנען מיטן קוילן־פּרעסאייזן אין האַנט, ער זאָל נישט צוזענקען דעם מלבוש, וואָס ער האָט געפּרעסט. זיין שפּענצער איז געווען צעכראַשטשעט, די אַרבל־מאַנקעטן צעקנעפּלט. זיין שוואַרצע באָרד איז ביים סוף געווען פאַרדרייט און אונטערגעבויגן אונטער דער גאָמבע, ווי אַ צאָפּ.

— וואָס מאַכסטו — האָט ער געפרעגט פּייוולען.

— דאַנקען גאָט, אַבי מען זעט זיך. — האָט פּייוול אים געענטפערט. זיינע אַקסלען האָבן אַ ציטער געטאָן און ער האָט זיך צוגערוקט צום טיש, ווו מרדכי איז געשטאַנען. די דעמפּיקע וואַרעמקייט האָט אים אַדורכגענומען. אין דעם נידעריקן שמאָלן ווי אַ דורכגאַנג צימערל איז געווען וואַרעם ווי אין אַ שוויץ. דאָס צימערל איז געווען פול מיט פּאַרע פון די געפּרעסטע מלבושים און מיט דער היץ פונעם אייזערנעם אייוועלע. מרדכי האָט געניייט אַנצעגער פאַר די סוחרים, וואָס זענען אַרומגעפאָרן איבער די מערק. געוווינט האָט מרדכי אין הויף.

די צוויי אויסגעבויגענע פלייצעס, וואָס זענען געלעגן איבער די ניימאַשינען, האָבן זיך אויסגעגליכן. איין געזעלן האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן. ביידע האָבן זיך צעזונגען: „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל”.

דאָס לערן־ייִנגל האָט זיי אונטערגעהאַלטן. דער דאַשיק פון זיין קאַשקעט איז געווען אויסגעדרייט אויף הינטן. ער איז געזעסן אויף אַ קעסטל אין מיטן שטוב, אַ געבוקטער, פאַרלייגט איין פוס איבערן אַנ־דערן און אָנגעניייט קנעפּ אויף אַ מאַרינאַרקע.

— שאַ! אַ מענטש איז דאָך אַריין אין שטוב — האָט מרדכי זיך אַ װענד געטאָן צו די געזעלן.

ביידע יידן האָבן זיך אָנגעבויגן איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן פאַרטרויען אַ סוד. אַנטקעגן זיי אויף דער וואַנט איז געהאַנגען דער נאַפּטלאָמפּ. דאָס גלעזל פון לאָמפּ איז געווען פאַרקאָפּטשעט.

— ווי איז דיר אַדורך די וואָך? — האָט מרדכי אַ פרעג געטאָן פּייוולען און אַרויסגעשטרעקט דעם האַלדז. זיין קאָפּ איז געבליבן הענגען ווי אַ לאָמטערן.

— ווי ביי אַ ייִד, עפּעס פעלט אים שטענדיק צו — האָט ער געענטפערט — אָבער זי איז אַ בעריע — זיינע שוואַרצע אויגן־אַפּלען האָבן אַ גלאַנץ געטאָן. זיי זענען געוואָרן גלאַטיק ווי סאַמעט — און ביי דיר? — האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן.

— מען שניידט, מען שטעפּט און מען עסט אַ „יושקע".

— אַבי נישט אויסטערליש.

— מען דאַרף בעטן אויף כוח, אַז די צען פינגער זאָלן דינען — האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן.

איינער פון די געזעלן, ווען ס'איז נמאס געוואָרן דאָס שוויגן, האָט אַ זינג געטאָן: „קליין מיידעלע ווו אַהין גייסטו". ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן טענאָר. ער איז אָבער באַלד שטיל געבליבן. דאָס לערן־יינגל האָט נאָך טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַרשטעקן אין דער מאַרינאַרקע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— יאָ, — מרדכי האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט און זיך אָפּגערוקט פון טיש. — געהערט עפּעס פון שטעטל?

פּייוול האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט נאָר אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער ווייסט נישט.ביידע האָבן זיי געשטאַמט פון זשאַרנאָוצע, אַ דערביַיִק שטעטל, קלענער נאָך פון וואָלבראָם. זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אין חדר אַריין צום רויטן וואָלף. ביידע האָבן זיי חתונה געהאַט קיין וואָלבראָם. מרדכי, דער ערשטער מיט עוזר שניידערס טאָכטער. פּייוול האָט דערנאָך חתונה געהאַט קיין זשאַרנאָוצע. מרדכי האָט אים אַריבערגענומען קיין וואָלבראָם. ביידע האָבן זיי נישט געהאַט קיין קרוב אין וואָלבראָם. מרדכיס פאָטער איז געווען דער פישער אין שטעטל. פּייוולס מוטער, די אלמנה, מיט די צוויי טעכטער, האָבן אָנגעשטעלט מילך, אַז די יידן אין שטעטל זאָלן האָבן אַ שטיקל כשרע פּוטער און קעז.

— מען דאַרף מאַכן אַ שפּאַציר — האָט מרדכי געזאָגט און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פּייוולען. דער מרחק צווישן די צוויי שטעטלעך איז געווען דרייצן וויאָרסט.

— כ׳לעבן, געווען אַ יושר — און פּייוול האָט באַלד צוגעגעבן — טאָג־איין, טאָג־אויס גייט מען איבער די דערפער, „פּרנסה״.

— אין אַן אויסגעשטערנטן „שפּייסצונאַכץ״ — האָט מרדכי אים פאָרגעשלאָגן.

— לאָזן יאַכעטן מיט די קינדער אַליין ביי נאַכט?

— איי, איי — האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן און איינגעקלאַפּט איין האַנט אין דער אַנדערער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו פּייוולען — און וואָס הערט זיך אין שטוב?

— נישט צו זינדיקן. און ביי דיר?

— ברוך השם! — האָט מרדכי אים געענטפערט.

פּייוול האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן זיך צורוקן צו מרדכין, און שטיל, ווי ער וואָלט רעדן אונטער דער נאָז, אים אַ פרעג געטאָן.

— און ווי האַלטסטו מיטן שידוך? — מיטן קאָפּ האָט ער אָנגעוויזן אויפן געבויגענעם רוקן פונעם גזועלן, וועלכער איז געזעסן ביי דער מאַשין אונטערן פענצטער.

— גאָט איז אַ פאָטער — האָט מרדכי אים געענטפערט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוגעגעבן — זי איז איצט ביים זיידן אין זשאַרנאָוועצ, געבליבן מיטן קליינוואַרג אין שטוב, זאָלן זיי געזונט זיין.

— זיך פאַרהאַלטן, דיך נישט געלאָזט אַרבעטן — האָט פּייוול געזאָגט און ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אין פאַרפרוירענעם פענצטער אַריין — מען דאַרף גיין.

— אַ ביסל זיך אַדורכגערעדט.

— אַ גוטן שבת — פּייוול איז אַוועק צו דער טיר.

— אַ גוטן שבת — האָבן אַלע אים געענטפערט.

אין דרויסן איז פּייוול שטיין געבליבן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיי באַלד געעפנט צוריק. די שנייווייסקייט האָט אים איצט, נאָך דער גרויקייט פון דער שטוב, אַ בלענד געטאָן אין די אויגן.

ער איז געגאַנגען איבער די פאַרשנייטע פעלדער. דער שניי האָט זיך געצויגן, ווי אַן אומענדלעכקייט, כאָטש דער שטח אַרום איז געווען קליין. ווען ער איז צוגעקומען צו די ערשטע צוויי כאַטעס, וואָס זענען

געשטאַנען זיך אַנטקעגן, האָט פּייוול אָפּגעאָטעמט. ער האָט דערזען דעם מאַרק פון ווייטנס.

דער הימל איז געווען פאַרנעפּלט, טונקל, געלעגן איבער די דעכער. דער מאַרק האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרפרוירענער קאַסטן.

אין ראָג פון מאַרק, אין דער ברייטער גאַס, אונטער דעם געמויערטן פּלויט פון דער טומאה, איז געשטאַנען אַ ליידיקער שליטן. די פּאָר ברוינע פערד זענען געווען אויסגעשפּאַנט, אַרויסגעגעסן פון דער קאַרעטע אין שליטן. דאָס פערד פון דער רעכטער זייט דישעל איז געשטאַנען אין דער ברייט און האָט געשטערט דעם דורכגאַנג אין גאַס. עטלעכע הייזער ווייטער, אין דער ברייטער פאַרגלאַזטער טיר, צו וועלכער עס האָבן געפירט פינף טרעפּ, האָט אַרויסגעקוקט מאַטל שענקער. זיין זילבער־ווייסער קאָפּ האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיין איינגערעמט אין דער טיר. כאָטש די טיר איז געווען פאַרמאַכט, האָט זיך געהערט דאָס געפּילדער און די געשרייען פון די שיכורים.

די קראָמען זענען געווען ליידיק: פרייטיק, ערב שבת, האָט קיינער פון די סוחרים נישט אַרויסגעשטעלט זייערע סחורות. פון צייט צו צייט האָט זיך אין דער אָפענער טיר באַוויזן אַ פאַרבאַבלטע געשטאַלט: אַ ייד אין אַ שווערן, לאַנגן פּאַלטן און אַ טיפער קוטשמע, אָדער אַ יידענע אין אַ קאַפּטן אַן אַרבל און מיט אויפגעטרענטע שטרימפּ פאַר האַנטשן.

אין מיטן מאַרק, אָנגעלענט אין אַ וואַנט, איז געשטאַנען חיימל טרעגער. ער האָט געקוקט אין הימל אַריין און זיך נישט גערירט פון אָרט. זיין פּנים איז געווען שטאַר. ביים ברונעם, וואָס האָט פון ווייטנס אויסגעזען ווי אַ סאָפּלע אייז, איז געשטאַנען אַ וואָגן. אויף דעם וואָגן זענען געלעגן עטלעכע בינטן שטרוי. דאָס פערד איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז, מיטן קאָפּ אַראָפּ און געשמעקט צום שניי.

— הפקר — האָט פּייוול שטיל אַ זאָג געטאָן. ער האָט אָפּגעבראָכן אַ זשדזשעבעלע פונעם שטרוי אויפן וואָגן, אַ קיי געטאָן דאָס שטיקל שטרוי און ער איז געגאַנגען ווייטער.

פון דער צווייטער זייט ברונעם איז געשטאַנען אַ קרענצל יידן. „גוט מאָרגן“ — האָט ער זיי אַ זאָג געטאָן פון ווייטנס און זיך איינגעקוקט אין זיי, ווי ער זאָל זיך וועלן פאַרהאַלטן, אָבער ער איז געגאַנגען ווייטער. אים איבערגעקרייצט דעם וועג האָט אַ הויכער גוי. ער האָט געטראָגן

אַ ברייטע „בעקעשע״. זיין היטל איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שאַל. דער גוי האָט געהאַלטן אַ וואַנדל אין האַנט און געטריבן אַ חזיר. דער חזיר איז געלאָפן און געשנאָרצט.

— טפו! — האָט פייוול אויסגעשפּיגן און איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. אין ראָג פון מאַרק, וווּ עס איז געהאַנגען דער גלאָק, וואָס פלעגט קלינגען ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שׂריפה, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואָגן לייבל פאַרמאַן. ער האָט זיך געגרייט פאָרן צו דער באַן, וואָס קומט יעדן פרימאָרגן, צען אַזייגער, פון קאַטאָוויץ און ברענגט יידן פון סאָסנאָווצע און בענדין. לייב פאַרמאַן איז געשטאַנען אַן אָנגעלענטער אין וואָגן און געהאַלטן די בייטש אין האַנט. ער האָט נישט געוואַרט אויף פּאַסאַזשירן. — ערב שבת איז קיינער נישט אַוועקגעפאָרן פון שטעטל. ער האָט געדאַרפט פאָרן צו דער באַן ברענגען עטלעכע יידן, וואָס קומען קיין וואָלבראָם אויף שבת.

פייוול איז צוגעגאַנגען ביז צום עק פון מאַרק און זיך אומגעקערט. ער איז געגאַנגען און געקוקט, וואָס עס טוט זיך אין דעם גרויסן, אָפענעם מאַרק. גייענדיק האָט ער זיך ווידער אַ מאָל דערנענטערט צו דעם קרענצל יידן, וואָס זענען געשטאַנען ביים ברונעם.

— גוט מאָרגן, יידן! — האָט פייוול זיי אַ זאָג געטאָן.

— אַ גוט יאָר! — האָט וועלוול, אַ הויכער, דאַרער ייד, אים געענטפערט. זיין לענגלעך, דאַר פּנים איז געווען איינגערעמט מיט אַ קליינער, שוואַרצער באָרד, וואָס איז שוין געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט גרויע האָר.

די רעשט יידן האָבן אויפגעהויבן די אויגן. זיי האָבן ערשט איצט דערזען, אַז פייוול שטייט לעבן זיי.

— וואָס הערט זיך ביי דיר? — האָט ברוך זיך אַ ווענד געטאָן צו פייוולען.

— נישט צו פאַרזינדיקן — האָט פייוול אים געענטפערט. ברוך איז געווען אַ מומחה אויף צוריקשטעלן אויסגעלענקטע גלידער.

משה, דער אייער־קאַלכער, האָט אַ פרעג געטאָן פייוולען.

— און דיך טרייבן נישט די גויִים?

פייוול האָט דערשטוינט געקוקט אויף משהן און געשוויגן.

— זאַנוולען האָבן זיינע גויִים אָנגעבראָכן די ביינער — האָט שלמה דער לעדער־סוחר אַ זאָג געטאָן.

— טאָקע!? — האָט פּייוול אַ דערשראָקענער אַ פרעג געטאָן.

— אַז נישט היינט, וועלן זיי אים שלאָגן מאָרגן — האָט אַ זאָג געטאָן זעליג צוקער־בעקער. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, זיין שיטער בערדל איז געוואָרן נאָך שפּיציקער. ער האָט פאַרמרוזשעט זיינע טריבע אויגן און צוגעגעבן — יידן דאַרפן פאָרן קיין ארץ־ישראל. — זיין קאַנטיקער קאָפּ איז געבליבן ליגן אין די אַקסלען.

— ווי לאַנג די גויִים האָבן געשלאָגן די יידן איז מען מיט זיי אַדורכגעקומען, אָבער זינט זיי האָבן זיך גענומען צום מסחר, פאַרלייגן אין יעדן שטעטל אַ „ספּאָלקע", ווערט דער ענין אַנדערש — האָט אַ זאָג געטאָן וועלוול. זיין דאַר פּנים האָט זיך אויסגעצויגן און איז געוואָרן שטאַר ווי אַ מאַסקע.

— מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דער השגחה — האָט שלמה זיך צעשריגן און אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל.

פּייוול האָט פאַרשנעלערט זיין טראָט. ביים עק פון דער צווייטער זייט פון מאַרק, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס צווישטאָקיקע הויז, איז פּייוול שטיין געבליבן. דער דורכגאַנג איז געווען ברוקירט און איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ. דער אויסגעטרעטענער שניי איז געווען גליטשיק. פּייוול איז געגאַנגען און מיט אַ האַנט האָט ער זיך אַנגעהאַלטן אין דער וואַנט. אויפן הויף איז דער שניי געווען ווייס, נישט צעטרעטן, נאָר אויף איין אָרט איז געווען אַ געלער פלעק, נאָך אַן אויסגעגאָסענעם פּאָמעשאַף.

פּייוולס שטיוול האָבן געלאָזט טיפע לעכער אין שניי. ער איז גע־גאַנגען פון אַ הויף אין אַ הויף, ער האָט זיך פאַרקירצט דעם וועג. די הייף זענען געווען אָפן, נאָר די ווינקלען פון די הייזער האָבן פונאַנדער־געטיילט דעם שטח, געשאַפן די הייף. פּייוול האָט געקענט די געגנט. וואָס ווייטער, זענען די הייזער געווען נידעריקער. די ראַנדן פון די דעכער זענען ווי געלעגן אויפן שניי. אין ראָג איז ער שטיין געבליבן ביי אַ כאַטע וואָס איז געשטאַנען אין שניי. אַרום דעם פענצטער און דעם אַריינגאַנג איז דער שניי געווען אַוועקגעשאַרט. פּייוול איז אַריינגעלאָפן אין הויז. אין פאָדערהויז איז געווען פינצטער. ער האָט דערפילט די ליימיקע פייכטקייט פון דער ערד אונטער זיינע שטיוול. ער האָט אָנגע־טאַפּט דעם סקאָבעל און אים אַנגעדריקט. די טיר איז אויפגעשפּרונגען. אַ טוכלע וואַרעמקייט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים.

די יינגלעך, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, זענען געבליבן פאַר־גאַפּטע מיט אָפענע מיילער. זיי האָבן פאַרגעסן דעם רבין. דוד, פּייוולס זון, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

אַ שפּיציקער קאָפּ אויף אַ געבוקטער קיילעכדיקער פּלייצע האָט זיך אומגעקוקט. אַ לאַנגע גרויע באָרד איז אַראָפּגעהאָנגען פון אַ דאַר אויס־געצויגן פּנים. פון דעם פּנים האָבן אַרויסגעקוקט טיפע, זיידענע, שוואַרצע אויגן. — „ברוך הבא״! — האָט דער מלמד אַ זאָג געטאָן און זיך צע־שמייכלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די תּלמידים, אָנגעקוקט פּייוולען און געוואַרט.

דער מלמד האָט פּייוולען אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און מיט צוויי פינגער אַ קניפּ געטאָן דודן אין באַק.

דאָס יינגל האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די שטוב איז געווען דאָס חדר און די קיך. אין איין זייט שטוב, דער טיר אַנטקעגן, איז געשטאַנען דער לאַנגער טיש מיט צוויי בענק פוןביידע זייטן. איבער דעם טיש איז אַראָפּגעהאָנגען פון אַ דראָט דער נאַפּטלאָמפּ. ביי דעם טיש זענען געזעסן די יינגלעך און געלערנט. אַנטקעגן, אין ווינקל ביי דער טיר, איז אויף איין וואַנט געשטאַנען דער אויוון. אויף דער צווייטער וואַנט — דאָס פּאָמעשאַף און די באַרעלקע מיט וואַסער. די קליינע שייבעלעך פונעם פענצטער זענען געווען פאַרפרוירן. אין אויוון האָט געברענט אַ פייערל.

— ס׳קאַצל קומט! — האָט אַ הייזעריקע שטימע אַ זאָג געטאָן. אין דעם אָפענעם טירל וואָס איז געווען דורכגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג, איז שטיין געבליבן אַ הויכע פרוי אין אַ גרוי, לאַנג, ברייט קלייד און אַ צעקנעפּלטן וואַטענעם קאַפּטן. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ ברוינע, טוכענע קופּקע, ווי אַ טורבאַן.

— כי, כי, כי! — האָט זיך אַ יינגל צעלאַכט.

— שטיל, שקצים! — האָט דער מלמד זיך צעשריגן און אַ טופּע געטאָן מיטן פוס אין פּאָל.

די יינגלעך האָבן זיך צעשאָקלט איבער די אָפענע גמראס. זייערע יונגע קולעכלעך האָבן איבערגעחזרט מיט אַ זינגענדיקן ניגון — „המית שורי את פלוני או שורו של פלוני הרי זה משלם על פי עצמו״.

די ייִנגלעך האָבן זיך געשאָקלט, זיך געחזרט, אָבער יעדער פֿון זיי האָט געכאַפּט פֿון דער זייט אַ בליק אויף פֿייוולען.

פֿייוול האָט אויפֿגעהויבן די אויגן. ער האָט דערפֿילט, אַז מען קוקט אויף אים. אים איז געוואָרן אומהיימלעך. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַרונטערגעשטופּט די האַנט אונטער דער באַנדע און מיט די פֿינגער אַרויסגעגראַבלט פֿון שפּענצער־טעשל דעם האַלבן גילדן.

— ר׳ אברהם — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן און דערלאַנגט דעם מלמד די מטבע.

דער מלמד האָט אים אונטערגעשטעלט אַן אָפֿענע האַנט. ער האָט אָנגעקוקט די מטבע, וואָס איז געלעגן אויף זיין האַנטפּלאַך, אַ שאָקל געטאָן פֿייוולען מיטן קאָפּ און אים אַ זאָג געטאָן: — ישר כוחך!״

— גאָט זאָל דיר געבן כפֿלים — האָט די רביצין אַ זאָג געטאָן פֿייוולען און זי איז צוריק אַריין אין אַלקערל.

דער מלמד האָט די מטבע אַריינגעלייגט אין דער הויזן־טאַש.

די ייִנגלעך האָבן זיך געשאָקלט נאָך שטאַרקער. דער ניגון זייערער איז געוואָרן הילכיקער. אַ ווייך דין קולעכל האָט אַ לערן געטאָן: „תא שמע זה הכלל״ — מיט אַ ניגון וואָס באַשטעטיקט. די ייִנגלעך אַלע אין איינעם האָבן אים נאָכגעזאָגט.

— ר׳ אברהם, גיט מיר דאָס ייִנגל — האָט פֿייוול אַ זאָג געטאָן.

— דוד, גיי מיטן טאַטן.

דוד האָט אַ קוש געטאָן די גמרא, זי שנעל פֿאַרמאַכט און איז אָפּער־געגאַנגען פֿון טיש. אויף אַ באַנק פֿון דער זייט איז געלעגן אַ קופּע פּאַלטענעס. דוד האָט אַ נישטער געטאָן די קופּע, אַרויסגעשלעפּט זיין פּאַלטן און אים אָנגעטאָן. דער פֿאָטער האָט אים אַריבערגעצויגן דאָס היטל איבער די אויערן. דוד האָט אַ נעם געטאָן די גמרא אונטערן אָרעם און איז אַוועק צו דער טיר.

— אַ גוטן שבת — האָבן ביידע, דער טאַטע און דער זון, אַ זאָג געטאָן.

אין דרויסן איז פֿייוול שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געזוכט דעם זון. דוד איז געלעגן אין שניי און געוואָרפֿן מיט די פֿיס.

— שטיי אויף, וועסט זיך דערקילן!

דוד האָט אַ כאַפּ געטאָן די גמרא. זי איז געלעגן ביי אים אויפן בויך, זי זאָל זיך נישט פאַרנעצן אין שניי, און ער איז אויפגעשפרונגען. ער האָט געקוקט, צי דער פאָטער קומט אים כאַפּן.

פייוול האָט חשק געהאַט זיך אַ שפּיל צו טאָן מיטן זון, אָבער פּלוצעם איז זיין פּנים געוואָרן האַרב און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַ גמרא־בחור און פירסט זיך אויף ווי אַ שייגעץ. קום!

דער שניי אין שולגעסל איז געווען אָנגעטרעטן. איינגעטרעטענע פּיס האָבן אַרויסגעקוקט פון שניי. דאָס געסל איז געווען האַלב רונדיק. פייוול האָט געקוקט אין געסל אַריין און ער האָט זיך אַ פאַרנעם געטאָן אויף רעכטס. ער איז געגאַנגען אין שטעטל אַריין און נישט אין דער ריכטונג צום קליינעם בית־המדרש. דער זון איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זענען געגאַנגען רונד אַרום דעם בערגל. דאָס בערגל איז געווען פלאַך. דער שניי, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס בערגל, איז געווען נישט גערירט, אַזוי, ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן ביי נאַכט. פון אונטערן שניי האָבן אַרויס־געשטאַרט די חורבות פון אַלטן בית־המדרש, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק. אַרום דעם בערגל איז געשטאַנען די שול, דאָס בית־המדרש, דער הקדש און די מקווה. ביי דער טויבער וואַנט פון הקדש איז געשטאַנען אַן אָנגעלענטע אין דער וואַנט די לאָמע ביילע. זי איז געווען אַרומגעבאַבלט מיט אירע טיכער. מען האָט אַרויסגעזען בלויז אירע אַלטע מידע אויגן און איר פאַרפרוירענע נאָז.

פייוול האָט אַרויסגעראַבלט פון דער טאַש אַ גראָשן און אַ קוק געטאָן אויפן זון. דאָס יינגל האָט אַ כאַפּ געטאָן די מטבע און זי דערלאַנגט דער בעטלערין. פייוול איז אַריין אין דער שמאָלער שטשאַנקע, דעם דורכגאַנג צווישן צוויי טויבע הייזער־ווענט, וואָס האָבן געפירט אַראָפּ.

דער טאַטע מיטן זון זענען צוגעקומען צו דער מקווה. די לאַנגע, נידעריקע, רויטע ציגלוואַנט אונטער דעם בלעכענעם דאַך איז געווען אָפּבלאַקירט. לאַנגע, שמאָלע, פענצטער האָבן פונאַנדערגעטיילט די וואַנט. די פירקאַנטיקע שייבלעך זענען געווען פאַרלאָפן. אָנגעדראָלטע ריטש־קעלעך וואַסער זענען געפלאָסן איבער זיי. די אונטערשטע מקווה־וואַנט איז געשטאַנען אויפן ראַנד פון די סטאָקלעך — די קוואַלן. פייוול האָט אָנגענומען דעם זון ביים קאָלנער און אים אַדורכגעפירט דורך דער אָפענער טיר. דאָס פאָדערהויז איז געווען שמאָל און לאַנג. פון די דורכ־

געפרוירענע וואַנדלעך, דעם שטויס בעזעמלעך, וואָס איז דאָרט געלעגן האָט זיך געפילט אַ טוכלע פוילקייט.

דוד האָט מיטן קאָפּ אָפּגעשטופּט די צוגעלענטע טיר פון דעם בעדערס ווינונג. ער האָט אָוועקגעלייגט די גמרא אויפן טישל לעבן דער טיר, צוריק צוגעלענט די טיר און זיך איינגעקוקט אין פאָטער.

העניע, די הויכע בעדערקע, איז געשטאַנען ביי די בעזעמלעך. איבער איר קיילעכדיקן בויך איז געווען אַרומגעבונדן אַ שערץ מיט אַ ברייטער טאַש.

פייוול האָט איר אָוועקגעגעבן די פינף גראָשן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, נישט קוקנדיק אויף איר. זי האָט גענומען דאָס געלט און אים דערלאַנגט אַ בעזעמל. אויך זי האָט נישט געקוקט אויף אים.

אין פאָדערהויז איז געווען פינצטער, ווי צווישן פיר ווענט, וואָס האָבן נישט קיין פענצטער. די שיין איז געקומען פון דער אָפענער טיר. פייוול האָט דאָס בעזעמל באַטראַכט פון אַלע זייטן. איצט האָט ער זיך אָנגעבויגן, אָפּגעזוכט מיט די אויגן אַ שעפל צווישן די שעפלעך אויף דער ערד. פייוול האָט אָפּגעשטופּט די טיר. מיט דער צווייטער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דאָס בעזעמל, האָט ער אַדורכגעשטופּט דאָס יינגל און דערנאָך זיך. די טיר האָט זיך אַליין צוגעמאַכט.

אין דער גרויסער, פירקאַנטיקער שטוב איז געווען קאַלט, ווי אין אַ ליידיקן שפייכלער. די ווענט זענען געווען נאַס פון דער פאַרע. אין די ווינקלען פון דער סטעלע איז די פאַרע געווען פאַרפרוירן און גרוי, ווי אַ מאָך וואָלט דאָרט וואַקסן. אויף דעם שטיינערנעם פּאָל זענען געלעגן דורכגענעצטע ברעטער. פון די בענק, צעשטעלטע אַרום די ווענט, האָט זיך געפילט אַ פאַרפרוירענער פוילער ריח. נאַקעטע, נאַסע יידן האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט און אייליק אַרויפגעצויגן אויף זיך די העמדער. האַלב אויסגעטוענע און האַלב אָנגעטוענע יידן האָבן באַוויגן מיט זייערע הענט און פיס, ווי זיי זאָלן מאַכן גימנאַסטיק. זיי האָבן אַרויפגעצויגן און אַראָפּגעצויגן פון זיך די מלבושים. אויסגעשטאַנענע טראָפּנס פאַרע האָבן געקאַפּעט פון דער סטעלע. די טירן פוןביידע זייטן האָבן זיך כסדר גע־עפנט און צוגעמאַכט, די טיר אין פאָדערהויז אַריין האָט געברענגט קעלט; די טיר אין שוויץ אַריין האָט יעדעס מאָל געברענגט אַ קנויל פאַרע. די קעלט און די וואַרעמקייט האָבן זיך צונויפגעמישט.

פּייוול האָט זיך איילִיק אויסגעטאָן. דוד איז געשטאַנען און באַטראַכט די נאַקעטע יידן.

— וואָס שטייסטו? — האָט פּייוול זיך אַ ווענד געטאָן צו אים.

פּייוול איז שוין געשטאַנען אַ נאַקעטער און זיך געטרייסלט פון קעלט. ער האָט גענומען אויסטאָן דעם זון. דוד האָט אים צוגעהאָלפן. דער פּאָטער האָט אַראָפּגעצויגן פון אים דאָס העמד און אים אַ פּליאַסקע געטאָן אינעם נאַקעטן אונטערשטן.

דוד, וואָס האָט שוין אויך געציטערט פון קעלט, האָט זיך צעשמייכלט.

— קום! — האָט דער פּאָטער אים אַ רוף געטאָן. פּייוול האָט זיך אָנגעבויגן, מיט איין האַנט אַ נעם געטאָן דאָס שעפל און דאָס בעזעמל, מיט דער אַנדערער האַנט אַ שטופּ געטאָן דאָס ייִנגל. פּייוול האָט מיט דער נאַקעטער קני אָפּגעשטופּט די טיר, דעם זון אַדורכגעלאָזט דעם ערשטן, פּייוול איז אים נאָכגעגאַנגען. זיי זענען אַריין אין דער שוויץ.

ביידע זענען זיי געבליבן שטיין ביי דער טיר. די שאַרפקייט פון דער פּאַרע האָט זיי אַ דריי געטאָן אין דער נאָז, פאַרשטעלט די ראיה. זיי האָבן נישט געזען, זיי האָבן נאָר געהערט, ווי מען שרייט פון תענוג, — אוי, אַה, אוי, אוי, אַה!

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זייערע אויגן גענומען אונטערשיידן און זיי האָבן דערזען הענט, פיס און בערד, וואָס האָבן זיך באַוועגט. פּייוול האָט זיך אָנגעבויגן און אָנגעשעפּט אַ שעפל וואַסער פון דער הילצערנער וואַנע, זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערשטער טרעפּ.

דוד איז געזעסן און געקוקט, אַ מאָל אויפן פּאָטער, אַ מאָל אויף די יידן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט די בעזעמלעך און געשוויצט. די פּאַרע האָט זיך געקנוילט אין דער הויך און די סטעלע האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרוואָלקנטער הימל. די קליינע פענצטער־שייבלעך זענען געווען נאָס, די היץ האָט געשטיקט. יידן, אויסגעצויגענע אויף די שוויץ־טרעפּ, האָבן געקרעכצט; זייערע קערפּערס זענען געווען רויט, צעגליט. יידן האָבן זיך געשמיסן. געווען יידן, וואָס די היץ האָט זיי נישט געסטייעט, זיי האָבן געשריגן: „משה יוסף, גיב אויף"!

דער בעדער, אַ הויכער, ברייטביינִיקער ייד, האָט געהאַט אויף זיך נאָר אַ פּאָר הויזן. די נאָגאַוויצעס פון די הויזן זענען געווען אָפּגעשניטן. פון צייט צו צייט האָט משה יוסף אַ גאָס געטאָן אַ קאַן קאַלטע וואַסער

אויף די צעגליטע קיזל־שטיינער. אַ פרישער קנויל צעהיצטע פּאַרע האָט זיך אויפגעהויבן און פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שוויץ.

— אַהה! — האָט פּייוול אַ זיפץ געטאָן. די וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען אים איבער די אברים. ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אינעם שעפל וואַסער און מיט פולע הענט־גאָרשטשן באַגאָסן דאָס ייִנגל. דוד האָט געציטערט פון קעלט.

דער פּאָטער האָט איינגעטונקט אין שעפל דעם שפּיץ פון בעזעמל ווי די וואַנדלעך זענען געווען ווייך. איין האַנט האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן זונס אַקסל, אים צוגעהאַלטן, און מיטן בעזעמל אין דער אַנדערער האַנט — אים אויסגעריבן.

— וואַרט, ריר זיך נישט פון אָרט! — האָט דער פּאָטער אים באַפוילן.

פּייוול האָט גענומען דאָס שעפל און דאָס בעזעמל און גענומען קלעטערן איבער די טרעפּ. אויף דער פערטער טרעפּ האָט ער אויסגע־שטרעקט דעם קאָפּ און פאַרמרוזשעט די אויגן. אַ טרעפּ העכער איז געלעגן אַן אויסגעצויגענער מיט דער פּלייצע אַרויף דער רב און גע־קרעכצט. זישע דער שטאָט־שמש, אַ נידעריקער דאַרער ייִד מיט אַ שיטער בערדל, האָט געריבן דעם רבס רוקן.

פּייוול איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער זעקסטער טרעפּ. ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, אַרויפגעגאָסן אויף זיך דאָס שעפל וואַסער און גענומען זיך שלאָגן מיטן בעזעמל. די פּאַרע האָט אים געשטיקט, די שמיץ אויף זיין לייב האָבן אים וויי געטאָן. פון צייט צו צייט האָט ער דאָס בעזעמל איינגעטונקט אינעם געבליבענעם אין שעפל וואַסער און דאָס אָנגענעצטע בעזעמל אַ שאָקל געטאָן איבער זיך. די אַראָפּגעפּאַלענע אויף אים וואַסער־טראָפּנס האָבן אַ ברי געטאָן זיין קערפּער ווי צעלאָזענע זון. ערשט דעמאָלט האָט אים פאַרפּעלט אָטעם, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך ווידער געשלאָגן מיטן בעזעמל. אַז דאָס שעפל איז ליידיק געוואָרן האָט פּייוול אַוועקגעוואָרפן דאָס בעזעמל. ער איז אַראָפּגעלאָפן און זיך אונטערגעטונקט אין דער קאַלטער מקווה. דריי מאָל איז זיין קאָפּ פאַרשוווּנדן אונטערן וואַסער און אויפגעטויכט איבערן וואַסער. ער איז צו צו די טרעפּ און צוריק אַרויפגעלאָפן. דאָס וואַסער האָט פון אים גע־טריפט, זיין הויט איז געווען רויט צעגליט און די האָר זיינע זענען געווען צונויפגעקלעפּט.

פּיוול האָט אַ קוק געטאָן אויפן ייִנגל און צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דוד איז צו אים צוגעלאָפן. דער טאַטע מיטן זון זענען גע־שטאַנען זיך אַנטקעגן. פּיוול האָט אָפּגעצויגן דאָס וואַסער פון ייִנגל, דער־נאָך אָפּגעשאַרט דאָס געבליבענע אויף אים וואַסער.

זיי זענען אַרויס פון דער שוויץ. דוד האָט געקלאַפּט מיט די ציין פון קעלט. פּיוול האָט אים געטוליעט צו זיך. יעדער באַזונדער האָט דערפילט די נאַקעטקייט פון צווייטן. פּיוול האָט צוגעפירט דעם זון צום אָרט, וווּ זייערע מלבושים זענען געלעגן.

פּיוול האָט מיט די הענט אָפּגעצויגן זיך דאָס וואַסער פון קאָפּ און פון דער באָרד. ביידע, פּיוול און דער זון, האָבן זיך אָנגעטאָן שנעל.

— שוין — האָט דוד אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער. ער איז געשטאַנען אָן אָנגעטוּענער.

— קום און פאַרגעס נישט די גמרא — האָט דער פאָטער געזאָגט און גענומען גיין.

דוד איז אים פאַרבייגעלאָפן, אַרויס דורך דער טיר, דער ערשטער.

פּיוול האָט געהאַלטן פאַרמאַכט ס׳מויל. ער האָט געאָטעמט דורך דער נאָז. זיינע נאַסע האָר זענען געוואָרן שטייף, די פראָסט איז כסדר געוואָרן שטאַרקער.

ו

ביי פּיוולען אין שטוב איז דער שבת שוין געשטאַנען אויף דער שוועל. די שבתדיקע מאכלים זענען געווען שוין אָפּגעקאָכט. יאַכעטס באַקן זענען געווען צעפלאַמט. דער קנייטש אויף איר שטערן און אירע ליפּן־לעפּעלע זענען געווען נאָס, פאַרשוויצט פון דער אַרבעט.

אין דער לאַנגער נידעריקער שטוב איז געווען וואַרעם, טוכלע און פייכט. די וואַרעמקייט איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט די ריחות פון די מאכלים. עס האָט זיך געפילט די האַרבע זיסקייט פון די קלאָקעס.

יאַכעט איז אַריין אין אַלקערל און אַ ווײַלע שפּעטער איז זי פון דאָרט אַרויס מיט אַ שטייסל וועש אין די הענט. אויף דער וועש פון אויבן איז געלעגן אַ האַנטעך. זי האָט מיט אַן עק פון קלייד אָפּגעווישט אַ שפּיץ טיש און אַהין אַרויסגעלייגט די וועש. די קאָליר פון דער וועש איז געווען קרעם. זי האָט אָפּגענומען פון אונטערן אויוון אַ בלעכענע

שיסל און אַ פלעשל נאַפט. די שיסל האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן בענקל, דאָס פלעשל נאַפט אויפן פאָל דערנעבן.

— טרינק, טרינק קינד, וועט דיר בעסער ווערן — האָט זלאַטעלע, אַ פאַרזאָרגטע, אַ זאָג געטאָן און געשטופט אירס אַ פינגער דער ליאַלקע אין מויל אַריין. די ליאַלקע איז געווען אַ קאָלירטע טשיטשידלע, וואָס די מוטער האָט אויפגענייט. דאָס פּנים איז געווען געמאַכט פון אַ שוואַרצן שטרימפּ.

רבקהלע איז געזעסן איר אַנטקעגן און געקוקט, וואָס די שוועסטער טוט. אויך זי האָט גענומען איינוויגן איר ליאַלקע — אַ נאַקעט שטיקל האָלץ, וואָס דער פאָטער האָט איר אויסגעשניצט.

יאָסעלע איז געזעסן צווישן די צוויי שוועסטערס און געקוקט אַ מאָל אויף דער, און אַ מאָל אויף יענער. די קינדער זענען געזעסן אויפן פאָל אין ווינקל ביים בעט אויף אַן אונטערגעשפּרייטע דערקע.

יאַכעט האָט אָפּגעגאָסן פון דעם אייזערנעם טאָפּ, וואָס האָט זיך געוואָרעמט אויפן אויוון, אַ ביסל וואַסער אין דער שיסל אַריין. דאָס וואַסער איז געווען לעבלעך. יאַכעט האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער. זי האָט אַראָפּגענומען פון פענצטער־ליפּטשיק דאָס קעמל, דערנאָך האָט זי מיט דער זעלבער האַנט אַ נעם געטאָן דאָס שטיקל זייף, וואָס איז געלעגן ביים שעפל. זי האָט זיך אָנגעבויגן און מיט דער אַנדערער האַנט אַ נעם געטאָן יאָסלען אין דער טאַליע. דאָס יינגל איז הענגען געבליבן איר אין אָרעם. ביידע שוועסטערס האָבן אויס־געדרייט די קעפּ, אים נאָכגעקוקט. ערשט איצט האָבן זיי באַמערקט, וואָס די מוטער גייט זיי טאָן. אין דעם מאָמענט האָט זלאַטעלע גענומען צוזאָגן איר ליאַלקע: „אויף שבת מוזסטו זיין ריין".

יאַכעט האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל אַנטקעגן דער שיסל. זי האָט יאָסעלען אַרויפגעזעצט זיך אויף דער שויס, אים איינגעקלעמט צווישן די קני׳ען און פון אים אַראָפּגעצויגן די בגדים. דאָס יינגל האָט זיך געוואָרפן איר אין די הענט.

יאַכעט האָט איינגענעצט אַ האַנט, זי איינגעזייפט און גענומען וואַשן דאָס יינגל. יאָסעלע האָט זיך צעשריגן. זיך געפּרווט ווערן.

— שאַ, שאַ! — האָט די מוטער אים באַרויִקט און אים געוואַשן.

ווען יאַכעט איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס האַנטעך און אַרומגעווישט יאָסעלען. זי האָט שנעל אַרויפֿגעצויגן אויף אים דאָס קלאָרע העמד, אָנגעטאָן אים דאָס באַרכנטענע לייבל. זי האָט אים אַ נעם געטאָן ביי ביידע הענט, אים אויפֿגעהויבן אין דער הויך מיטן פּנים צו זיך. דאָס יינגל האָט אַ לאַך געטאָן צו איר. זי האָט אים אַריינגעלייגט אין בעט און איבערגעדעקט מיטן איבערבעט.

יאַכעט האָט צוגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אין דער שיסל אַריין. איצט האָט זי אַ נעם געטאָן רבקהלען ביי דער האַנט און זי אונטערגעהויבן. די ליאַלקע איז איר אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט.

די מוטער האָט אַראָפּגעצויגן פֿון רבקהלען דאָס קליידל און זי אַוועקגעזעצט אויפֿן בענקל, איינגעזייפֿט רבקהלעס האַלדז און די אויערן און זי אַרומגעוואַשן. רבקהלע איז געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. טראָפּנס וואַסער האָבן געקאַפּעט פֿון אירע פֿיס אויפֿן פֿאָל אַרויף. די פֿייכטע וואַרעמקייט אין שטוב האָט זיך אַדורכגעזאַפּט מיט דעם ריח פֿון די מידלינעס.

יאַכעט האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גאָרשטש נאָפֿט און גענומען איינרייבן רבקהלעס קאָפּ, אירע האָר. דאָס מיידל האָט זיך צעשריגן און געשנופּט מיט דער נאָז. דאָס האַנטעך איז איר אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט. דער ריח פֿון נאָפֿט איז זיך צעגאַנגען איבער דער שטוב. די מוטער האָט צעקעמט אירע האָר מיטן קעמל.

— אַ, מען קעמט דיך! — האָט זלאַטעלע זיך אַ רייץ געטאָן מיט איר.

— אַ, איך בין שוין אָפּגעוואַשן — האָט רבקהלע זיך איצט אַ רייץ געטאָן מיט דער שוועסטער. די מוטער האָט זי צוגעטראָגן צום בעט.

רבקהלע איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן איבערבעט און צוגעטוליעט צו יאָסעלען. דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן זיך אַרומגענומען. איינער האָט זיך געוואַרעמט אין אַנדערן. זלאַטעלע איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיי.

— מאַמע! צוואָג מיך אויס — האָט זי זיך געבעטן. זי האָט אויך געוואָלט אַריינקריכן אין בעט אַריין.

— אַזאַ גרויסע מויד וואַשט זיך אַליין — האָט די מוטער איר געענטפֿערט. יאַכעטס מיד פּנים האָט זיך צעשמייכלט.

די מוטער האָט צונויפֿגענומען די דעק, אויף וועלכער די קינדער

האָבן זיך פּריִער געשפּילט און זי אַרונטערגערוקט אונטערן שטרוי־זאַק. זי האָט אַ קוק געטאָן ווי זלאַטעלע וואַשט זיך און איז אַוועק צום אויוון. זי האָט אָפּגערוקט דעם טאָפּ, צוגעלייגט אַ שטיקל קאָטרע צום פייער און צוגערוקט דעם טאָפּ.

די מוטער האָט ווידער אַ מאָל אָנגעגאָסן זיך אַ גאָרשטש מיט נאַפּט און איינגעריבן זלאַטעלען דעם קאָפּ. עס האָט זיך ווידער דערפילט דער ריח פון נאַפּט.

די מוטער האָט זי געקעמט און גערעדט צו איר:

— איך האָב שוין אַ גרויסע טאָכטער. — יאַכעטס אויגן־לעפּלעך זענען געווען רויט און פייכט, אָבער אירע אויגן האָבן געשמייכלט.

זלאַטעלע האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס קלייד און גענומען בייטן די וועש. די מוטער איז געשטאַנען און געוואַרט. זלאַטעלע איז געבליבן אַ נאַקעטע. די מוטער האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן איר אין אַן אַקסל.

— איי! — האָט די טאָכטער אַ פּישטשע געטאָן און גענומען זיך אָנטאָן. זי האָט אַריבערגעצויגן זיך איבערן קאָפּ דאָס העמד. זי האָט אָפּגעאָטעמט, דערפילנדיק דאָס לייוונט אויפן קערפּער. דאָס העמד איז געווען אויף איר קורץ, אויסגעוואַקסן. זי האָט שנעל אויף זיך אַרויפגעצויגן די באַרכנטענע הויזן און דאָס פלאַנעלענע לייבל. דאָס לייבל איז געווען גרויס אויף איר. די מוטער האָט עס איר אויפגענייט צום ווינטער.

אויך זי האָט די מוטער אַ נעם געטאָן אויף די הענט. די טאָכטער האָט צוגעלייגט איר באַק צו דער מוטערס ליפּן. די מוטער האָט איר אַ קוש געטאָן. יאַכעט האָט זי צוגעטראָגן און זי אַריינגעלייגט אין בעט. זלאַטעלע האָט זיך אַריינגערוקט צווישןביידע. די מוטער האָט זיי איבערגעדעקט מיטן איבערבעט.

די דריי קינדער זענען געלעגן איבער דער ברייט פון בעט. איינער האָט זיך געוואָרעמט אָן אַנדערן. אין שטוב איז געווען שטיל. יאַכעט האָט צונויפגענומען און געמאַכט אַ טאָבאָליק פון דער ברודיקער וועש און עס אַרונטערגערוקט אונטערן בעט; יעדן זונטיק האָט זי געוואַשן וועש, זי זאָל האָבן איבערצובייטן.

די קינדער זענען געזעסן אין בעט און האָבן געהאָרכט, וואָס זלאַטעלע רעדט:

— נאָך אַ ביסל, וועט ווערן פינצטער, דעמאָלט וועט זיין שבת. די מאַמע וועט אָנצינדן ליכט. דער טאַטע וועט קומען פון דאַוונען. מען וועט עסן פיש און פלייש. דער טאַטע וועט זינגען.

יאַכעט האָט מיט דער שעפּ אָנגעשעפּט אין קיבל עטלעכע שעפּן וואַסער און זיי אַריינגעגאָסן אין שעפּל. דאָס שעפּל איז געשטאַנען אין מיטן שטוב. אויך דאָס וואַסער, אין וועלכן זי האָט געוואַשן די קינדער, האָט זי אַריינגעגאָסן אין שעפּל אַריין. זי האָט אַפּערגענומען די באַרשט אין ווינקלביים שעפּל, איינגעטונקען די באַרשט אין שעפּל און גענומען רייבן דעם פּאָל. די שטרוי אין דער אונטערשטער טייל באַרשט איז געווען שוין אויסגעריבן, דער שטעקן פון דער באַרשט איז געווען אַ קורצער. יאַכעט, אַ געבוקטע, האָט כסדר געטונקט די באַרשט אין וואַסער און געריבן ברעט נאָך ברעט. זי האָט געריבן און זיך דערנענטערט כסדר צו דער טיר. די ברעטער האָבן געזאַפּט אין זיך דאָס וואַסער. יעדעס אָפּגעוואָשענע ברעט איז געווען מער נאַס ווי אויסגעוואַשן. דאָס וואַסער אין שעפּל איז כסדר ווייניקער געוואָרן.

דער אימפּעט פון יאַכעטס אַרבעט איז כסדר שנעלער געוואָרן. זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער אויסוואַשן דעם פּאָל. איר פּנים האָט גע־פלאַמט, זי האָט איצט אויסגעזען יינגער, ווי זי איז געווען. אַז זי האָט אויסגעוואַשן דאָס לעצטע ברעט ביי דער טיר, האָט זי אויסגעגליכן דעם רוקן, איינגעטונקען די באַרשט אין דעם ביסל נאָך געבליבענעם אין שעפּל וואַסער און אָפּגעטרייסלט די באַרשט איבערן שעפּל. זי האָט זיך אָנגע־בויגן און אַרויסגענומען פון אויוונלאָך דאָס זעקל מיט טראָטשענעס. מיט איין האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס אָפענע זעקל, מיט דער אַנדערער האַנט אָנגענומען אַ הויפן טראָטשענעס און זיי פונאַנדערגעשפּרייט איבערן פּאָל.

די קינדער האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעט זיי זאָלן בעסער זען, ווי די מאַמע שפּרייזט איבער דער שטוב און שפּרייט פונאַנדער די טראָטשענעס איבערן פּאָל, ווי אַ פּויער, וואָס זייט. די ברעטער־פייכטקייט האָט אָנגענעצט די טראָטשענעס און אין דער דעמפּיקער וואַרעמקייט האָט זיך דערפילט דער ריח פון פריש צעזעגט האָלץ, ווי אין אַ טישלער־וואַרשטאַט. דער פּאָל איז איצט געווען פון קרעם־קאָליר.

יאַכעט האָט אָפּגעזיפּצט און מיט ביידע הענט זיך אָפּגעצויגן דאָס פּנים. זי איז געווען פאַרטיק מיט דער אַרבעט. זי איז צוגעגאַנגען און אַראָפּגענומען דעם טאָפּ פון אויוון. דאָס געבליבענע אין טאָפּ וואַסער האָט זי אַריינגעגאָסן אין דער שיסל און דעם טאָפּ אַוועקגעשטעלט אין ווינקל אונטערן אויוון. זי האָט גענומען דאָס שטיקל זייף אין האַנט, דעם האַנטעך איבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, אויפגעהויבן דאָס בענקל מיט דער שיסל וואַסער און זי איז מיט זיי אַוועק פאַמעלעך, אויף די שפּיץ פינגער: זי האָט זיך געהיטן נישט צו פאַרגיסן און נישט צעטרעטן די טראָטשענעס. זי איז אַריין אין אַלקערל.

יאַכעט האָט צוגעלענט דאָס טירל, אָבער זי האָט זיך מער געשעמט פאַר זיך, ווי פאַר די קינדער. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס שייטל פון קאָפּ. פּעך שוואַרצע אונטערגעשוירענע האָר זענען אָפּערגעפאַלן פון אונטערן שייטל. זי האָט דאָס שייטל אַרויפגעלייגט אויף איר בעט און איילִיק גענומען זיך אויסטאָן. זי איז געבליבן אין בלויזן העמד. אירע אָרעמס זענען געווען פול און קיילעכדיק. אירע גרויסע ברוסטן האָבן זיך אַדורכגעגליטשט דורכן אָפענעם העמדדעקאָלט. יאַכעט האָט אַ פאַרשעמטע זיך אַרומגעקוקט איבער דעם אַלקערל. זי האָט אַדורכגעשטופּט די הענט דורך די אָרעמס פון העמד. דאָס העמד האָט זיך אַ גליטש געטאָן און אַראָפּגעפאַלן אויפן פאָל. זי איז געבליבן אַ נאַקעטע. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער שאַנק, אַרויסגענומען אַ העמד און אַ פּאָר זאָקן, זיך אָנגעטאָן דאָס העמד, זיך אָפּגעבויגן און אַוועקגעזעצט אויפן בעט, אָנגעטאָן די זאָקן און זיך פאַרשנירט די שיך. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעצויגן די באַרכנטענע האַלקע און דעם גרויען באַרכנטענעם שפּענצער און אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ דאָס קלייד. אירע פינגער האָבן איילִיק פאַרקנעפּלט די קנעפּ. זי האָט צונויפגענומען די האָר און זיך אָנגעטאָן צוריק דאָס שייטל.

יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויף די בעטן און זיך גענומען פאַרען ביי זיי. זי האָט צוגעגלייכט די ליילעכער, איבערגעקלאַפּט די פעדערן אין די קישנס און אין איבערבעט. זי איז שטיין געבליבן איבער פּייוולס בעט, שפּעטער האָט זי זיך אויסגעגליכן און אירע נאָזלעכער האָבן אַ פלאַטער געטאָן. זי האָט געאָטעמט שנעל. פאָרענדיק זיך ביי זיין בעט האָט זיך איר געדוכט, אַז זי פילט דעם ריח פון פּייוולס קערפּער. זי האָט

מיט דער צונג זיך איבערגעווישט די ליפּן און שווער אָפּגעאָטעמט. איצט האָט זי פונאַנדערגעלייגט דאָס בעטגעוואַנט און גרייט געמאַכט די בעטן צום שלאָפן. זי האָט זיך אויסגעדרייט, געעפנט די טיר פון דער שאַנק און אַרויסגענומען די צוויי מענער־העמדער, זיי אַרויפגעלייגט אויפן בעט. זי האָט אויפגעהויבן די שטשערקע פון פּאָל און זי איז אַריין אין שטוב. זי האָט אַ שליידער געטאָן די שטשערקע. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער. איר בליק איז געווען שטאַר, ווי זי זאָל קוקן ווייט. איר האָט זיך געדוכט, אַז די קינדער ווייסן, וואָס איר איז געשען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך אָנגערופן:

— קינדערלעך, איך גיב אייך שוין עסן, אַ ביסל פּישיויך — און זי האָט זיך גענומען פּאַרען.

די מוטער האָט מיט איין האַנט צונויפגענומען דריי אָנגעשניטענע מוציאלעך ברויט, מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי אָנגענומען דאָס טיפּע, קיילעכדיקע, בלעכערנע שיסעלע און זי איז אַריין אין אַלקערל. די קינדער האָבן זי באַגלייט מיט די אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער איז יאַכעט צוריקגעקומען. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אירע אַקסלען זענען געווען אויפגעהויבן. זי האָט אַכטונג געטאָן נישט צו פאַרגיסן.

— שוין שבת! — האָט זלאַטעלע אַ שריי געטאָן און זיך איינגעזעצט אין בעט גרייט צו עסן.

די מוטער האָט צוגעטראָגן צום בעט דאָס עסן. מיט דער האַנט האָט זי אויסגעגליכן דאָס איבערבעט און אַרויפגעלייגט דערויף די מוציאָס. דאָס שיסעלע האָט זי לאַנגזאַם אַוועקגעשטעלט, צוהאַלטנדיק עס מיט די פינגער.

— גיט אַכטונג נישט צו פאַרגיסן — האָט די מוטער זיי אַ זאָג געטאָן צוהאַלטנדיק דאָס שיסעלע. יאַכעט האָט פאַרזיכטיק זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. — ייִנגעלע, אויך דו ביסט הונגעריק — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן יאָסעלען.

די מיידלעך האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט. זיי האָבן אָפּגעבראָכן דאָס שטיקל ברויט פון דער מוציא, עס איינגעטונקט אין דער פּישיויך, דערנאָך זיך צוגעטראָגן און אַריינגעלייגט אין מויל.

די מוטער האָט געקאָרמעט דאָס ייִנגל. פון מאָל צו מאָל האָט די מוטער

מיט צוויי פינגער אים אַרומגעווישט זיין מויל. דאָס לעצטע מאָל האָט ער אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, זיך געווערט.

מיט אַ מאָל האָט די טיר אַ שטאַרקן קאַרץ געטאָן, ווי מען זאָל זי אַראָפּנעמען פון די זאַוויאַסעס. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען פייוול מיט אַן אונטערגעהויבענעם אָרעם: ער האָט געוואַרט דער זון זאָל אַדורכגיין.

דוד איז אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין. פייוול האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר און זי צוגעהאַקט.

— טאַטע! טאַטע! — האָבן די קינדער זיך צעשריגן אין אַ כאָר.

פייוול איז געשטאַנען אַן אָנגעבאָנצעטער אין זיין באַנדע. די באַקן זיינע האָבן געפלאַמט, זיין שפּיץ נאָז איז געווען רויט, זיינע האָר אויפן קאָפּ, אין דער באָרד זענען געווען צונויפגעקלעפּט, פאַרפרוירן. פון זיין געשטאַלט האָט געוויייעט אַ קעלט. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, זיך צעקנעפּלט און אַראָפּגעצויגן פון זיך די באַנדע.

דוד, ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב, איז ער צוגעלאָפן צום טיש. ער האָט אַרויסגערוקט דעם שופלאָד און אַריינגעלייגט אַהין די גמרא. ער האָט פונאַנדערגעקנעפּלט דעם פּאַלטן און ער איז שטיין געבליבן מיט די פּאָלעס אין די הענט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט געקוקט אויף די שוועסטער. זיין מויל איז געווען אָפן, זיינע באַקן זענען געווען ראָז פון דער קעלט. ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם פּאַלטן און אים אַ שליידער געטאָן, אים אַרויפגעוואָרפן אויף אַ בענקל. ער איז געלאָפן צו דער מוטער. ער האָט זיך צו איר צוגעטוליעט און מיט די הענט אַרומגענומען איר האַלדז.

די מוטער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, דערפילנדיק זיינע קאַלטע הענט. זי האָט אַריינגעלייגט יאַסעלען אין מויל אַריין דעם לעצטן ביסן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט און אירע פינגער איבערגעפירט איבער דודס קאָפּ: זיינע האָר זענען געווען שטייף.

— איך וויל עסן! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן און זיך אַ וואַקל געטאָן ווי די קניען זאָלן זיך אים אונטערברעכן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ ביסן ביי זלאַטעלען און אים איינגעשלונגען.

יאַכעט האָט אָוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע און אַ נעם געטאָן צוויי טיפע טעלער און צוויי לעפל. זי האָט אויפגעדעקט די דיניצע און זי

איבערגעבויגן. דער האַרבער ריח פון די צעקאָכטע קלאָקעס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטוב. יאַכעט האָט מיט אַ לעפל אַרויס־געשאַרט פון דער דיניצע אויף די טעלער אַרויף די אָנגעקאָכטע קלאָקעס. זי האָט אָנגעפילט די טעלער און אין יעדן פון זיי אַריינגעלייגט אַ לעפל. זי האָט צוריק צוגעדעקט די דיניצע און זי אָפּגערוקט אין אַ זייט. זי האָט אָנגענומען און צוגעטראָגן די צוויי טעלער און זיי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

יאַכעט האָט זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט, זי איז געבליבן שטיין ביים אויוון. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן, ווי זי זאָל זיך וואַרעמען. זי איז געשטאַנען און געקוקט.

דוד האָט שוין געגעסן. ער האָט כסדר דעם שפּיץ לעפל אַרונטער־געשטעקט אונטער די קלעצלעך קלאָקעס און איילִיק זיך אַריינגעשטופּט דעם לעפל מיט עסן אין מויל אַריין. די צוויי מיידלעך אין בעט האָבן זיך אויפגעשטעלט און געקוקט.

— מאַמע! — האָט זלאַטעלע זי אַ רוף געטאָן, אָבער זי איז באַלד שטיל געבליבן.

— מיר וועלן ביי נאַכט אויך באַקומען קלאָקעס — האָט רבקהלע אַ זאָג געטאָן זלאַטעלען, ווי זי זאָל זי טרייסטן. רעדנדיק, האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך לויף אַביי צום בעקער — האָט יאַכעט געזאָגט.

זי האָט אַריבערגעוואָרפן איבער זיך דאָס טיכל, די עקן פון טיכל אַרונטערגענומען אונטער די אָרעמס. זי זאָל די הענט האָבן פריי. זי איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אַרויפגעשטעלט די קרוג מיט דער קאַווע אויף דער דיניצע טשאָלנט, אויפגעהויבן די טעפּ און זיי אָנגעלענט זיך אויפן בויך און זי איז אַוועק צו דער טיר.

יאַכעט האָט מיטן עלנבויגן אָנגעדריקט דעם סקאָבעל. די טיר איז אויפגעשפּרונגען. יאַכעט האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר. אונטער־העלפנדיק זיך מיט דער קני, האָט זי פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

— די מאַמע איז געגאַנגען מיטן טשאָלנט צום בעקער. זי וועט באַלד ברענגען די קיכלעך — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן.

פייוול האָט אַוועקגערוקט דעם טעלער פון זיך און ער האָט זיך אויסגעגליכן. ער האָט פון אונטער זיך אָפּגערוקט דאָס בענקל און זיך

אויפגעשטעלט, פונאַנדערגעפּירט די אָרעמס און זיך אויסגערעקט די ביינער.

— טאַטע! טאַטע! — האָבן ביידע טעכטער אין איינעם זיך פונאַנ־דערגעשריגן, געקוקט אויף אים, וואָס ער טוט.

פייוול האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און אַ קוק געטאָן מיט איין אויג פון דער זייט.

— טייבעלעך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און ער איז אַוועק צום בעט. זיין טראָט איז געווען אַ שווערער, ווי ער זאָל קלעטערן אויף אַ באַרג. אַ ווײַלע האָט פייוול געצעגערט, אָבער ער האָט זיך באַלד אַריינגעזועצט אין בעט אַריין. — שוועלבעלעך מיינע — האָט ער אַ זאָג געטאָן און ער האָט זיי אַרומגענומען מיט די אָרעמס.

די קינדער האָבן אויסגעשטרעקט די הענט און גענומען ציפּן אים ביי די אויערן, ביי דער נאָז און די האָר. זיינע אויגן זענען געווען פאַר־מאַכט, זיין אָטעם איינגעהאַלטן. פּלוצעם איז ער אויפגעשפּרונגען:

— טאַטע! טאַטע! — האָבן די קינדער אים גערופן און זיך געריסן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— די מאַמע קומט באַלד — ער האָט זיך אויסגעדרייט און ער איז אַוועק.

די קינדער זענען געבליבן זיצן, ווי די שפּילצייג זאָל זיי האָבן אַוועק־געקומען.

— שפּעט שוין — פייוול האָט פון אונטער דעם שענקל אַפּערגענומען דאָס באַרשטל און דאָס פּושקעלע שוואַקס. דאָס בערשטל האָט ער אַריינגערוקט אין אַרבל, דאָס פּושקעלע געעפנט. דער שוואַקס אַרום די ראַנדן איז געווען פאַרטריקנט, האָט ער דאָס פּושקעלע אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון אין דער זייט. ער האָט אַפּערגענומען פון אונטערן בעט די קינדער־שיכלעך און זיי אַוועקגעשטעלט אויפן אויוון.

פייוול האָט מיט דער האַנט אויסגעריבן די האָר פון בערשטל — זיי זענען געווען צונויפגעקלעפּט. ער האָט אויסגעשטרעקט צוויי פינגער, אָנגעטאָן אויף זיי אַ שיכל און גענומען עס פּוצן.

דאָס שיכל אויף זיינע פינגער האָט אויסגעזען ווי אַ שפּילעכל. ער האָט די שיכלעך געריבן מיט כוח, ווי ער זאָל טאָן אַ שווערע אַרבעט, אָבער די שיכלעך האָבן נישט געגלאַנצט, דאָס לעדער איז געווען אַלט

און אַדורכגעגעסן פון שווייס. פּייוול האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ — געַ־וואָלט זען, וואָס דער זון טוט. פּאַר וואָס ער איז אַזוי שטיל.

דוד איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענער און ער האָט מיטן מויל פונאַנדערגעבלאָזן דאָס זעגעכץ אויפן פּאָל.

— די מאַמע האָט זיך אָנגעהאָרעוועט, און דו ביסט משחית איר אַרבעט. קום אַהער, ווען איך דיר אויספּוצן די שטיוול — האָט דער פּאָטער אים אַ רוף געטאָן. פּייוול האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. דאָס אָנגע־טוענע אויף זיינע פינגער שיכל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און איז שטיין געבליבן.

דוד איז צוגעגאַנגען צום פּאָטער, ווי אַ שולדיקער.

— שטעל אַרויף אַ פוס — האָט דער פּאָטער געזאָגט.

דוד האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן ראַנד פון אויוון. פּייוול האָט איינגעטונקען דאָס בערשטל אין שוואַקס און גענומען פּוצן דודס שטיוול.

דער זון האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין לימיץ פון פּאָטערס הויזן.

— שטיי איין — האָט דער פּאָטער אים אַ זאָג געטאָן און מיטן בערשטל געריבן זיין שטיוול. דער שטיוול האָט אויף זיך נישט גענומען קיין גלאַנץ: דודס שטיוול זענען געווען געמאַכט פון פערד־געמזע.

— שטעל אַרויף דעם צווייטן פוס — האָט דער פּאָטער אים געזאָגט.

דוד האָט זיך אָנגעכאַפּט אין פּאָטערס הויזן־לימיץ מיטביידע הענט. ער האָט אַראָפּגענומען דעם פוס און אַרויפגעשטעלט דעם אַנדערן.

דער פּאָטער האָט אַ קוק געטאָן אין פּושקעלע און אַריינגעשפּיגן אין שוואַקס אַריין. ער האָט געוואָלט דאָס פּוצעכץ זאָל סטייען. ער האָט איינגעטונקט דאָס בערשטל און גענומען פּוצן דעם שטיוול.

פּייוול האָט אָנגעלענט זיין אָרעם איבער דעם זונס פּלייצע, דוד זאָל אים נישט שטערן, און ער האָט געפּוצט ווייטער. אויך דער שטיוול איז געבליבן מאַט, אָבער ער איז געווען העלער ווי דער צווייטער. דער שוואַקס איז איצט געווען שיטערער.

— שוין גענוג — האָט דוד אַ זאָג געטאָן און ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם פוס.

ער איז צוגעלאָפן צו דער שוועסטער און ער האָט זי אַ צי געטאָן ביי די האָר.

— טאַטע, ער שלאָגט — האָט זלאַטעלע זיך צעשריגן.

— דוד, דו לערנסט שוין אַ שיעור — האָט דער פאָטער אים אַ זאָג געטאָן מיט אַן אָנגעשטעלטער רוגזא.

דוד האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין, די שוועסטערס האָבן זיך אָפּגערוקט. זיי האָבן אים געמאַכט פּלאַץ.

זלאַטעלע האָט אים איבערגעדעקט מיטן איבערבעט. דודס אויגן זענען געווען פאַרמרוזשעט. ער האָט געקוקט דורך די אויגן־שפּאַרעס, ווי די שוועסטער פאָרעט זיך אַרום אים.

פייוול האָט צונויפגענומען די שיכלעך. ער האָט זיי אָנגעטאָן זיך אויף די פינגער, ווי צונויפגענומענע לײדיקע גלעזער, און געטראָגן זיי צום בעט. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און געקוקט אויף די שיכלעך, ווי ער זאָל טראָגן אייער. ער האָט די שיכלעך אַוועקגעשטעלט און זיי אויסגעסדרט אין אַ ריי אונטערן בעט פון פאָרנט.

אַ ווײַלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צום אויוון, אָפּגערוקט דעם טאָפּ און אַ קוק געטאָן צום פייער.

ער האָט זיך אָנגעבויגן און אַרויסגענומען פון אויוונלאָך עטלעכע קליינע אָנגעהאַקטע שטיקלעך קוילן. ער האָט גענומען אַריינלייגן די קוילן אין אויוון אַריין. יעדעס שטיקל קויל האָט ער באַזונדער אַרײַנ־געלייגט אין דער פייערקע, איין שטיקל אויפן אַנדערן. ער האָט פון די קוילן געבויט אַ פּיראַמידע, זיי זאָלן האַלטן וואַרעם. דער קוילן־סוואָנד האָט אַדורכגענומען די לופט. די קינדער האָבן מיט פאַרביילטע פויסטן זיך געריבן די אויגן. פייוול האָט געשנופּט מיט זיין לאַנגער נאָז. זיין פּנים איז געווען צעקנייטשט, זיינע ברעמען זענען געווען צונויפגעבויגן — ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. די מוטער, אַן איבערגעבויגענע איבער די בלעכן, וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט, האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר.

די קינדער אין בעט זענען אויפגעשפּרונגען און זיי האָבן גענומען שרייען:

— איך וויל אַ קיכל! איך וויל אַ קיכל! — אַפילו יאָסעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זלאַטעלעס קלייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גע־קוקט אויף דער מוטער.

יאַכעטס פּנים איז געווען אויסגעפּרוּירן. די האָר פון איר שייטל זענען געווען צונויפגעקלעפּט; אַ דינע שנייטוי איז אויף זיי געלעגן. זי האָט געסאַפּעט, אָבער די בלעכן האָט זי נישט אָוועקגעשטעלט. פייוול איז צוגעגאַנגען און ער האָט פאַרמאַכט גוט די טיר.

— דאָס איז אויף שבת — האָט יאַכעט שטרענג אַ זאָג געטאָן די קינדער. — זי האָט מיט די בלעכן זיך אַדורכגעשטופּט דורך דעם טירל פון אַלקערל.

— אַ קיכל, אַ קיכל, — האָבן די מיידלעך זיך געבעטן.

יאַכעט איז צוריק אַריין אין שטוב.

— אָ, האָבן די קינדער אַ שריי געטאָן און גענומען פּאַטשן מיט די הענט.

די מוטער האָט געהאַלטן אַ קיכל אין האַנט. זי האָט דאָס קיכל פאַרזיכטיק צעבראָכן אויף פיר.

דוד איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. ער האָט זיך אָנגעבויגן און זיך אַדורכגעשלייכט אונטער דער מוטערס פּלייצע. ער איז אַריין אין אַלקערל.

דאָס ערשטע שטיקל קיכל האָט יאַכעט דערלאַנגט יאָסעלען. דאָס קינד האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל קיכל. די מיידלעך האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט. יאַכעט האָט אויך זיי דערלאַנגט שטיקלעך קיכלעך. יאַכעט האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, געזוכט דעם זון. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געשוויגן. זי האָט פאַרשטאַנען ווו דוד איז. יאַכעט האָט דאָס פערטע שטיקל קיכל צעבראָכן אויף צוויי און יעדן מיידל צוגעגעבן נאָך אַ שטיקל.

דוד האָט זיך אַדורכגעשלייכט דורכן טירל פון אַלקערל און אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער נישט זיכער. ער איז צוגעגאַנגען צום אויוון און זיך אָוועקגעשטעלט עסן דאָס קיכל, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר זיך. די מוטער האָט געמאַכט זיך נישט זען.

פייוול איז געשטאַנען און זיך געריבן די הענט, ווי ער זאָל זיי ווען צעוואַרעמען. אין שטוב איז געווען שטיל. דוד האָט מיט צוויי פינגער פון ביידע הענט געקלאַפּט איבערן ראַנד פון אויוון, ווי ער זאָל אויס־קלאַפּן אַ ניגון.

די מוטער איז אַריין אין אַלקער און באַלד צוריקגעקומען. אירע הענט זענען געווען פאַרנומען. אין איין האַנט האָט זי געטראָגן וועש און אין

דער אַנדערער געהאַלטן די בגדים. זי האָט די זאַכן אַרויפגעלייגט אויפן בעט.

יאַכעט האָט אַריבערגעצויגן איבער זלאַטעלעס קאָפּ איר פרעז פלאַנעלן קליידל, פאַרקנעפּלט אירע אַרבל־מאַנקעטן. זלאַטעלע איז געשטאַנען און געגלעט איר קליידל. דאָס קליידל איז געווען פאַרמאַכט ביז אונטערן האַלדז און האָט געהאַט אַן אויסגעלייגט קיילעכדיק קעלנערל. דאָס קליידל האָט געהאַט אַ גלייכן שניט, נאָר פון הינטן איז עס געווען עטוואָס ברייטער און אָפּגעלייגט, ווי אַ קלאָש. יאַכעט האָט אויסגעדרייט די טאָכטער מיט דער פּלייצע צו זיך און גענומען פאַרקנעפּלען אירע קנעפּלעך אויפן רוקן.

יאַכעט האָט איבערגעשטעלט אַ פוס איבער דער שוועל פון אַלקערל, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און פון ווייטנס אַראָפּגענומען פון דער שאַנק דעם קאַם. יאַכעט איז באַלד צוריקגעקומען און האָט גענומען פאַרקעמען זלאַטעלען. זי האָט געמאַכט איר אַ שרינט אין דער מיט און די האָר אירע אַריבערגעקעמט אין ביידע זייטן קאָפּ.

יאַכעט איז צוגעגאַנגען צו רבקהלען. די מוטער האָט פונאַנדערגענומען די אַרבל פון „קאָווערקאָטענעם" קליידל און עס אַריבערגעצויגן איבער דער טאָכטערס קאָפּ. פּייוול האָט געהאָלפן דעם ווייב אַראָפּצי͏ִען דאָס קליידל איבער דער טאָכטער. דאָס קלייד איז געווען אַ ביסל שוין ענג אויף איר. צי͏ִענדיק דאָס קלייד האָבן זייערע פינגער זיך געטראָפן. יאַכעט האָט באַקומען פלעקן אויף די באַקן. פּייוולס אויגן זענען געוואָרן פייכט. אַז יאַכעט האָט געענדיקט, האָט זי אויסגעדרייט רבקהלען און פאַרמאַכט איר די זאַטשאַסקעס אויפן רוקן. „ס'שבת־קלייד" — האָט רבקהלע זיך אַ זאָג געטאָן און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, זי האָט זיך אָנגעקוקט. „שיין" — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן. דאָס קליידל האָט אויך געהאַט אַ גלייכן שניט, נאָר אין דער טאַליע איז עס געווען אַ ביסל איינגענומען. דאָס קליידל איז געווען איבערגעאַרבעט. מען האָט אָנגעזען דערויף די אַלטע נעט.

יאַכעט האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו יאָסעלען. דאָס יינגל האָט זיך אַ ריס געטאָן צו איר — ער האָט געמיינט, אַז די מוטער וויל אים נעמען. די מוטער האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיין קעפּל, אים אַ קוש געטאָן און גענומען אים אָנטאָן.

יאָסעלע האָט געוואָרפן מיט די הענט, זיך געווערט. די מוטער האָט

אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ, ער זאָל זי נישט טרעפן. זי האָט פונאַנדערגעקנעפּלט און אַראָפּגעצויגן פון אים דאָס גרינע באַרכנטענע אַנצעגל. די הייזלעך מיט דעם יעקעלע זענען געווען איין שטיק. די אַרבל און די נאָגאַוויצעס זענען געווען ברייט, אָן אַ פאָרעם. די הייזלעך האָבן געהאַט אַ לאָדן פון הינטן. — יאַכעט האָט אַליין אויפגעגנייט דאָס אַנצעגל פון אירס אַן אָפּגעטראָגענער האַלקע.

יאָסעלע איז געשטאַנען אַ נאַקעטער. יאַכעט האָט אייליק פונאַנדער־גענומען דאָס שטיקל וועש, וואָס זי האָט געהאַלטן אין די הענט. זי האָט וואָס שנעלער געוואָלט דעם קינד אָנטאָן דאָס העמדל, ער זאָל זיך, חלילה, נישט צוקילן. יאַכעט האָט נישט אויסגעהאַלטן, צוגעלייגט איר קאָפּ צו דעם יינגלס ברוסט. יאָסעלע האָט זיך צעלאַכט: דער מוטערס ליפּן האָבן אים געקיצלט.

פייוול איז צוגעגאַנגען צום שעפל, האָט אָפּגעגאָסן זיך די שפּיץ פינגער און זיי אָפּגעווישט.

— קום! — האָט ער אַ רוף געטאָן דעם זון און ער איז אַריין אין אַלקערל. דוד האָט זיך אויפגעשטעלט און איז נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער.

יאָסעלע איז געבליבן שטיין מיט פונאַנדערגענומענע הענט, ווי ער זאָל מורא האָבן זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. ער האָט איצט געטראָגן אויף זיך די שבתדיקע מלבושים: גרויע, שוואַרץ געשטרייפטע. דריי פּערטל־לאַנגע הייזלעך, שוואַרצע, אין פאַסן געוועבטע, שטרימפּ און אַ ווייס באַר־כאַנטן שפּענצערל. דער שפּענצער איז געווען אַריבערגעלאָזט איבער די הייזלעך.

— קום שפּילן עטל־בעטל — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן דער שוועסטער.

— פאַרשפּיל יאָסעלען — האָט די מוטער זיך אַ ווענד געטאָן צו זלאַטעלען. די מוטער האָט אויפגעהויבן דאָס יינגל און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל ביים טיש. זלאַטעלע האָט זיך צו אים צוגערוקט און אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקל אַריין. יאָסעלע האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און מיט דער האַנט אָפּגעשטופּט די שוועסטער פון זיך.

— רבקהלע היט אים צו, איך גיי ברענגען די שטראָלקעס — האָט זלאַטעלע איר אַ זאָג געטאָן און זי איז אַ לויף געטאָן.

זלאַטעלע האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און פון דער פּושקע אויפן שענקל אַרויסגעגראַבלט די שטיינדלעך. זלאַטעלע איז צוריקגעקומען און האָט אַרויפגעלייגט די פינף שטיינדלעך אויפן טיש. די שטיינדלעך זענען געווען פירקאַנטיק, אָבער די קאַנטן זייערע זענען געווען אָפּגעריבן. פיר פון די שטיינדלעך האָט זי צערוקט איבערן טיש. דאָס פינפטע שטיינדל האָט זי אַ וואָרף געטאָן אין דער הייך.

יאַכעט איז נישט געשטאַנען ליידיק. זי האָט צונויפגענומען און איינ־געדרייט אין אַ וואַלעקל די וועש, וואָס די קינדער האָבן אויסגעטאָן און זי אַרונטערגעשטופּט אונטערן בעט. זי האָט צונויפגענומען די ליאַלקעס און זיי אַריינגעלייגט אין אַ שופלעדל אין שענקל. איצט האָט זי פונאַנדער־געקלאַפּט די קישנס און פונאַנדערגעשאָרט די פעדערן אין איבערבעט. ביים פאַרבעטן דאָס בעט האָט זי אַ ביסל זיך געזוימט. זי האָט געוואָלט, אַז דאָס צונויפגעלייגטע בעטגעוואַנט זאָל האָבן אַ קאַנט. דאָס פאַרבעטע בעט האָט זי פאַרדעקט מיט אַ רויטער פּליושענער דעק, אַרומגעזיימט מיט גרינע פראַנדזן.

זלאַטעלע האָט יעדעס מאָל פון דאָס ניי פונאַנדערגערוקט די שטיינדלעך איבערן טיש, און יעדעס מאָל ווידער אַ וואָרף געטאָן אַ שטיינדל אין דער הייך — ביז דאָס שטיינדל איז אַריינגעפאַלן אין איר האַנט. דעמאָלט האָט זי מיט דער זעלבער האַנט געפּרוווט כאַפּן אויך אַ שטיינדל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. איר האַנט איז געווען צו קליין, זי זאָל קענען אַריינבעמעןביידע שטיינדלעך מיט אַ מאָל. דאָס צוריקגעוואָרפענע שטיינדל איז איר כסדר געפאַלן אויפן טיש.

רבקהלע האָט געקוקט, ווי די שוועסטער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די שטראָלקעס. יעדעס מאָל ווען דאָס געוואָרפענע שטיינדל איז אַראָפּגעפאַלן אויפן טיש, האָט יאָסעלע אויסגעשטרעקט די האַנט און עס געוואָלט כאַפּן. זלאַטעלע האָט כסדר אָפּגעשטופּט דעם יינגלס האַנט, אָבער זי האָט געשוויגן.

דאָס טירל פון אַלקערל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דוד איז אַרויס־געלאָפן פון דאָרט. דער פאָטער איז אים נאָכגעקומען מיטן סידור אין האַנט. זיין טראָט איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שבתדיקער שוין, כאָטש ער האָט געטראָגן די זעלבע שווערע שטיוול. פּייוול איז שטיין געבליבן הינטערן זון. די מיידלעך האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. זייערע

הענט זענען ליגן געבליבן אויפן טיש. זיי האָבן באַטראַכט דעם פאָטער און דעם ברודער.

יאַכעט האָט מער דערפילט, ווי געזען, אַז די מענער זענען אַריין אין שטוב. פייוול איז געווען שוין אָנגעטאָן אין די שבתדיקע מלבושים. ער האָט געטראָגן אַ סאַמעטן היטל, מיט אַ דענקע. פון אונטערן היטל האָט אָפּערגעשטאַרט אַ שטיק פון זיין סאַמעטן קאַפּל. זיין שוואַרצע, זיידענע איביצע איז געווען צעקנעפּלט. די שוואַרצע קאָליר פון דער איביצע איז געווען גרינלעך פון אַלטקייט. זיין באָרד איז געווען צעקעמט, זי האָט איצט אויסגעזען לענגער. זיינע רויטע האָר האָבן געגלאַנצט.

דוד איז שוין אויך געווען אָנגעטאָן שבתדיק. ער האָט געטראָגן אַ קיילעכיק, סאַמעטן היטל. איבערן דאַשעק פון היטל איז געווען אָנגע־צויגן אַ זיידן בענדל מיט צוויי קנעפּלעך אין די עקן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרוי שעוויאָטן איבעצל. דאָס איבעצל איז געווען גרעסער ווי זיין מאָס.

פייוול האָט אַ שטעל געטאָן אַ פוס, ווי ער זאָל וועלן גיין, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָפּגערוקט פון טיש אַ בענקל. ער האָט אונטערגעהויבן די פּאָלעס און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט געעפנט דעם סידור, אים אַרויפגעלייגט זיך אויף די קני׳ען און איבערגעמישט עטלעכע בלעטער.

דוד איז צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט אַריינגעטאָן די הענט אין די הויזן־טאַשן, אַרויסגענומען צוויי גאָרשטשען קנעפּ און זיי אַרויפגע־לייגט אויפן טיש.

זלאַטעלע האָט איבערגעריסן איר שפּיל מיט די שטיינדלעך. ביידע מיידלעך האָבן זיך איינגעקוקט אין דודן. ער האָט געציילט די קנעפּ, געוואָלט וויסן, וויפל קנעפּ ער האָט געוווּנען במשך דער וואָך.

— יאַכעט — האָט פייוול געזאָגט.

פייוול האָט פאַרמאַכט דעם סידור, זיך אויפגעשטעלט און אַרויפגעלייגט דעם סידור אויפן טיש. ער האָט אַ שפּריַיז געטאָן, אַריינגערוקט די האַנט אונטערן בוזעם און פון דער טאַש אַרויסגעצויגן דעם פּליק געלט. ער האָט זיך אָנגעבויגן, אונטערגעהויבן דעם שטרויזאַק אין בעט און אַרונ־טערגערוקט דאָס געלט. פייוול האָט געוואָלט, יאַכעט זאָל זען, ווו ער לייגט דאָס געלט.

— זיבעצן, דריי געוווּנען — האָט דוד געזאָגט און גענומען אויסדרן די קנעפּ אויפן טיש לויט זייער גרויס.

פּייוול האָט צוגערוקט דאָס בענקל, אויף וועלכן ער איז פריִער געזעסן, צום פענצטער. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם סידור פון טיש און זיך אָוועקגעזעצט. ער איז געזעסן מיטן רוקן צום בעט, דעם ליכט פון פענצטער אַנטקעגן. אַ ווײַלע שפּעטער זענען זיינע פינגער ליגן געבליבן אויפן אָפענעם סידור. ער האָט זיך געוויגט און זיך צעזונגען: „שיר השירים אשר לשלמה: ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין". — —

יאַכעט איז אַריין אין אַלקערל. דאָס טירל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און עס איז געבליבן האַלב אָפן נאָך איר.

אין אַלקערל האָט יאַכעט זיך געפּאָרעט. פּייוול האָט אַ קוק געטאָן דורך דער טיר אין אַלקערל אַריין: יאַכעט האָט איבערגעצויגן איבער זיך דאָס קלייד. פּייוול האָט דערזען איר אָפענעם בוזים און אירע קײַלעכדיקע אָרעמס. ער האָט גענומען וויגן זיין קערפּער פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ווייטער געזונגען: „יפה את רעיתי כתרצה נאוה כירושלים אימה כנדגלות: הסבי עיניך מנגדי". זיין קול איז געוואָרן טיפער און ער האָט געזונגען שנעלער: „ששים המה מלכות ושמנים פילגשים ועלמות אין מספר". אָבער איצט האָט מען געהערט נאָר זיין ניגון און נישט קיין ווערטער.

יאַכעט איז אַריין אַן איבערגעטוענע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנג ביז די קנעכל באָרדאָ־קלייד. דאָס קלייד האָט געהאַט אַ גלייכן שניט. פון הינטן איז עס געווען ברייט און האָט זיך געלייגט אין קלאַשן, אויבן איז דאָס קלייד געווען פאַרמאַכט ביז אונטערן האַלדז. דאָס קלייד איז געווען פון אַ שווערן שעוויאָט. דער שרונט פון שייטל איז געווען גלייך. זי האָט געשפּרייזט לאַנגזאַם מיט פאַרלייגטע הענט אונטערן האַלדז. זי האָט געטראָגן דאָס טישטעך, די ווייסקייט פון טישטעך האָט באַשיינט איר פּנים. זי האָט איצט אויסגעזען שלאַנקער און העכער, ווי אַלע מאָל.

יאַכעט האָט פונאַנדערגענומען דאָס טישטעך און עס פונאַנדער־געשפּרייט איבערן טיש. די טישטעך־ווייסקייט האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט. אין שטוב איז געוואָרן העלער. דער לײַדיקער, ווייס באַדעקטער טיש, האָט פאַרכאַפּט די קינדערס אָטעם. זיי זענען געשטאַנען און גע־

וואַרט. יאַכעט האָט צוגעטראָגן און אַרויפגעשטעלט אויפן טיש די באַ־ניקלטע טאַץ, און אויף איר — די מעשענע לייכטער.

זי האָט אונטערגעשאַרט דאָס פייער אין אויוון, פאַרמאַכט די פייערקע און צעשטעלט די טעפּ, זיי זאָלן זיך וואַרעמען.

פייוול האָט אַ קוש געטאָן דעם סידור און אים פאַרמאַכט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף די קינדער און אויף יאַכעטן און אַרויפגעלייגט דעם סידור אויפן טיש. ער איז צוגעגאַנגען צום שענקל, גענומען דעם לאָמפּ און די שוועבעלעך. דעם לאָמפּ האָט ער אַרויפ־געשטעלט אויף דעם טיש איבער די לייכטער, די שוועבעלעך האָט ער אַוועקגעלייגט אויף דער טאַץ אין דער זייט.

יאַכעט האָט געבראַכט פונעם אַלקערל צוויי חלות און דאָס טישטעכל. איבער דער ברייט פון טיש, אויבן אָן, דער טיר אַנטקעגן האָט זי אַוועקגעלייגט די חלות. איין חלה אָנגעלענט אָן דער אַנדערער און זיי איבערגעדעקט מיטן טישטעכל. דאָס טישטעכל איז געווען קרעם, קיילעכדיק און אַרומגעהעקלט מיט אַ גרינעם זיידענעם פאָדעם. אין מיטן טישטעכל איז געווען אויסגעהאָפטן מיט אַ דיקן זיידענעם פאָדעם „שבת קודש״.

פייוול האָט אַרויסגענומען אַ שוועבעלע פון פושקעלע און עס אָנגע־ריבן. דאָס פלעמל האָט אַ פלאַקער געטאָן. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס גלעזל און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. דאָס פלעמל האָט גענומען צאַנקען, ווי עס זאָל רופן דעם „שבת״.

— יאַכעט, צינד ליכט — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, זיך צוגערוקט צו דודן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און אַרומגענומען די קינדער פון ביידע זייטן.

יאַכעט האָט צוגעשפּרייזט צו די ליכט. זי האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן די ליכט. די שיין פון די ליכט האָט זיך צעגאָסן איבער דער שטוב. די ווינקלען אין שטוב זענען געוואָרן העל. די ליכטפלעמלעך האָבן זיך אַ ציי געטאָן אין דער הויך. די קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט צום פאָטער. ער האָט זיי אַרומגענומען שטאַרקער.

יאַכעט האָט אַרויפגעלייגט אויף דער טאַץ דאָס אויסגעברענטע שווע־בעלע. זי האָט אויפגעהויבן די הענט און דריי מאָל זיי פונאַנדערגעפירט, ווי זי זאָל רופן די קינדער. זי האָט מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פנים

און געבענטשט: „...אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של שבת"... איר קול האָט געציטערט. איר האַלדז איז געווען אויסגעשטרעקט. די וואַרעמקייט אין שטוב האָט אַ פלאַטער געטאָן. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען מיט די הענט איבער די אויגן און זיך לײַכט געשאָקלט, דערנאָך האָט זי לאַנגזאַם אַוועקגענומען די הענט פון פּנים. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן — די שײַן האָט איר אַ שניט געטאָן אין די אויגן. מיט אַ שפּיץ פינגער האָט זי זיך אויסגעווישט די טרער אין ווינקל פון אויג. זי האָט מיט די הענט זיך אָנגעלענט אין טיש און גענומען זיך שאָקלען. זי האָט געזאָגט און געבעטן:

„לכבוד גאָט, לכבוד אונדזער געבאָט, לכבוד דעם ליבן שבת קודש,
וואָס אונדזער האַר גאָט האָט אונדז געגעבן דעם ליבן שבת קודש,
און האָט אונדז געבאָטן די ליבע מצווה, אַז איך זאָל קאָנען מקיים
זײַן און זי זאָל זײַן ג'יוואָגן, אַזוי ווי כל תרי"ג מצות פון כל ישראל,
אמן כן יהי רצון".

די וואַרעמקייט אין שטוב איז געוואָרן לײַכטער. עס האָט זיך דערפילט דער ריח פון די פרישע וועש און מלבושים, וואָס די שטוביקע האָבן איבערגעטאָן. אויך דער ריח פון דער יויך, וואָס האָט זיך גענומען וואַרעמען, האָט זיך דערפילט. יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט זיך אײַנגעקוקט אין איר הויזגעזינד און אַ זאָג געטאָן:

— גוט שבת, קינדער! גוט שבת, בעל־הבית!

— גוט שבת, מאַמע! — האָבן אַלע אין אײנעם איר געענטפערט. יאָסעלע האָט אויסגעשטרעקט די הענט. יאַכעט האָט אים אַ נעם געטאָן אויף זיך, אים געקושט די אויגן און צוגעלייגט איר קאָפּ צו זײַן קעפּל.

— קום דאַווענען — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן דודן.

בײדע, דער פאָטער און דער זון האָבן אַ שפּאַן געטאָן: דוד — צום בענקל, ווו עס איז געלעגן זײַן פאַלטן; פײוול — צום האָק ווו עס איז געהאָנגען זײַן באַנדע. דער פאָטער מיטן זון האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך די גראָבע, וואַרעמע בגדים איבער זײערע שבתדיקע איביצעס.

דוד האָט גענומען דעם סידור פון טיש און ער איז נאָכגעלאָפן דעם פאָטער. פײוול האָט זיך אויסגעדרייט און ער האָט אַ זאָג געטאָן אין שטוב אַרײַן:

— גוט שבת!

— אַ גוטן שבת! — האָט יאַכעס אים געענטפערט.

פייוול האָט געעפנט די טיר. די טרוקענע אָוונטקעלט האָט זיך אַדורכ־געשטופט דורך דער אָפענער טיר.

די שייבעלעך און די פענצטער זענען געווען איבערגעצויגן מיט אַ ווייסן פראָסט. די אָנגעלאָפענע אין שטוב קעלט האָט זיך שוין געהאַט צעשפרייט און ס׳איז ווידער געווען וואַרעם. די מוטער מיט די טעכטער האָבן געקוקט אויף די ליכט. די אויסגעצויגענע פלעמלעך זענען געווען אַרומגענומען מיט גאָלדענע שטראַלן.

די מוטער האָט מיט איין פוס אָפּגערוקט אַ בענקל פון טיש און עס צוגערוקט צום אויוון. זי האָט אַ צי געטאָן נאָך זיך די טעכטער און יאָסעלען אַרויפגעזעצט זיך אויף דער שויס. דאָס יינגל האָט אָנגעלענט זיין קעפּל אויף דער מוטערס ברוסט.

— מאַמע, דערצייל אַ מעשׂה — האָט זלאַטעלע זיך געבעטן ביי איר און אַרויפגעלייגט אירע עלנבויגנס אויף דער מוטערס קני.

יאַכעס האָט מיט דער שפּיץ צונג אַרומגעווישט זיך די ליפּן און גענומען דערציילן:

— געווען איז געווען אַ נגידסטע אַמאָל. איז זי געווען באַ־שפּונען מיט כּל־טוב. און זי האָט געהאַט געלט און צירונג. גע־וווינט האָט זי אין אַ פּאַלע, דינער האָבן זי באַדינט און זי האָט געהאַט אַ ברייט האַרץ, און זי איז געווען שיין. זי האָט געגעבן צדקה און מתּן בסתר. ווו אַ ניצרך אין שטעטל, האָט זי פּאַר אים געדאגהט. האָט אַ געמיינער מאַן געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, האָט זי געבראַנגט סחורה אויף אַ קלייד און געגעבן געלט צו מאַכן די חתונה. האָט ווער, לא עלינו, אין שטעטל פּאַר־שלאָפט, האָט זי געהייסן אים קאָכן אַ יאָיכל. האָט אַ יתומה חתונה געהאַט, איז זי געקומען און זיך משׂמח געווען. זי איז געווען רייך און גליקלעך און ס׳האָט איר נישט געפעלט קיין טויבנמילך.

פּאַרלויפט זיך אַ געשיכטע: דער וואַסער־טרעגער אין שטעטל מאַכט חתונה זיין בת־יחידה. ווי געוויינטלעך, איז די נגידסטע געקומען אויף דער שׂמחה. אַלע, ווער עס איז דאָרט נאָר געווען האָבן איר געמאַכט אַ וואַרע. אָבער די נגידסטע איז געווען דער־שלאָגן און טרויעריק. די יונגע כּלה, וואָס האָט געטראָגן דאָס חופּה־

קלייד, וואָס די נגידסטע האָט איר געגייט, איז געווען שענער פון איר. מען האָט די נגידסטע אָוועקגעזעצט אויבן אָן, אַלע האָבן אַרום איר אַרומגעטאַנצט, זי באַדינט. די נגידסטע איז אָבער געזעסן און געשוויגן. באַלד נאָך דער חופה, ווי נאָר מען האָט צונויפגענומען די פיר דרענגלעך, איז זי אַוועק. זי האָט דער כלה נישט געבאָטן קיין „מזל־טוב", זי האָט פון גאָרנישט נישט טועם געווען און זי איז אַוועק אַהיים. די מחותנים האָבן געליטן צער, אָבער זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען און זיך משמח געווען, ווי ס'פּירט זיך אויף אַ חתונה.

פון דעם טאָג אָן האָט די נגידסטע נישט גערוט. זי איז געגאַנגען איבער די קראָמען פון שטעטל, און ווו זי האָט געפונען אַ שטיקל בראָקאַט זייד אָדער סאַמעט, וואָס איז איר געפעלן, האָט זי זיך געקויפט. זי האָט די נייטערן פון שטעטל פאַרלייגט מיט אַרבעט, די נייטערן האָט מער פאַר קיינעם נישט געגייט אַ פאָדעם. יעדע עטלעכע טעג איז דער נגידסטע צוגעקומען נאָך אַ קלייד. אירע שענק זענען געווען פול מיט קליידער. די נגידסטע האָט זיך אויסגעפוצט יעדעס מאָל אין אַן אַנדער קלייד און זיך אָוועקגעשטעלט אויף שעהען פאַרן שפּיגל און געקוקט, צי זי איז אַזוי שיין, ווי דעם וואַסער־טרעגערס טאָכטער.

די נגידסטע איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין אירע פּוצן זיך אין קליידער, אַז זי האָט פאַרגעסן, אַז אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט, דאַרף געבן צדקה. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז די נגידסטע, ווי געוויינלעך אין דער לעצטער צייט, צוגעגאַנגען צו אירס אַ שאַנק. קאָלירטע פליטערלעך האָבן געגומען טאַנצן איר פאַר די אויגן; דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט און זי איז שיער געפאַלן אין חלשות: אַלע אירע טייערע קליידער זענען געווען צעקנאָדערט און צעריסן, אַ קופּע שמאַטעס איז געלעגן אין דער שאַנק. ווער האָט דאָס געוואָגט? — האָט די נגידסטע, אַ באַליידיקטע און דערנידעריקטע, געשריגן.

נו, קינדער, ווער האָט דאָס געטאָן? — האָט די מוטער אַ פרעג געטאָן די טעכטער און באַלד זיי געענטפערט — די, וואָס האָבן געהאַט אויף איר די שליטה. טפו! טפו! טפו! — און זי האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

יאַכעט איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט דערציילט די מעשׂה, האָט איר קול געקלונגען און געציטערט. זי איז געווען איבערגענומען מיט דער געשעעניש. זי האָט אין איר היימישער וואַרעמקייט געזען די פרעמדע וועלט.

די מיידלעך זענען געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן, די ליכט־פלעמלעך האָבן אַ צאַנק געטאָן. „אַ״! האָט יאַסעלע אַ שריי געטאָן און פאַרמאַכט אַ פויסט — ער האָט געוואָלט כאַפּן אַ פלעמל.

ז

פייוול איז געבליבן שטיין פאַרן הויז, דער זון — הינטער אים. פייוול האָט געקוקט אין געסל אַריין. דאָס געסל איז געלעגן אים אַנטקעגן.

דוד איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פאַרפרוירענער שוועל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער גענומען טרעטן מיט די פיס אויפן אָרט, זיי זאָלן אים נישט פרירן. ער האָט געוואַרט אויפן פאָטער.

דער שניי אין די געסלעך אַרום איז געלעגן אַ טיפער. דער הימל איבערן שטעטל איז געווען טורקיז־בלוי. פון די פעלדער אַרום האָט געיאָגט אַ טרוקענע קעלט. דער הימל־ראַנד איבערן שטעטל איז געווען פאַר־וואָלקנט.

די הייזער זענען געווען פאַרשאָטן מיט שניי, בלויז זייערע דעכער האָבן אַרויסגעשטאַרט. די פענצטער־שייבלעך האָבן געגלימערט, אויס־געצויגענע ליכטפלעמלעך האָבן געשיינט אין זיי. דער טאָג האָט גע־נומען זיך גרויען. שאָטנס האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אין די ווינקלען.

— גוט שבת, פייוול! — אַ הילכיק קול האָט אַדורכגעשניטן די קעלט.

— גוט שבת, גדליה! וואָס מאַכט אַ שכן?

— אַבי געזונט — האָט גדליה אים געענטפערט און געגאַנגען ווייטער.

אויפן ראָג פון געסל זענען זיי אַריין אויף לינקס, אין דער דער־בײַיקער גאַס. די גאַס איז געווען אַ קורצע און אַ ברייטע און האָט אויס־געזען, ווי אַן אויפגעריסענער זאַק. די הייזער דאָ זענען אויך געווען נידעריקע, ברייטע. פון די קוימענס דאָ האָט זיך געדרייוולט אַ גרויער, שיטערער רויך און שוין אויפן ראַנד פון קוימען איז דער רויך באַלד אַנטקומען — ער איז זיך צעגאַנגען אין דער קעלט. די פענצטער אין די הייזער דאָ זענען געווען גרעסער און ברייטער און אויך געווען פאַרצויגן

מיט פאַרהענגלעך. די שיין פון די שבת־ליכט אין די פענצטער איז געווען אַ העלערע; כמעט אין יעדער שטוב דאָ האָבן געברענט פיר שבת־ליכט. אין דער מיט גאַס, צווישן צוויי הייזער, איז געשטאַנען אַ הילצערנער סטאָלפּ, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַ לאָמטער. די לאַמטער האָט נאָך נישט געברענט.

אין גאַס איז שוין געווען שבת. באַבערדטע, אויסגעצוואָגענע יידן, אין שעפּסענע פוטערס און דיקע פּאַלטענעס, זענען כסדר אָנגעקומען פון די הייזער אַרויס. די פּאָלעס זייערע זענען געווען איבערגעלייגט איינע אויף די אַנדערע, די הענט זייערע זענען געלעגן פאַרשטופּט אין די אַרבל. זעלטן ווען אַ ייד איז אַליין אַרויס פון אַ הויז — זיי זענען געגאַנגען זאַלבענאַנד. אָט איז געגאַנגען אַ ייד מיט אַ גרויער באָרד. אים האָט באַגלייט אַ ייד מיט אַ באָרד, וואָס האָט זיך געגרויט. זיי נאָכגעגאַנגען זענען עטלעכע יידן, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין גרויע האָר. מיט זיי זענען געגאַנגען קינדער אַליין, און קינדער, וואָס מען האָט געפירט ביי די הענט. יידישע משפחות זענען געגאַנגען „מקבל־שבת" זיין. די יידן האָבן זיך געאיילט, אָבער זייער שריט איז געווען אַ בנעימות־דיקער. יידן וואָס האָבן זיך באַגעגנט האָבן זיך געבאָטן „גוט שבת". דער קלאַנג פון די צוויי ווערטער האָט אָפּגעהילכט אין דער קעלט, ווי אַ ווידער־קול פון ווייטנס.

וויצעק, אַ הויכער, דאַרער גוי, אין אַ בעקעשע מיט הויכע אויס־געפּאַסטע שטיוול, איז אַריין אין דער גאַס ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער. ער איז געגאַנגען שנעל און געקוקט, צי די יידן באַמערקן אים נישט. די עקן פון זיינע וואָנצעס האָבן זיך אים געטרייסלט. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט זיך אַרויסקריגן פון די יידישע געסלעך.

פּייוול האָט געקוקט אין אַלע זייטן: ער האָט נישט געוואָלט פאַר־פעלן זאָגן אַ ייד „גוט־שבת"! זיין „גוט־שבת" איז געווען צווייאַרטיק: די סוחרים און די קרעמער האָט ער געזאָגט אַ שטילן „גוט־שבת". די דאָרפסגייער, די מאַרקפאַרער און די בעל־מלאכות האָט ער געזאָגט אַ הויכן „גוט־שבת".

פּייוול האָט פאַרשנעלערט זיין טריט. אויך דאָס יינגל האָט פאַרריסן דעם קאָפּ — ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן דעם פאָטער פון אויג, די סביבה האָט אים געשראָקן.

דוד האָט אָנגעכאַפּט דעם פֿאָטער ביי דער פּאָלע פֿון הינטן, אָבער ער האָט די האַנט באַלד צוריק אַריינגעשטופּט אין דער טאַש. די פֿינגער האָבן געגומען אים פֿרירן.

דוד האָט נישט געוואָלט די שטיוול זיינע זאָלן „שבת" זיין אַדורכ־געווייקט. דער שניי־שטח אין דער לענג איז געווען צעפֿאָרן דורך רעדער פֿון שווערע וואָגנס. די איינגעשניטענע אין שניי קאָליעס האָבן געגלאַנצט פֿון גליטשיקייט. די קאָליעס האָבן פֿונאַנדערגעטיילט דעם שטח. געווען ערטער וווּ דער שניי איז געווען פֿאַרטריקנט, נישט צעטרעטן און האָט געגלימערט. דאָרט, וווּ דער שניי איז געווען צעטרעטן איז ער געווען שוואַרץ און האָט אויסגעזען ווי צעשיטער זאַלץ איבערן וועג.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן ביידע גענומען גיין פּאַמעלעך. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום שטעטלדיקן באַרג. דער באַרג איז געלעגן צווישן צוויי לאַנגע שמאָלע הייזער. די שינדלדעכער זייערע זענען געווען שיף. די ראַנדן פֿון די דעכער האָבן כמעט דערגרייכט דעם שניי. ביידע הייזער האָבן אויסגעזען ווי שייערן. די ליכטפּלעמלעך אין די שמאָלע פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטער האָבן געצאַנקט אַראָפּ און אַרויף, ווי זיי זאָלן רופֿן. דער באַרג איז געווען פֿלאַך, האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסגעבויגענער רוקן פֿון אַ קאַץ, ווען זי לויערט. דער שניי אויפֿן באַרג איז געווען טיף, געדיכט און נישט צעטרעטן. זיי זענען געגאַנגען מיט אַ הינטערוועג, מיט דעם אויסגעטרעטענעם אויף סקאָס שטעג איבער דעם פֿאַרשנייטן פֿעלד. דער שטעג האָט געפֿירט צום קליינעם בית־המדרש.

דאָס איינשטאָקיקע, פֿון רויטע ציגל געמויערטע הויז מיטן פֿלאַכן בלעכענעם דאַך, איז געשטאַנען דעם געסל אַנטקעגן — ס׳קליינע בית־המדרש איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פֿון שטעטל.

דוד האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון פֿאָטערס האַנט און זיך געלאָזט לויפֿן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און פֿונאַנדערגעשפּרייט די הענט. האַלטנדיק דעם סידור אין האַנט, האָט ער באַלאַנסירט, ער זאָל נישט פֿאַרלירן די גלייכגעוויכט: ער האָט זיך געגליטשט. דאָס אָנגעשטאַנענע וואַסער אויפֿן אָפּענעם הויף פֿון בית־המדרש איז געווען פֿאַרפֿרוירן.

פֿייוול האָט איצט געשטעלט זיינע שווערע שטיוול פֿאַרזיכטיק, ווי ער זאָל גיין אויף גלאָז. ער און דער זון זענען אָפּערגעקומען פֿון הינטערן

בית־המדרש. דאָס אייז אויף די שויבן פון די לאַנגע האַלב־קײַלעכדיקע פענצטער איז געווען אויפגעטייעט, די שויבן זענען געווען נאַס. ריטשקעלעך וואַסער האָבן זיך געדריוולט אויף זיי פון אינעווייניק. די ליכטשײַן, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן זיך אין זיי, איז געווען געל, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעזעצט אויף די שויבן. די דריי געסלעך, וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן ביים בית־המדרש, זענען געווען פול מיט יידן. דער שניי פאַרן בית־המדרש איז געווען אויסגעטרעטן, צעמאָרשט. די יידן האָבן זיך געשטופּט דורך דעם אָפענעם, אָן אַ טיר, איינגאַנג.

דוד איז אַריינגעלאָפן אינעם איינגאַנג. דער פאָטער איז אים נאָכגעגאַנגען. אין פאַדערהויז איז געווען טונקל און קאַלט. דער שטיינערנער פאָל איז געווען באַלייגט מיט נאַסן צוגאָסענעם שניי, וועלכן די יידן האָבן אַנגעטראָגן. אין ווינקל איז געהאָנגען אַ ברייטער צאַפּן אייז, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ באָרד פון אַ זקן. דער כיור איז געווען פאַרפרוירן.

פייוול האָט אָפּגעקלאַפּט די שטיוול אין פאָל און אַ צי געטאָן די טיר צו זיך. דאָס ליכט האָט אַ בלענד געטאָן אין די אויגן.

דאָס בית־המדרש איז געווען אַ לאַנגער הויכער היכל. די ווענט האָבן געשוויצט, דער ווייסער קאַלך אויף זיי האָט געגלאַנצט. די קײַלעכיקע פענצטער־לופטשיקן אין דער הייך זענען געווען פאַרשטעלט מיט הילצערנע לייטערלעך. די לייטערלעך זענען געווען געמאַכט פון איבערגעלייגטע לייסטן. די דעמבענע פאַרשאַלעוועטע סטעליע האָט געבלישטשעט. די ברוינע פון אַלטקייט ברעטער זענען געווען געפּוגעוועט, איין ברעט אין אַנדערן. די שוואַרצע סענקעס אין זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אויף די מתפללים ווי אויגן. די ליכט אין די מעשענע הענגלייכטער האָבן זיך געטריפט און די פלעמלעך זייערע האָבן זיך געצויגן אין דער הויך. די פלאַמען פון די צוויי נאַפטלעמפּ, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון דער סטעליע, האָבן געפלאַקערט. די גלעזלעך איבער זיי זענען כסדר טונקעלער געוואָרן. די וואַרעמע דעמפּיקייט האָט געצויגן די שיין. אין מיטן וואַנט, ווו עס איז געווען די טיר, איז געשטאַנען אַ הויכער, אַ שמאָלער ווי אַ טורעם, דער קאַפּלאויוון.

יידן מיט צעקנעפּלטע שפענצערס זענען געשטאַנען ביים אויוון מיט אונטערגעלייגטע הינטער זיך הענט — זיי האָבן זיך געוואַרעמט. ווייטער אַרויף, אויף דער זעלבער וואַנט, איז געשטאַנען אַ ברייטע נידעריקע

ספרים־שאַנק. די לייוונט און די פּאַפּירן, אין וועלכע די ספרים זענען געווען געבונדן, זענען געווען פעט פון אַלטקייט. ביי אַ סך פון די ספרים זענען די רוקנס געווען אָפּגעריסן. אין ווינקל, צווישן דער ספרים־שאַנק און דער וואַנט, איז געלעגן אַ קופּע שמות. דער צוגאַנג צום בעלע־מער אין מיטן בית־המדרש איז געווען דורך פיר טרעפּ פון ביידע זייטן. די הילצערנע שטיגן זענען געווען אויסגעטרעטן. דער טיש פון בעלעמער איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ גרין סאַמעטן טישטעך, מיט געלע פראַנדזן.

אויף דער מזרח־וואַנט אין מיטן איז געשטאַנען דער אָרון־קודש: אַ ברוינע פּאָלירטע שאַנק מיט צוויי שוואַרצע לוחות־הברית איבער איר. די אותיות פון די עשׂרת־הדברות זענען געווען געל און האָבן געגלאַנצט, ווי אַ פייער. דער אָרון־קודש איז געווען פאַרצויגן מיט אַ בלויען סאַ־מעטענעם פרוכת. אויף דער פרוכת איז געווען אויסגעהאַפטן מיט גאָל־דענע פעדעם אַ מגן־דוד. אין דעם מגן־דוד איז געווען איינגעהאַפטן דאָס וואָרט „ציון״, דעם מגן־דוד האָבן געהיטן צוויי לייבן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס און געשטשערעט די ציין. אין דער זייט פון אָרון־קודש, רעכטס, איז געשטאַנען דער עמוד און איבערן עמוד איז געהאַנגען אַ גרויסער „שויתי״. פון ביידע זייטן דעם „שויתי״ זענען געשטאַנען צוויי גרויסע מעשענע לייכטער און זייערע אויסגע־צויגענע ליכטפלעמלעך האָבן באַלויכטן דאָס וואָרט.

טישן און בענק, שוואַרצע פון אַלטקייט, זענען געשטאַנען אַרום. ביי די טישן זענען געזעסן יידן מיט אונטערגעצויגענע פיס אונטער די בענק און מיט די עלנבויגנס אויף די טישן. טייל פון זיי האָבן זיך געשאָקלט און אַנדערע האָבן זיך געריבן די הענט. די עדה איז פון מינוט צו מינוט גרעסער געוואָרן.

נאָענט צום אויוון איז געשטאַנען אַ גרעסער קרענצל יידן. זיי האָבן געהאַט ברייטע פּלייצעס און קורצע בערד. די שפּיץ פינגער פון זייערע אויסגעצויגענע הענט זענען געווען איינגעשניטן און די סמאָלע אין זיי איז געווען איינגעגעסן. אויך זיי האָבן געטראָגן שטיוול, אָבער נישט אַזעלכע שווערע; זייערע שטיוול האָבן געהאַט נידעריקע כאַלעוועס. די היטלעך ביי זיי אויף די קעפּ זענען געווען פאַררוקט אין אַ זייט.

— די שטעפּערס האָבן גענומען פּושערן — האָט אַ נידעריקער ייד

וואָס איז געשטאַנען אין מיטן קרענצל אַ זאָג געטאָן. די יידן אַרום אים האָבן אים אָנגעקוקט.

— מען בייסט זיך אָפּ מיט דער צוואַנג די פינגער. זיי לאָזן נישט איבער אַ שטיקל אויף צו פאַרטשוועקעווען — האָט דער ייד ממשיך געווען. זיין קורצע שוואַרצע וואָנצע איז געווען דין, ווי די האָר זאָלן זיין אויסגעריסן.

די יידן אַרום אים האָבן גענומען שאָקלען מיט די קעפּ, באַשטעטיקט זיינע רייד.

פאַררוקט צווישן צוויי טישן איז געשטאַנען אַ קרענצל נידעריקע, ברייטפּלייציקע יידן. זיי זענען געשטאַנען מיט צעשטעלטע פיס, אַזוי ווי ביי זייער אַרבעט. זיי האָבן געהאַט קורצע, אונטערגעוויקלטע בערד און רויטע נעגל. איינער האָט געקוקט אויפן אַנדערן און געשוויגן. זייערע אויגן זענען געווען רויט פונעם קאַלך אין די גריבער, אין וועלכע זיי האָבן געווייקט די פעל.

ביים בעלעמער איז געשטאַנען אַ נאָך גרעסערע גרופּע. די האָבן געהאַט קורצע הענט און אויסגעצויגענע פינגער — פון די נאָדלען, מיט וועלכע זיי האָבן גענייט. די היטלען זענען ביי זיי געווען פאַר־רוקט אויף הינטן. זייערע הויזן זענען געווען אַריבערגעלאָזט איבער די שטיוול, ווי זיי זאָלן טראָגן שיך.

פייוול האָט זיך דערנענטערט צום קרייזל יידן, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר.

— גוט־שבת, יידן! — האָט ער זיי באַגריסט שוין פון דער ווייטנס.

— גוט־שבת! — האָבן אַלע מיט אַ מאָל אים געענטפערט. דאָס זענען געווען די יידן, וואָס זענען געגאַנגען איבער די דערפער. זייערע פינגער זענען געווען אָנגעפרוירן, רויט. אַלע האָבן זיי געדעדט שנעל — זיי האָבן געוואָלט באַוויזן זיך אַדורכצורעדן.

ח

— הודו לאדוני כי טוב, כי לעולם חסדו — האָט אַ הייזעריק קול אַ זאָג געטאָן און די אָנגעדראָלטע לופט האָט אַ ציטער געטאָן.

— הודו לאדוני כי טוב כי לעולם חסדו — האָבן די יידן נאָכגעזאָגט בקול רם, ווי איין ייד זאָל וועלן איבערשרייען דעם אַנדערן. די

יידן האָבן זיך צעוויגט, זייערע ליפּן האָבן געמורמלט. יעדער האָט געדאַוונט פאַר זיך באַזונדער, אָבער געשאָקלט האָבן זיי זיך אין איינעם לויט איין ריטעם.

עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע הוילע קלעפּ. פּסח שמש אָדער פּסח דער לאָמער, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל, האָט געקלאַפּט אין טיש אַריין און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. זיינע אַקסלען זענען געווען גלייך, דערפאַר האָט זיין געשטאַלט אויסגעזען, ווי זי זאָל זיין פּירקאַנטיק. ער האָט אונטערגעהינקט — אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה איז ער פאַרווונדעט געוואָרן. די פּרנסה־געבערין איז געווען זיין ווייב פּעסע. פּעסע איז געווען די שייטל־מאַכערין אין שטעטל.

די יידן האָבן געדאַוונט, זיי האָבן זיך געוויגט און געמורמלט, אָבער די טאַטעס האָבן געזוכט זייערע יינגלעך. פּייוול האָט זיך אָנגעבויגן צום זון און געמישט די בלעטלעך אין סידור.

די ליכט האָבן געצאַנקט. יעדעס פלעמל האָט געברענט לויט זיין שטייגער. געווען פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט און געשפּריצט מיט פונקען, ווי זיי זאָלן רופן; געווען פלעמלעך, וואָס האָבן געהאַט לאַנגע, אויסגעצויגענע שפּיצן, ווי זיי זאָלן טרויערן; געווען אויך פלעמלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן און צונויפגעצויגן, ווי זיי זאָלן לאַכן, שטיפן. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ געלענקען־קנאַק — אַ ייד האָט פאַרבראָכן זיינע פינגער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ווער פון די מתפללים אַ זיפץ געטאָן און צעשטערט די איינגעוויגטע שטילקייט. דאָ, דאָרט, האָט אַ ייד פון צעוויגטן המון אויך אַ קרעכץ געטאָן, ווי עס זאָל אים וויי טאָן.

מיט אַ מאָל איז דער אימפּעט פון די יידן געוואָרן אָפּגעשוואַכט. איצט האָבן די יידן זיך געשאָקלט פּאַמעלעכער. אַ ווײַלע שפּעטער זענען איינצלנע יידן שטיין געבליבן, ווי צעשטעלטע פיגורן אויף אַ שאַכפעלד. איינציקווייז האָבן יידן זיך אויסגערוקט. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, ווי זיי זאָלן זיך האָבן איבערוועקט. דער חזן האָט זיך נאָך געשאָקלט.

פּייוול האָט אויך געענדיקט די שמונה־עשרה און אַ קוק געטאָן אין סידור אַריין. ער האָט געוואָלט זען ווי דער זון האַלט.

איצט איז דער חזן שטיין געבליבן. ער האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ דעם טלית — במשך דער שמונה־עשרה האָט דער טלית זיך אים

אַראָפּגעגליטשט פון קאָפּ. ער האָט מיט די הענט זיך אָנגעכאַפּט אין די עקן פון עמוד און אַ קוק געטאָן אויף די יידן. ער האָט זיך איינגע־בוקט און געגומען זאָגן: — ברוך אתה ה׳ אלוהינו ואלוהי אבותינו. אלוהי אברהם אלוהי יצחק ואלוהי יעקב — האל הגדול הגבור והנורא, אל עליון — האָבן די יידן געענטפערט, ווי זיי זאָלן דראָען דער גאַנ־צער וועלט. אָבער זיי זענען געשטאַנען און זיך נישט געשאָקלט, זיי זענען געשטאַנען און געהאָרכט די ווערטער, וואָס דער חזן זאָגט. זיי אַליין האָבן מורא געהאַט פאַר זייער גאָט.

די פענצטער־שויבן זענען געווען נאַס. דאָס אייז אויף זיי איז צע־גאַנגען. די נאַכט האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. די פייכטע וואַ־רעמקייט אין היכל איז איצט געווען אויסגעשטאַנען. די יינגלעך האָבן גענומען זיך שלייכן צווישן די פּאָלעס פון די טאַטעס, זיי האָבן זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן און זיך אויסבאַהאַלטן איינער פאַר דעם אַנדערן, אָבער זיי האָבן דאָס געטאָן שטיל, ווי זיי זאָלן טרעטן אויף די שפּיץ־פינגער. זיי האָבן זיך געהיטן, די טאַטעס זאָלן אויף זיי נישט אָנשרייען.

אַ יינגל מיט צוויי בלאָנדע פיאות איז געבליבן שטיין דודן אַנט־קעגן. זיינע גרויסע, אויפגעריסענע שוואַרצע אויגן האָבן שטיפעריש אָנגעקוקט דודן. דוד האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. אַ ווײַלע האָבן די צוויי יינגלעך זיך באַטראַכט. דוד האָט זיך אַ ריס געטאָן. ער האָט געוואָלט לויפן מיטן יינגל. פּיזול האָט אויסגעשפּרייט און אַרומגעהילט דעם זון מיט דער פּאָלע, אים פאַרשטעלט דעם וועג. דאָס יינגל, וואָס האָט פאַרטשעפּעט דודן, איז געלאָפן ווייטער.

— ולירושלים עירך ברחמים תשוב — האָט דער חזן אַ זאָג געטאָן און ער האָט מיטביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין די עקן פון עמוד. זיין געשטאַלט, איינגעהילט אין טלית, איז ווי ליגן געבליבן אויפן עמוד.

ער האָט אַ פאַרוואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף הינטן. דער טלית האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון קאָפּ און ער האָט אַ שריי געטאָן צו די הימלען:

— ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים...

די יידן האָבן זיך אַ וויג געטאָן, ווי זיי זאָלן האָבן דערפילט די הייסע מדבר־ווינטן און די קילקייט פון די הרי־יהודה. אַלע יידן אין

איינעם האָבן הויך אויפן קול נאָכגעזאָגט דעם חזן: „ברוך אתה ה׳ המחזיר שכינתו לציון״. אַז זיי האָבן געענדיקט דעם פסוק, האָבן זיי אַ ווײַלע נישט גערירט זיך פון אָרט. — זיי האָבן מורא געהאַט און נישט געוואָלט פאַרטרײַבן זייער בטחון.

דער חזן האָט זיך צוגעיאָגט און ער האָט אויסגעלאָזט: „עשה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן״!

— אמן! — האָבן אַלע יידן אין איינעם אַ זאָג געטאָן.

דער חזן האָט זיך אויסגערוקט, ער האָט אָפּגעזיפצט און ער איז שטיין געבליבן ווי ער זאָל וועלן אָפּוואַרטן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך איינגעבוקט. לאַנגזאַם, ווי ער זאָל אויפהייבן אַ משא, האָט ער זיך אויסגעגליכן און אַ זאָג געטאָן: — יתגדל ויתקדש שמיה רבא״.

די יידן האָבן אויפגעהערט זיך שאָקלען. ערשט איצט, אַז דער חזן האָט דאָס לעצטע מאָל אַ זאָג געטאָן „ואמרו אמן״, האָבן די יידן אים געענטפערט אַנטשלאָסן „אָמן״ — זיי האָבן באַשטעטיקט און געענדיקט די תפילה.

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא. בעלמא די ברא כרעותה — האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימעס פון המון אַרויס. די מתפללים האָבן געעפנט די אויגן. זיי האָבן געקוקט דערשטוינט, דערשראָקן. — יהא שמיה רבא מברך — האָט יעדער פון די קדיש־זאָגער געזאָגט באַזונדער.

די יידנס פּנימער זענען געוואָרן ערנסט. אומרו און אימה האָט אַרויס־געקוקט פון זייערע אויגן. פּאַמעלעך, ווי זיי זאָלן מורא האָבן, האָבן זיי אויסגעדרייט די קעפּ, זיך אומגעקוקט. די טאַטעס האָבן אַרויפגעלייגט די הענט אויף זייערע יינגלעך. ערשט, אַז די קדיש־זאָגער האָבן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די ווערטער „ואמרו אמן״ — האָבן די יידן זיך באַרויִקט.

דער ניגון פון דאַוונען האָט זיך איבערגעהאַקט. אין בית־המדרש איז געוואָרן שטיל. די דעמפּיקע וואַרעמקייט איז געוואָרן פּייכט. די יידן האָבן גענומען זיך פונאַנדערדרוקן. זייערע טרויעריקע אויגן זענען געווען גוטמוטיק, זייערע פאַרהאָרעוועטע פּנימער — רויִק, זייער בליק איז געווען תמימותדיק. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי זענען ווידער צוזאַמען אין בית־המדרש. די וואָכעדיקייט איז געווען הינטער זיי. זייערע הענט זענען

זיי איצט געווען נישט נייטיק. יידן האָבן געוואַרט: זיי זענען געווען גרייט מקבל זיין דעם שבת.

די ייִנגלעך האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט: זיי האָבן זיך גע־שפּילט אין „באַהעלטערלעך" און אין „כאַפּערלעך"; זיי האָבן זיך גע־יאָגט אַרום דעם בעלעמער, איינער האָט געוואָלט כאַפּן דעם אַנדערן; זיי האָבן זיך באַהאַלטן הינטערן אויוון; זיי זענען געשטאַנען מיט אויס־געשטרעקטע הענט און אויסגעקוקט אַ מאָמענט, ווער ווער ווועמען וועט דער ערשטער אָנרירן. זיי זענען געלאָפן אונטער די טישן און צווישן די פּיס פון די יידן. זיי האָבן זיך געיאָגט און נישט געלאָזט זיך כאַפּן. זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט, זייערע באַקן האָבן געפלאַמט. זיי זענען געלאָפן איבערן בית־המדרש, אָבער צום אָרון־קודש האָבן זיי זיך נישט דערנענטערט.

די ליכט האָבן געפלאַקערט. די פלאַמען זענען געווען געל צעצויגן. די שיין האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די פענצטער, ווי די זון זאָל זיך אין זיי זעצן און פאַרשטעלט די נאַכט אין דער גאַס.

דער חזן האָט צוריק אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אויפגעהויבן דעם טלית און אים אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ און אַרויפגעלייגט די הענט אויפן עמוד. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַהין און צוריק און אַ זאָג געטאָן:

— לכו נרננה לאדוני — זיין קול איז געווען ווייך. מיט אַ נידעריקערן טאָן האָט ער זיך געענטפערט — נריעה לצור ישענו —

די יידן האָבן זיך אַ וויג געטאָן, ווי אַ שטורעמווינט בייגט זאַנגען אין פעלד. הויך אויפן קול האָבן זיי איבערגעחזרט: „לכו נרננה.... נריעה לצור ישענו.."

די ייִנגלעך האָבן איבערגעריסן זייערע שפּילן. יעדער פון זיי איז אַוועק צו זיין טאַטן.

דער חזן האָט זיך אָפּגעריסן פון עמוד און ער איז געבליבן שטיין אַ גלייכער. ער האָט אַריבערגעצויגן זיך דעם טלית איבערן קאָפּ און דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן. ער האָט פאַרלייגט די האַנט אונטערן לינקן אויער און זיך צעזונגען: „לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה".

די יידן האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער. זיי האָבן פאַרריסן די קעפּ און נאָכגעזונגען דעם חזן וואָרט נאָך וואָרט. די ליכט האָבן גענומען צאַנקען,

די פלעמלעך האָבן געטאַנצט אַראָפּ און אַרויף — זיי האָבן מיטגעזונגען מיט די יידן, באַגעגנט דעם שבת.

די מתפללים האָבן אַרויסגעענדיקט זייער תפילה. די ליכטפלעמלעך און די לאָמפּן־פלאַמען האָבן זיך צונויפגעצויגן. דאָ און דאָרט האָבן יידן פון קהל זיך פאַרנייגט און זיך אויסגערוקט צוויי־דריי טריט אויף הינטער־ווײַלעכץ, זיך צוגערוקט און זיי זענען שטיין געבליבן.

דער חזן האָט זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעאָטעמט, מיט אַ פאַרבוי־גענעם פינגער זיך געווישט די ליפּן און מיט אַן אָפענער האַנט זיך אָפּ־געצויגן די באָרד. מיט צוויי פינגער האָט ער זיך אויסגעריבן דעם שטערן, ווי ער זאָל וועלן זיך עפּעס דערמאַנען און אַ קוק געטאָן אויף קהל.

— ויכלו השמים והארץ וכל צבאם — זיין שטימע האָט געציטערט.

— ויכלו השמים והארץ וכל צבאם — האָבן די יידן נאָכגעזאָגט דעם חזן אין איין אָטעם אויסציענדיק די ווערטער. די רעשט ווערטער — האָבן די יידן געזאָגט שוין איינציקווייז. די ווערטער האָבן זיך צונויפ־געגאָסן אין איין ניגון.

מיט אַ מאָל האָבן די יידן גענומען זיך באַוועגן. זיי האָבן זיך געשטופּט, ווי זיי זאָלן טרעטן אויפן אָרט. פּייוול האָט געהאַלטן דעם זון ביי דער האַנט און צוזאַמען מיט אים זיך געשטופּט. ער האָט זיך געמאַכט אַ וועג צום טיש מיט די מלבושים: די יידן האָבן זיך געדרענגט ביים טיש. זיי האָבן איבערגעוואָרפן די קופּע מלבושים און יעדער פון זיי האָט אַרויסגעצויגן זיין בגד.

אין פאָדערהויז איז געווען פינצטער און קאַלט. „גוט־שבת" — האָבן יידן זיך געווונטשן, נישט זעענדיק זיך אין דער פינצטער. יידן האָבן זיך געאיילט אַהיים.

פּייוול האָט פאַרקנעפּלט דעם פּאַלטן אויפן זון. דאָס אייז אויף די פענצטער־שויבן האָט נישט אַדורכגעלאָזט די ליכט. די פענצטער זענען געווען גרין. דאָס בית־המדרש פון דרויסן האָט אויסגעזען ווי אַ לאַמטער, וואָס לעשט זיך.

פּייוול האָט זיך אַרומגעוויקלט מיט זיין באַנדע. ער האָט דערפילט די קעלט.

— קום! — האָט ער אַ זאָג געטאָן דודן און זיך געלאָזט גיין. דוד איז אים נאָכגעגאַנגען.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. פייוול מיטן זון זענען געגאַנגען און געשוויגן. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זייערע פיס.

ט

יאַכעט איז געזעסן מיט יאָסעלען אין שויס. אירע הענט האָבן אים אַרומגענומען און גלייכצייטיק אונטערגעהאַלטן דעם קרבן־מנחה־סידור. יאָסעלעס קאָפּ איז געלעגן אָנגעלענט אויף דער מוטערס ברוסט. ער האָט געהאַלטן אַ פינגער אין מויל און געקוקט אויף די ליכט. ער האָט געזען גאָלדענע פליטערלעך אַרום די פלעמלעך. לעבן דער מוטער, פון ביידע זייטן, זענען געשטאַנען אָנגעלענט אין איר די צוויי מיידלעך; זיי האָבן געהאָרכט.

יאַכעט האָט דעם סידור געהאַלטן אונטער דער נאָז. אירע באַקן זענען געווען פאַררויטלט. אירע אויגן האָבן געפינטלט, זי האָט זיך אָנגעשטרענגט ביים צונויפשטעלן די אותיות. זי האָט געלייענט פּאַמעלעך, באַטאָנט יעדעס וואָרט, ווי זי זאָל רעדן צו זיך: „איך בין געווען פאַראירט אַזוי ווי אַ פאַרלאָזענע שאָף. בעט איך דיך, באַגער דיין קנעכט און וויז מיר דעם וועג צו גיין. וואָרעם איך האָב דיינע מצוות נישט פאַרגעסן” — יאַכעטס אויגן־לעפּלעך האָבן אַ ציטער געטאָן, זיי זענען געווען פייכט. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון סידור, אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, ווי זי זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט.

די פלעמלעך האָבן געגליט. אין דער לאַנגער נידעריקער שטוב איז געווען ליכטיק, אָבער אין דער הייך, אונטער דער סטעליע, איז געווען טונקל. די אייז־פאַרפרוירענע פענצטער־שייבלעך זענען געווען איצט מילך־ווייס. אין שטוב איז געווען וואָרעם, די לופט — אָפּגעפרישט.

— שוין? — האָט זלאַטעלע געפרעגט די מוטער.

יאַכעט האָט אַ קוש געטאָן דעם סידור און אים פאַרמאַכט. מיט איין האַנט האָט זי געהאַלטן דעם סידור און מיט דער אַנדערער האַנט אָנגענומען דאָס ייִנגל אונטער די אָרעמס. זי האָט לאַנגזאַם זיך אונטערגעהויבן און דאָס ייִנגל אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט, אויסגעשטרעקט די צווייטע האַנט און אַוועקגעלייגט דעם סידור אויפן שענקל.

— היטס צו דאָס קינד, איך וועל גרייטן צום טיש — איר שטימע איז געווען פייכט, ווי זי זאָל נאָר וואָס האָבן געטרונקען.

יאַכעט האָט אַרויסגענומען פון שענקל אַ שטייסל גאָפּל, לעפל און דאָס אָוועקגעלייגט אין מיטן טיש. דאָס לאַנגע קיכנמעסער האָט זי אויס־געוואַשן, איבערגעקוקט, צי עס האָט נישט קיין זשאַווערפלעק אויף דער שאַרף, און זי האָט עס אַוועקגעלייגט אונטערן חלה־טישטעכל. זי איז אַריין אין אַלקערל.

ווען יאַכעט איז אַריין צוריק, האָט זי אין איין האַנט געטראָגן אַ שמאָל, ווייס פלעשל מיט אַן איבערגעהאַנגענעם איבערן העלדזל בעכער. אין דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שטשערקעלע. דאָס פלעשל האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן טיש. דאָס פלעשל איז אַ מאָל געווען אַ פּאַרפום־פלאַקאָן. ביי יאַכעטן איז עס געווען די קאַראַפינקע, פון וועלכער איר מאַן האָט געמאַכט קידוש.

איין מאָל אין חודש האָט יאַכעט אָנגעשטעלט אַ ביסל ראָזשינקעס אויף וויין. איצט איז אין פלעשל געבליבן נאָר אַ ביסל פונעם וויין. יאַכעט איז ווידער אַריין אין אַלקערל און געברענגט פון דאָרט אַ קורצע באַנק און זי צוגעשטעלט צום טיש. זי האָט אַרויסגענומען פון שענקל די טעלער און זיי אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון, זי זאָל זיי האָבן גרייט. זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט אויפגעהאָרכט.

— מאַמע, דערציייל פון „עציסרול" (ארץ־ישראל) — האָט זלאַטעלע זיך געבעטן ביי איר.

— דער טאַטע מיט דודן קומען שוין — האָט די מוטער געענטפערט.

— דערציייל, דערציייל,

— יאָ, יאָ — האָט רבקהלע איר צוגעהאָלפן.

יאַכעט האָט זיך צוגערוקט, מיט דער פּלייצע זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט און אירע האַנטפּלאַכן צוגעלייגט צו דער וואַנט, ווי זי זאָל זיך אין איר אָנהאַלטן. זי האָט זיך איינגעקוקט אין די פּאַרפרוירענע פענצטער־שייבלעך, ווי זי זאָל קוקן דורך זיי, און זי האָט גענומען בריען פאַר די קינדער:

„אַ מאָל האָבן יידן געהאַט אַ לאַנד און געהאַט אַ בית־המקדש" — יאַכעט האָט מיט דער האַנט אָפּגעווישט זיך די ליפּן און פאַרגעזעצט: „די ווענט אין בית־המקדש זענען געווען פון גאָלד און געווען אויסגעזעצט מיט איידלשטיינער. די שטיגן און די פּאָלן זענען געווען פון אַלבאַסטער. די סטעליעס זענען געווען געמאַכט פון העלפאַנטביין. אין מיטן בית־

המקדש איז געווען אַ מזבח. אויף דעם מזבח האָבן די כוהנים געבּרענגט קרבּנות צו גאָט פאַר זיין גוטסקייט צו די יידן. דער מזבח איז געווען פון קיזלשטיינער. אויף דעם מזבח האָט געפלאַקערט אַ שטענדיק פייער און ער איז קיין מאָל נישט פאַרבּרענט געוואָרן. די כלים פון בית־המקדש זענען געווען פון גאָלד. די בגדים פון די כוהנים זענען געווען געוועבט פון גאָלדענע פעדעם" — יאַכעטס אויגן האָבן געגלאַנצט, די אויגן ביי די צוויי מיידלעך זענען געווען אויפגעריסן. יאָסעלע איז געזעסן שטיל. ער האָט געקוקט אויף דער מוטערס ליפּן. אַ ווײַלע האָט יאַכעט געשוויגן, מיט אַ מאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן — „יאָ" — ווי זי זאָל זיך האָבן דערמאָנט, און זי האָט דערציילט ווייטער: „ווען די יידן האָבן געהאַט אַ לאַנד האָבן זיי אויך געהאַט זעלנער. יעדער זעלנער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אייזערנעם פאַנצער. די זעלנער זענען געריטן אויף פייער־וועגן". בשעת יאַכעט האָט גערעדט איז איר האַלדז געווען אויסגעשטרעקט, ווי זי זאָל זען די רייטער. די קינדער האָבן פאַרגאַפט געקוקט אויף דער מוטער, זיי האָבן מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט.

יאַכעטס אויגן־לעפלעך האָבן אַ ציטער געטאָן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ווייטער דערציילט: „די קייסאָרים האָבן זיך צונויפגענומען און זיי זענען מיט זייערע זעלנער באַפאַלן די יידן און זיי פאַרטריבן פון זייער לאַנד". — איר שטימע האָט געציטערט. זלאַטעלע האָט זיך צוגעטוליעט צום ברודערל — „די יידן זענען געוואָרן נע־ונד, זיי קומען אָפּ די זינד זייערע. אָבער דאָס לאַנד געהערט צו די יידן". — יאַכעט איז געבליבן זיצן שטיל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי צוגעגעבן: „דאָס יידישע לאַנד איז פול מיט זון, ס'וואַקסן דאָרט פּאָמעראַנצן, וויינטרויבן און מיל־גרוימען" — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן שוין אַ פריילעכע. — „אַז משיח וועט קומען, וועט ער צונויפנעמען די יידן פון דער גאַנצער וועלט און זיי צוריקפירן אין זייער לאַנד אַריין" — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן אַן איבערצייגטע און זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע, זי האָט געקוקט פאַר זיך.

די טיר האָט אַ קאַרץ געטאָן. יאַכעט האָט האַסטיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר. זי האָט בכלל נישט געהערט די טריט פון די מענער.

דוד און דער פאָטער נאָך אים האָבן זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר. פּייוול האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך. ער האָט זיך אויסגע־

דרייט מיטן פנים צום הויזגעזינד. — גוט שבת — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך פאַרנייגט.

— גוט שבת, בעל־הבית — האָט יאַכעט אים געענטפערט.

דוד האָט אַרויפגעלייגט דעם סידור אויפן טיש. ער האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן דעם פאַלטן און אים אַ שליידער געטאָן אויפן בעט אַרויף. זיינע אויגן זענען געווען רויט, זיי האָבן געגליט פון קעלט. דוד האָט זיך אויסגעריבן, צעוואַרעמט די אויערן.

דער פאָטער האָט פאַמעלעך אַראָפּגעצויגן פון זיך די באַנדע. די שטוביקע וואַרעמקייט איז אים געווען ליב. ער האָט אַראָפּגענומען פון בעט דעם זונס פאַלטן און ביידע בגדים אויפגעהאָנגען אויפן האָק.

דוד איז אונטערגעגאַנגען צו די שוועסטערן. ער האָט מיט ביידע הענט אין איינעם אַ שנעל געטאָן יעדער פון די מיידלעך אין די אויערן אַריין.

— איי! — האָבן די מיידלעך אַ שריי געטאָן און זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די אויערן.

— זונעלע, שבת! — האָט די מוטער זיך אָנגערופן.

די צוויי מיידלעך זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון בענקל. זיי זענען צוגעגאַנגען צום טיש און זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף דער באַנק. די מוטער האָט אַריבערגעהויבן איבער די מיידלעכס קעפּ יאָסעלען און אים אַריינגעזעצט צווישן זיי. יאָסעלע האָט גענומען קלאַפּן מיט די הענט אין טיש. זלאַטעלע האָט אים אַרומגענומען מיטן אָרעם, אים איינגעשטילט. רבקהלע האָט איילִיק צוריק אויסגעגליכן דאָס טישטעך, ווו יאָסעלע האָט עס צעקנאָדערט.

יאַכעט האָט אָפּגערוקט די בענקלעך פון אויוון און זיי צוגערוקט צום טיש. זי האָט אָנגעלענט אירע שפּיץ־פינגער אויפן טיש. זי איז געשטאַנען און געוואַרט.

די ליכטפלעמלעך האָבן גענומען זיך באַוועגן. זיי האָבן זיך איינגעצויגן און פונאַנדערגעשפּרייט. די שיין אין שטוב האָט כסדר זיך געביטן: אַ מאָל איז זי געווען העל, אַ מאָל טונקעלער. די טישטעך־ווייסקייט האָט געבלאַנקט.

פּייוול האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל האָבן וועמען דערזען. „שלום עליכם" — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן און גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב. ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און געזאָגט ווייטער: „מלאכי השרת מלאכי עליון ממלך מלכי המלכים הקדוש

ברוך הוא״ — פייוול האָט דאָס געזאָגט, ווי די מלאכים זאָלן אַרומשפּאַצירן ביי אים אין שטוב. אַז ער איז צוגעקומען צו דער וואַנט, איז ער שטיין געבליבן.

— שלום עליכם מלאכי השרת מלאכי עליון ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא — האָט דוד אונטערגעהאַלטן דעם פאָטער. די שטימע זיינע, דער אַלט, האָט געציטערט.

פייוול האָט די הענט אַריינגעשטעקט פון ביידע זייטן גאַרטל און געזאָגט, ווי ער זאָל רעדן צו די מלאכים: „צאתכם לשלום מלאכי השלום מלאכי עליון ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא״. פייוול האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט דעם פסוק. ער האָט זיך געזעגנט מיט די מלאכים, נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

שפּעטער האָט ער אויסגעגליכן דעם רוקן און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „אשת חיל מי ימצא״ — צעצי:ענדיק יעדעס וואָרט. יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן־לעפלעך. זיי זענען געווען רויט און זיי האָבן געציטערט. אירע באַקן האָבן געפלאַמט. די ליכטשיין האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין איר פּנים.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און ער האָט איבערגעשטרעקט די האַנט איבער די חלות. ער האָט אָנגענומען דאָס פלעשל און עס איבער־געבויגן: ער האָט געקוקט, צי עס איז פאַראַן גענוג וויין אויף קידוש. דעם בעכער פון פלעשל האָט ער אַראָפּגענומען מיט דער צווייטער האַנט. אויפן בעכער איז געווען אויסגראַווירט אַ טורעם. דאָרט ווו דער טורעם האָט זיך געענדיקט, איז דער בעכער געווען איינגעקנייטשט. דער בעכער איז געווען אַ ירושה פון דורות, פייוולס דרשה־געשאַנק. פייוול האָט לאַנגזאַם אָנגעגאָסן דעם בעכער ביזן ראַנד. אין פלעשל איז געבליבן אַ ביסל וויין, וואָס האָט צוגעדעקט דעם אָפּזאַץ אויפן דנאָ. פייוול האָט צוריקגעשטעלט דאָס פלעשל. ער האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנטפלאַך און פאָרזיכטיק אויף איר אַרויפגעשטעלט דעם בעכער.

די צוויי מיידלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט. ביידע צוזאַמען האָבן אונטערגעהויבן יאָסעלען. יאָסעלע איז געבליבן שטיין אויף דער באַנק. דוד איז געשטאַנען אין דער זייט ביים פאָטער. יאַכעט האָט אַריבער־געצויגן איבערן שטערן דאָס שייטל און אָפּגעגלעט אויף זיך דאָס קלייד. אין שטוב איז געווען שטיל. פייוול האָט פאַרמאַכט די אויגן:

„יום השישי. ויכלו השמים והארץ וכל צבאם". ער האָט געזאָגט וואָרט נאָך וואָרט. די ווערטער האָבן אין דער שטילקייט געהילכט.

פּייוול האָט צוגעטראָגן דעם בעכער צום מויל און אַ זופּ געטאָן. ער האָט אָפּגעטרונקען די העלפט פון וויין, אַ קוק געטאָן אויפן ווייב און איר דערלאַנגט דעם בעכער.

יאַכעט האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַ זופּ געטאָן פון בעכער. זי האָט אויפגעהויבן צוריק דעם קאָפּ און זי איז שטיין געבליבן מיטן בעכער אין האַנט. אירע ליפּן זענען געווען צונויפגעשנירט. זי האָט זיך געקווייקט מיט דעם טעם פון וויין. יאַכעט האָט אונטערגעטראָגן דעם בעכער דעם זון.

— דוד, נאָר איין זופּ — האָט זי זיך ביי אים געבעטן און דעם בעכער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט.

דוד האָט אַ זופּ געטאָן.

די מוטער האָט אַוועקגענומען פון אים דעם בעכער, זיך איבערגע־בויגן איבערן טיש און צוגעטראָגן דעם בעכער זלאַטעלען צום מויל. דער־נאָך איז זי אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט טיש און דערלאַנגט דעם בעכער רבקהלען.

יאַכעט האָט אַרויפגעשטעלט דעם ליידיקן בעכער אויפן טיש און אַוועק אין אַלקערל אַריין. זי איז צוריקגעקומען מיט דעם טאָפּ פיש און אים אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון אין דער זייט.

פּייוול האָט אָנגעשעפּט אַ שעפּ וואַסער, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זי אָפּגעגאָסן. ער האָט די שעפּ אַריבערגעפּירט אין דער נאַסער האַנט און אָפּגעגאָסן זיך די צווייטע האַנט. ער האָט אַוועקגעשטעלט די שעפּ און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך.

יאַכעט האָט אין צווישן אַרויסגענומען פון שענקל די קליינע בלעכענע טעלער, זיי אויסגעסדרט איבער דער לענג פון אויוון און פונאַנדער־געטיילט די פיש.

פּייוול האָט אַוועקגעלייגט דאָס האַנטעך און ער איז צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט אָפּגעדעקט די חלות, דאָס טישטעכל איינגעלייגט אין צווייען און עס אַוועקגעלייגט אין אַ זייט. ער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף די חלות, פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט די „המוציא".

ער האָט ביידע חלות צוזאַמען אויפגעהויבן אין דער הויך און זיי צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

ער האָט אָפּגערוקט ס׳בענקל פון טיש און זיך אַוועקגעזעצט, אַ נעם געטאָן דאָס קיכנמעסער אין האַנט אַריין, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אָנגענומען אַ חלה און זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש. ער האָט די חלה אַדורכגעשניטן און אָנגעשניטן פון איר אַ מוציא. דעם שפּיץ פון דער מוציא האָט ער איינגעטונקען אין זאַלץ און אים אָפּגעביסן. איצט האָט פּייוול גענומען די רעשט חלה, זי צעשניטן און יעדן קינד דערלאַנגט אַ מוציא אין האַנט אַריין. יאַכעטן האָט ער אַוועקגעלייגט אַ מוציא ביי דער זייט.

יאַכעט האָט אייליק צוגעטראָגן צוויי טעלער פיש, פאַר דעם מאַן און פאַר דעם זון. פּייוולען האָט זי דערלאַנגט צוויי קוילן פיש, דודן איין קויל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געבערענגט נאָך צוויי טעלער מיט פיש פאַר די מיידלעך. זיי האָבן געקריגן נאָר האַלבע קוילן פיש.

יאַכעט איז אונטערגעלאָפן מיט די צוויי לעצטע טעלער פיש. זי האָט די טעלער אייליק אַוועקגעשטעלט ביי זיך אויפן טיש און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. אייליק האָט זי מיט אַ גאָפּל צעברעקלט דאָס שטיקל פיש אין טעלער און עס אונטערגערוקט יאָסעלען. יאָסעלע האָט איינגע־טונקט דעם שפּיץ פון דער מוציא אין דער פישיויך.

פּייוול האָט אונטערגערוקט יאַכעטן איר מוציא און ערשט איצט גע־נומען עסן. ער האָט געוואַרט יאַכעט זאָל קומען צום טיש.

אַלע אַרום דעם טיש זענען געזעסן איבערגעבויגענע איבער די טעלער און געגעסן. דאָס ליכט האָט באַשיינט דעם טיש. די אַקסלען פון די עסערס האָבן זיך געפונען אין שאָטן.

— שבתדיקע פיש, אַ מחיה — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן אין טעלער אַריין.

יאַכעט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן. — ס׳זאָל אייך וואויל באַקומען — האָט זי אַ צופרידענע אַ זאָג געטאָן און געגעסן ווייטער.

פּייוול האָט געענדיקט. ער האָט אָפּגערוקט דאָס בענקל פון אונטער זיך און ער איז מיט אַ צוגעאײַלטן שריט אַריין אין אַלקערל.

יאַכעט האָט זיך אויפגעשטעלט און זי איז אַוועק צום אויוון. אויפן טיש איז געבליבן אַ כזית פון איר מוציא. יאַכעט האָט אונטערגעהויבן די

שטאַרץ און אַ קוק געטאָן צו דער יויך. זי האָט אַרויסגענומען פון שענקל די טיפע בלעכענע טעלער און זיי פונאַנדערגעסדרט אויפן שענקל.

פּייוול איז צוריקגעקומען. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט חשיבות. ער האָט געטראָגן אין האַנט אַ ווייס פּירקאַנטיק פלעשל, ווי ער זאָל עס האַלטן אויפן בויך. ער איז שטיין געבליבן ביים טיש און דאָס פלעשל איבערגעבויגן אין האַנט, עס באַטראַכט. דאָס פלעשל איז געווען פול ביז אין דער העלפט. ער האָט זיך צוגערוקט דעם בעכער, אַרויסגעצויגן דעם קאָריק פון פלעשל און גענומען אייַנגיסן.

פּייוול האָט זיך אָנגעגאָסן אַ האַלבן בעכער און צוגעקאָרקעוועט צוריק דאָס פלעשל. ער האָט מיט דער האַנטפלאַך אייַנגעהאַקט דעם קאָריק, דער „שפּירט" זאָל נישט אויסוועפּן. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פלעשל אויפן טיש, גענומען דעם בעכער אין האַנט און מיט די אויגן געזוכט יאַכעטן. „לחיים" — האָט ער געזאָגט.

— לחיים — האָבן די קינדער מיט דער מוטער צוזאַמען אים געענטפערט. יאַכעט איז אין צווישן צוגעקומען צום טיש.

פּייוול האָט צוגעטראָגן צום מויל דעם בעכער, געעפנט דאָס מויל און אַ פאַרוואַרף געטאָן דעם קאָפּ אויף הינטן. עס האָט זיך דערהערט אַ שלונג.

די קינדער זענען געבליבן זיצן מיט אַן אייַנגעהאַלטענעם אָטעם.

פּייוול איז געבליבן מיט דעם ליידיקן בעכער אין האַנט. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעשוידערט. „האַ!" — האָט ער געטאָן אַ קרעכץ און ער איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

אַלע ביים טיש האָבן אים באַטראַכט. די קינדער זענען געזעסן און געוואַרט. פּייוול האָט אַרויפגעשטעלט דעם בעכער אויפן טיש און זיך געריבן די הענט. אַ וואַרעמקייט איז זיך אים צעגאַנגען איבער די ביינער.

פּייוול האָט זיך אונטערגעהויבן פון בענקל, אַריבערגעשטרעקט די האַנט איבערן טיש און גענומען דעם סידור. ער האָט איבערגעמישט עטלעכע בלעטלעך און זיך צעזונגען: „כל מקדש שביעי כראוי לו".

ער האָט געזונגען אַ חסידישן ניגון, וועלכן ער האָט געהערט אין שטוב ביים טאַטן, אָבער נאָר די ערשטע פּסוקים. ווייטער האָט ער געזונגען דעם ניגון אָן ווערטער. ער האָט זיך געשאָקלט איבערן סידור און געזונגען.

אויך דער זון האָט אויפגעהויבן זיין קול. זיין אַלט האָט איבערגע-

שטיגן דעם פּאָטערס באָס. די שטוב איז געווען פול מיט געזאַנג. דריי פּערטל פון די שבת־ליכט זענען געווען שוין אויסגעברענט. איין ליכט האָט אָנגעהויבן טריפן. דער חלב האָט געקאַפּעט איבערן מעשענעם לייכטער.

די פּנימער פון די קינדער האָבן געשטראַלט.ביידע מיידלעך האָבן געקלאַפּט מיט די הענט אין טיש אַריין צום טאַקט. יאָסעלע האָט כסדר זיך אונטערגעהויבן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט, ווי ער זאָל רייטן.

יאַכעט איז געגאַנגען צום טיש. זי האָט געטראָגן צוויי טעלער זופּ. יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן און אַוועקגעשטעלט פאַר פּייוולען אַ טעלער לאָקשן מיט יויך. דעם צווייטן טעלער האָט זי אונטערגערוקט פון דער זייט דעם זון און זי איז אַוועק ווידער צום אויוון. פּייוול האָט זיך איבער־געבויגן איבערן טעלער, אַ ווײַלע איז ער געזעסן און איינגעאָטעמט דעם געשמאַק פון עסן. די פּאַרע פון טעלער האָט באַדעקט זיין פּנים. די יויך ביי דער ראַנד פון פּייוולס טעלער איז געווען פעט. די לאָקשן האָבן אַרויסגעשטאַרט פון דער יויך ווי אַ שפּיץ באַרג. ביי דודן האָבן די לאָקשן צוגעדעקט נאָר די פלאַך פון טעלער. זיין יויך איז געווען אויסגעשטערנט מיט פעטע אויגן. דעם מאַן און דעם זון האָט יאַכעט געגעבן די ערשטע יויך.

אַלע זענען געזעסן איבערגעבויגענע איבער די טעלער און געגעסן. דער טיש און די קעפּ פון די עסערס זענען געווען, ווי מיט אַ נעפּל אַרומגענומען. די פּאַרע פון די טעלער איז געהאַנגען איבער זיי. אויפן הינטערגרונט פון דער שטוב האָבן די אַקסלען פון די מענטשן ביים טיש אויסגעזען, ווי זיי זאָלן זיך טרייסלען. יאַכעט האָט געגעסן צוזאַמען מיט יאָסעלען. זי האָט זיך גענומען אַ לעפל יויך מיט לאָקשן און אים געגעבן אַ לעפל עסן. אים האָט זי געגעבן נאָר אויפן שפּיץ פון לעפל.

יאַכעט האָט געגעסן שנעל. דעם לעפל עסן יאָסעלען האָט זי דער־לאַנגט פּאַמעלעך. דאָס יינגל האָט כסדר אויסגעשטרעקט דעם האַלדז. ער האָט אונטערגעשטעלט דאָס מויל.

פּייוול האָט מיט אַ האַנט זיך צוגערוקט דעם סידור און אים געעפנט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, פאַרמאַכט די אויגן און זיך צעזונגען: „מנוחה ושמחה אור ליהודים". ער האָט אויך איצט געזונגען אַ חסידישן ניגון, אָבער אַ לוסטיקן מאַרש, וואָס האָט אַרויסגעפּאַדערט און זיך געריסט. ער האָט געזונגען יעדעס וואָרט באַזונדער און יעדן פּסוק

אָפּגעהאַקט. דוד האָט מיט דער פויסט געקלאַפּט אין טיש אַריין צום טאַקט און צוגעטופּעט מיטן פוס אונטערן טיש.

— בביאת גואל לחיי העולם הבא — האָט פייוול פאַרענדיקט. ער האָט פאַרמאַכט דעם סידור און אים אַוועקגערוקט אין אַ זייט.

פונעם פלייש אויפן טיש האָט געזעצט אַ פּאַרע. דער פלאַם פון לאָמפּ האָט אַ צאַנק געטאָן און זיך אַרויסגעריסן פון ברענער, געברענט מיט אַ שפּיץ, פון וועלכן עס האָט זיך געדריוועט אַ דינער רויך. די טישטעך־ווייסקייט איז געוואָרן העלער. יאַכעטס פּנים איז געווען געלבלעך דער לאָמפּנשיין און דער פליישפּאַרע אַנטקעגן.

יאַכעט האָט אָפּגערוקט מיטן פוס איר בענקל. זי האָט דעם טעלער פלייש אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. יאַכעט האָט צונויפגערוקט די טעלער אויפן טיש און גענומען טיילן דאָס פלייש. זי האָט געטיילט און געקוקט אויף די טעלער, אַכטונג געגעבן, זי זאָל זיך נישט פאַרטיילן. די שטיקלעך פלייש זענען געווען רויט און איינגעשרומפּן. יעדעס שטיקל האָט אויס־געזען, ווי עס זאָל זיין צונויפגעוויקלט.

די ליכטלעמפּלעך האָבן זיך פונאַנדערגעצויגן, געווען נידעריק און ברייט. דער טריפנדיקער חלב האָט מיטגעצויגן די קנויט. די ליכטשיין איז געווען אַ פונאַנדערגעגאָסענע. די פּנימער פון די מענטשןביים טיש זענען געווען באַלויכטן.

פייוול האָט לאַנגזאַם זיך צוגערוקט דעם טעלער. ביי אים אין טעלער זענען געלעגן צוויי שטיקלעך פלייש און אַ לאַנג שמאָל שטיקל פלייש אויף צולאָג. פייוול האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, מיט דריי פינגער אָנגענומען אַ זשמעניע זאַלץ און באַזאַלצן זיך דאָס פלייש. בשעתן עסן האָט פייוול אַ קוק געטאָן אויפן ווייב.

יאַכעט, דערפילנדיק זיין בליק אויף זיך, האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איר פּאַרציע איז געווען אַ שטיקל האַרנפלאַק, וואָס זי האָט נישט געקענט איינבייסן. פייוול האָט אויפגעשטאָכן אויפן גאָפּל אַ שטיקל פלייש און עס אַריבערגעלייגט יאַכעטן אויפן טעלער.

יאַכעט האָט אַ צאַפּל געטאָן, זיך אָפּגעריסן פון טיש. זי האָט מיט איר גאָפּל אייליק אָנגענומען דאָס שטיקל פלייש און עס צוריק אַרויפגעלייגט פייוולען אויפן טעלער. איצט האָט פייוול אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ביי פייוולען אין שטוב האָט מען פלייש געגעסן נאָר „שבת״.

די פלעמלעך פון די ליכט האָבן זיך איינגעשרומפּן. זייער פייערגלי איז געווען בלוי. דער חלב אַרום די קנויטן האָט געטריפט. די ליכט האָבן געהאַלטן ביי ענדיקן זיך. די שיין אויפן טיש איז געווען אַן אויסגעצויגענע. אַלץ אויפן טיש האָט געהאַט אַ געלבלעכע קאָליר.

פייוול האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַריינגערוקט דעם גראָבן פינגער אין סידור און זיך אים צוגערוקט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ קוק געטאָן אין סידור אַריין, איבערגעמישט עטלעכע בלעטלעך און אַ זאָג געטאָן „יה רבון ועלמיא״.

יאַכעט האָט צונויפגענומען פון טיש די גאָפּל און זי איז אַוועק צום אויוון. יאַכעט האָט זיך נישט געאיילט, ווי זי זאָל איבערקלייבן די טריט.

יאַכעט האָט צוגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די שיסל מיטן צימעס. די פּירקאַנטיקע קלעצלעך קלאָקעס זענען געווען ברוין, די קיילעכדיקע געלע מייערן־רעדלעך האָבן געגלאַנצט פון פעטקייט. די צוויי מאכלים זענען געווען אַדורכגעמישט: אַ קלעצל איז געלעגן איבער אַ רעדל, אַ רעדל איז געלעגן אויף אַ קלעצל. אַ דינע פּאַרע האָט זיך געדריוועלט פון דער שיסל.

— בנה המקדש עיר ציון תמלא, ושם נשיר שיר חדש, וברננה נעלה, הרחמן הנקדש — האָט פייוול ווייטער געזונגען. יעדן פּסוק באַזונדער, ווי ער זאָל אים אָפּהאַקן. דער ניגון זיינער איז איצט געוואָרן נאָך מער לוסטיק, אָבער פאַרפּלאָנטערט: ער האָט דעם פריערדיקן ניגון צונויפגעמישט מיט אַ מאַרש, וואָס די שטעטלדיקע פייערלעשער האָבן געשפּילט, ווען זיי פלעגן מאַכן אַ פּאַראַד.

יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויפן טעלער צימעס, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. דער טעלער איז געווען פול. זי האָט אים אַוועק־געשטעלט פאַר פייוולען.

— איך וויל נישט — האָט דוד געזאָגט און זיך אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אין בענקל־אָנלען.

יאַכעט האָט אַ דערשטוינטע אָנגעקוקט דודן:

— אוי, ווי, ס׳צימעס צעגייט אין מויל.

— איך וויל אויך נישט — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן.

— איך וויל אויך נישט — האָט רבקהלע איר נאָכגעזאָגט, ווי זי זאָל רעדן צו זיך.

די מוטער איז געבליבן שטיין מיטן לעפל אין האַנט אַן אומבאַהאָלפענע און האָט געקוקט אויפן צימעס. דאָס געקעכץ איז איר אַ שאָד געווען, אָבער שפּעטער האָט זי אַ זאָג געטאָן: „דאַנקען גאָט״. זי איז געווען צופרידן, אַז די קינדער זענען זאַט.

— יתברך ויתעלה על כוס יין מלא כברכת ה׳ — האָט פּייוול שנעל פּאַרענדיקט בקול רם צעצי̇ענדיק יעדעס וואָרט, ווי ער זאָל צונויפשטעלן די אותיות. דער ריח פון צימעס האָט געררייצט זיין גומען. ער האָט פאַרמאַכט דעם סידור און אים אַוועקגעלייגט אין מיטן טיש. דעם פּסוק — צור משלו — האָט ער שוין נישט איבערגעחזרט. פּייוול האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט איבערן טעלער, ווי ער זאָל אים אַרומנעמען, און אים זיך צוגערוקט. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ לעפל פון טיש און אים אַריינגעשטעקט אין צימעס.

אין שטוב איז געווען שטיל. די מענטשן אין שטוב האָבן געהערט, ווי די ליכט־קנויטן ברענען. די קינדער זענען געווען מיד פון זעט. זיי זענען געזעסן און געקוקט איינער אויפן אַנדערן.

די ליכט־פלעמלעך האָבן זיך אויסגעצויגן, זיך צוריק איינגעצויגן, געוואָרן קליין. די קנויטן האָבן זיך פאַרבויגן. די לעצטע ביסלעך חלב האָבן זיך צעגאָסן. די פלעמלעך האָבן נאָך איין מאָל זיך אויסגעצויגן, אַ קאַפּטשע געטאָן. די ליכט זענען אויסגעגאַנגען. אין שטוב האָט זיך דערפילט דער ריח פון פאַרברענטע קנויטן און צעטאָפּעטן חלב.

אין שטוב איז געוואָרן טונקעלער. אין די ווינקלען האָבן זיך איינגעסדרט קורצע שאָטנס. פּייוול האָט אַריינגעלייגט דעם לעפל אין ליידיקן טעלער און לאַנגזאַם זיך אָפּגעצויגן פון טיש. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף זיינע בני־בית. — דוד — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

דוד איז אונטערגעשפּרונגען. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם בעכער פון טיש און ער איז אַוועק צום קיבעל.

פּייוול האָט פאַרריסן דעם קאָפּ. אין דער שיין פון לאָמפּ האָט זיין רויטע באָרד געגליט. יאָסעלע האָט זיך אָפּגעריסן פון טיש. ער איז געבליבן זיצן אויפן פאָטערס שויס.

— כאַ, כאַ, כאַ — האָט יאָסעלע געלאַכט. דעם פאָטערס באָרד האָט אים געקיצלט.

— איך אויך — האָט רבקהלע אַ זאָג געטאָן און געוואָלט זיך אַרויפֿ־זעצן אויפֿן פֿאָטער.

— זיץ, זיץ רבקהלע — האָט די מוטער איר אַ זאָג געטאָן.

דוד איז צוריקגעקומען. ער האָט אָוועקגעשטעלט פֿאַרן פֿאָטער דעם בעכער אויפֿן טיש און זיך צוריק אַוועקגעזעצט.

פּייוול האָט אויסגעשטרעקט זיינע עלנבויגנס, ווי ער זאָל אַרומנעמען דאָס יינגל, וואָס איז געזעסן ביי אים אויף דער שויס, און אַ נעם געטאָן דעם בעכער אין האַנט. ער האָט די הענט איבערגעשטרעקט איבער דעם טעלער פֿון צימעס. מיטן וואַסער, וואָס איז געווען אין בעכער, האָט ער זיך אָנגענעצט די שפּיץ פֿינגער.

— אברכה את ה׳ בכל עת — האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער האָט פֿאַר־מאַכט די אויגן און זיך געוויגט. די שטילקייט אין שטוב איז געווען נאָך שטילער. דער לאָמפּן־פֿלאָם האָט זיך אויסגעצויגן, ווי ער זאָל זיך ווען אַרויסרייסן פֿון גלעזל — הרינו מוכן ומזומן לקיים מצות עשה של ברכת המזון.

יאָסעלע איז מיד געוואָרן. ער איז געזעסן שטיל מיטן קאָפּ אויסגע־דרייט צום פֿאָטער און מיט די פֿינגער אים געקראָכן אין מויל אַריין. ער האָט געוואָלט פֿאַרמאַכן דעם פֿאָטער די ליפּן. דער פֿאָטער האָט כסדר אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ העכער, יאָסעלע זאָל אים נישט שטערן, און געמורמלט ווייטער.

יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום יינגל.ביידע, פּייוול און יאַכעט, האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. יאַכעט האָט אַרויסגענומען יאָסעלען פֿון פֿאָטערס הענט. — קום שלאָפֿן, — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן דעם יינגל.

יאָסעלע האָט געוואָרפֿן מיט די פֿיס, זיך קעגנגעשטעלט. די מוטער האָט זיך איבערגעבויגן אויף פֿאַרנט, זיך געהיטן, ער זאָל זי נישט קאָפּען אין בויך. — קינדער, שלאָפֿן! — האָט זי אַ זאָג געטאָן.

דוד האָט געדרימלט.

— רבקהלע — האָט זיך זלאָטעלע צו איר אַ ווענד געטאָן און זיך צוגעבויגן צו איר. — מיר וועלן זיצן ביים טיש ביז שפּעט, אַפֿילו ווען דער טאַטע מיט די מאַמע וועלן שוין שלאָפֿן, גוט? — אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי צוגעגעבן: — ביז דער לאָמפּ וועט אויסגיין. — זי האָט גערעדט

שטיל. זי האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אַריינגעקוקט דער שוועסטער אין פּנים: — איך וויל דער שבת זאָל לאַנג דויערן.

רבקהלע האָט תמימותדיק געקוקט אויף איר. אירע אויגן זענען געווען רויט. זי האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען דער שוועסטערס סוד.

פייוול האָט זיך געפּאָרעט. ער האָט אַראָפּגענומען פון בעט די רויטע פלושענע מיט גרינע פראַנדזן אַרומגעזיימטע דעק. זי צונויפגעלייגט און אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק.

— קינדער, שלאָפן — האָט די מוטער נאָך אַ מאָל אַ זאָג געטאָן.

דוד האָט אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער. ער האָט געגעבן דעם סימן. אַלע דריי האָבן מיט אַ מאָל אין איינעם אויסדעקלאַמירט — שמע ישראל אדוני אלהינו אדוני אחד — און מיט אַ צעצויגענעם ניגון מיט עטוואָס אַ נידעריקן טאָן האָבן זיי אַ זאָג געטאָן, ווי זיי זאָלן ענטפערן: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד — די צוויי יינגערע קולות האָבן געקלונגען. דער אָפּהילך פון די ווערטער האָט אַ לענגערע ווײַלע זיך געטראָגן איבער דער שטוב. די מיידלעך זענען געשטאַנען פון איין זייט טיש. דוד פון דער צווייטער זייט. — אמן — האָט פייוול אַ זאָג געטאָן. — אמן — האָט יאַכעט נאָכגעזאָגט און זי האָט שטיל צוגעגעבן — גוטע מלאכים זאָלן שוועבן איבער אייך.

דער לאָמפּן־פלאַם האָט זיך אַרויסגעריסן פון ברענער. דאָס ליכט אין שטוב איז אויף אַ ווײַלע העלער געוואָרן. אין שטוב איז געווען וואַרעם. די קינדער האָבן אייליק זיך אויסגעטאָן. יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אין בעט.

יאַכעט האָט זיך געפּאָרעט. זי איז געגאַנגען פון איין אָרט צום אַנדערן, גלייכגעלייגט די קינדערס בגדים. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום בעט. די קינדער זענען שוין געשלאָפן, צוויי אין יעדער זייט בעט, די מיידלעך אין איין זייט, די יינגלעך אין דער צווייטער זייט. רבקהלעס האַנט איז געלעגן אויף דער שוועסטערס האַלדז, זלאַטעלע האָט זי געהאַלטן אַרומ־גענומען. דוד איז געלעגן אַן איינגענאָרטער ווי אַ קנויל. יאָסעלע איז געלעגן מיט אַ פינגער אין מויל.

פייוול האָט פאַרריסן דעם קאָפּ. זיינע אויגן זענען געווען פאַרמרור־זשעט. — קום שלאָפן — האָט ער איר אַ זאָג געטאָן.

— גיי, גיי, איך קום באַלד נאָך — האָט זי אים אָפּגעענטפערט. איר שטימע איז געווען ווייך.

פייוול האָט זיך איבערגעדעקט די אויגן מיט דער האַנט. די צווייטע האַנט האָט ער אויפגעהויבן און זי פאַרביילט. — שמע ישראל — האָט ער אַ זאָג געטאָן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער צוריק געעפֿנט די אויגן. זײַנע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט שנעל. ער האָט גענומען דאָס פלעשל אָקעוויט און ער איז אַוועק אין אַלקערל.

יאַכעט האָט צונויפגענומען די טעלער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש און אויפן פּאָל, די גאָפּל און די לעפל פון אויוון און פון טיש האָט זי אַרויפגעלייגט אויף די טעלער. די גענוצטע כלים האָט זי אַרײַנגעשטעלט אין מולטער. אויפן טיש איז געבליבן נאָר דאָס רעפטל חלה, דאָס חלה־טישטעכל און דאָס זאַלצמעסטל.

דער סקאָבל פון דער טיר האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די טיר האָט זיך לאַנגזאַם אָבער מיט כוח געעפנט. עס איז אַרײַן אַ הויכער שייגעץ. ער האָט שנעל נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר. ער האָט יאַכעטן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, פאַרמרויזשעט די אויגן. דאָס ליכט פון לאָמפּ האָט אים אַ בלענד געטאָן. דער פופצן־יעריקער שייגעץ, דעם בעל־הביתס זון, האָט געטראָגן שטיוול און אַ וואַטענע קורטקע. זײַן ווינטער־צאַפּע (היטל) איז געווען אַריבערגעצויגן איבער זײַנע אויערן. אַ ווייסע ווי שטרוי קודלע האָר איז אים אַפּערגעהאַנגען. זײַנע ווייסע בלויע אויגן האָבן נייגעריק באַטראַכט דעם לאָמפּ, די פאַרטריפטע לייכטער און דאָס ווייסע טישטעך. ער האָט מיט דער האַנט זיך אויסגעריבן זײַן אָנגעפרוירענע נאָז.

ער איז צוגעגאַנגען צום אויוון און מיטן שטיקל דראָט, דאָס שאַר־אייזן, וואָס איז געלעגן אין דער זייט אויפן אויוון, פונאַנדערגעשאַרט אין אויוון די נאָך טליענדיקע קוילן און צוריק פאַררוקט די פייערקע. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ.

יאַכעט איז געשטאַנען און געוואַרט. אַז ער האָט געענדיקט, האָט זי אים דערלאַנגט דאָס רעפטל חלה, וואָס איז געלעגן אויפן טיש.

סטאַך האָט דאָס רעפטל אַרײַנגערוקט אין אַרבל אַרײַן. — דאָבראַנאָץ (אַ גוטע נאַכט) — האָט ער אַ זאָג געטאָן יאַכעטן. ער האָט געשמייכלט און געוויזן זײַנע גרויסע ווייסע ציין. ער האָט שנעל געעפנט די טיר און נאָך שנעלער זי נאָך זיך צוגעמאַכט.

דער לאָמפּן־פלאַם האָט געצאַנקט. אין שטוב איז כסדר טונקעלער געוואָרן. די שאָטנס אין די ווינקלען זענען כסדר גרעסער געוואָרן. יאַכעט איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, פאַרריגלט דעם ריגל.

אויף די שפּיץ פינגער איז זי צוגעגאַנגען צום בעט: זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער און זי איז פּאַמעלעך אַריינגעגאַנגען אין אַלקערל. דער לאָמפּן־פלאַם האָט עטלעכע מאָל אַ צאַנק געטאָן.

אין שטוב איז געווען פינצטער, שטיל און וואַרעם. פייוול האָט שוין געשנאָרכט.

י

פייוול האָט געעפנט די אויגן. דער מאָרגן אין אַלקערל איז געווען אַ גרויער. קאָנטורן פון די שטוב־זאַכן זענען געווען שוין דייטלעך. אין שטוב איז געווען שטיל, אַלע זענען נאָך געשלאָפן. ווי שפּעט עס איז, האָט ער נישט געוווּסט. ביי פייוולען אין שטוב האָט מען געלעבט אָן אַ זייגער. די וואַרעמקייט אין שטוב איז געווען אָן איבערקילטע. פייוולען איז געווען וואַרעם אונטערן איבערבעט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב. יאַכעט איז געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ. איר ברייטע ברוסט האָט אויסגעפילט דעם דעקאָלט פון איר העמד.

פייוול האָט דערפילט אַ טרוקנקייט אין מויל. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. — שבת פרי — האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די הויזן און ער איז מיט די נאַקעטע פיס אַריינגעשפּרונגען אין די באַגאַ־וויצעס. איילֿיק האָט ער זיי פאַרקנעפּלט. ער האָט אַ פאַרוואָרף געטאָן איבערן אַקסל די איביצע און שטיל אַרויס פון אַלקערל.

פון דער צווייטער זייט טיר איז פייוול שטיין געבליבן. די שיין אין שטוב איז געווען מילדער ווי אין אַלקערל. אין שטוב איז געווען שטיל. ער האָט געהערט דעם אָטעם פון די שלאָפנדיקע. אַ ווײַלע האָט ער אויפגע־האָרכט. דערנאָך האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אין די קינדער. זייער אָטעם איז געווען אַ לייכטער. אַ וואַרעמקייט האָט זיך אים צעגאָסן אונטערן האַרץ.

פייוול האָט אַרויפגעלייגט די שעפ אויפן וואַסער און ער האָט זי אונטערגעטונקען פּאַמעלעך, ס׳וואַסער אין קיבל זאָל נישט כליפּען. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט איבערן שעפל און זיי אָנגעגאָסן. ער האָט אָוועקגעשטעלט די שעפּ און מיט די נאַסע הענט צוויי מאָל זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים. צום סוף האָט ער זיך אָנגעצויגן די באָרד. ער האָט ווידער גענומען די שעפ אין האַנט, אָפּגעזופּט פון איר אַ ביסל וואַסער און זי

צוריק אַוועקגעשטעלט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן, גע־שווענקט זיך די קעל, זיך אויסגעוואַשן דאָס מויל. ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס האַנטעך און זיך געווישט די הענט, יעדן פינגער באַזונדער. ער האָט שטיל געמורמלט. ערשט די לעצטע ווערטער — ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד — האָט ער געזאָגט העכער.

די וואַרעמקייט אין שטוב איז געווען מילד. די נאַכט־קילקייט האָט זי אָפּגעפרישט. די פענצטער־שייבלעך זענען געווען פאַרקאָוועט מיט אייז. פייוול האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פילט די קרירה, וואָס יאָגט דורך די פענצטער. פייוול האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ נעם געטאָן דעם סידור פון טיש. ער האָט געעפנט דאָס אויבערשטע טעוועלע, איבערגע־מישט עטלעכע בלעטלעך, אַרויפגעלייגט אויפן טיש דעם אָפענעם סידור און גענומען זאָגן פון פאַרנט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער אין בעט. זיי זענען געשלאָפן. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן, אַראָפּגענומען פון האָק זיין באַנדע און אייליק זיך אָנגעטאָן. ער האָט שטיל געעפנט די טיר, אָנגעלענט אַ קני אין דער צווייטער העלפט טיר, די געעפנטע טייל טיר זאָל זיך נאָכגעבן, אָבער אַז ער האָט די טיר צוגעמאַכט נאָך זיך, האָט זי אַ קאַרץ געטאָן.

אַלע פיר קינדער אין בעט האָבן געעפנט די אויגן. די שטוביקע מאָרגן־גרויקייט איז געהאַנגען איבער זיי. יאָסעלע האָט אַ וואָרטשע געטאָן. ער האָט געוואָלט האָבן די מוטער נעבן זיך.

— די מאַמע שלאָפט — האָט זלאַטעלע שטיל אַ זאָג געטאָן מער מיט די ליפּן, ווי מיט דעם קול.

די טיר איז אויפגעשפּרונגען. אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען דער פאָטער.

— גוט שבת — האָבן די מיידלעך אַרויסגעשריגן פון בעט אַרויס און אונטערגעהויבן אויף אַ ווײַלע די קעפּ.

— גוט שבת, גוט שבת, קינדערלעך — האָט פייוול זיי געענטפערט. זיין פּנים, רויט פון קעלט, האָט געגלאַנצט און געשמייכלט.

פייוול האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר. דער טיר־סקאָבל האָט אַ שפּרונג געטאָן. פייוול האָט זיך אָנגעהאַכט די פאַרפרוירענע פינגער.

— היינט איז שבת — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער.

— אַ גאַנצן טאָג ביז ביי נאַכט — האָט רבקהלע איר געענטפערט. זי האָט געוואָלט זיין זיכער.

— שבת קודש — האָט פּייוול זיי אָפּגעענטפערט און מיט אַ פינגער אַ פּיק געטאָן יאָסעלען אין ברוסט.

דאָס קינד האָט אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט דעם פאָטערס פינגער.

פייוולס אויבערשטע ליפּ האָט זיך פאַרשאַרצט. ער האָט מיטן פינגער דערפילט די וואַרעמע יאָדערדיקייט פונעם יינגלס קערפּער. פּייוול האָט אַ צי געטאָן דעם פינגער און אָפּגערוקט זיך פון בעט. יאָסעלע איז ליגן געבליבן מיט אַ פאַרמאַכטער פויסט און מיט די אויגן נאָכגעקוקט דעם פאָטער.

פּייוול האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך די זיידענע איביצע, אַרויסגעצויגן די גאַרטל פון טאַש, אַרומגעגאַרטלט זיך מיט איר די לענדן. זיינע וואָ־כעדיקע בגדים זענען געווען איבערגעדעקט מיט זיין שבתדיק מלבוש.

די טיר האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און זיך אויפגעפּראַלט. דוד איז אַריין אין שטוב און פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר.

— אויפן הויף ליגט אַ פאַרפרוירענע קראָ — האָט דוד אַ זאָג געטאָן מיט איין אָטעם. די שטילקייט אין שטוב האָט זיך ווי אַ באַוועג געטאָן. — אַלע דעכער זענען פול מיט סטאַדעס קראָען, זיי זענען הונגעריק.

זלאַטעלע האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, אַ דערשטוינטע אָנגעקוקט דעם ברודער. פּחד האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. רבקהלע און יאָסעלע האָבן געקוקט אויף דער שוועסטער, נישט באַגריפן וואָס דוד האָט דער ציילט.

— מיט וואָס אַ גמרא־בחור פאַרנעמט זיך שבת — האָט פּייוול אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ער האָט צוגעשפּרייזט צום טיש, אַרויסגערוקט דאָס שופלעדל און אַרויסגענומען דאָס „חומש". ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַוועקגעלייגט אויפן טיש פאַר זיך דאָס ספר. דאָס חומש איז געווען געבונדן אין אַן אַלט ברוין לעדער. פּייוול האָט געעפנט דאָס ספר און מיטן פינגער געמישט די בלעטלעך. די שפּיצן פון יעדן בלעטל זענען געווען אויסגעפּעצט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, ווי ער זאָל אין דעם גרויען מאָרגן ווען זוכן. — פרשת יתרו — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך צעוויגט איבערן ספר. זיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. אַ ווײַלע לאַנג האָט ער זיך געשאָקלט איבערן ספר. זיין רוקן איז געווען אויסגעבויגן, קיילעכדיק. ער האָט געעפנט די אויגן און זיך צעזונגען — וישמע יתרון כהן מדין חתן משה את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל עמו, כי הוציא

ה׳ את ישראל ממצרים. — פייוול איז שוין נישט געווען ביי זיך אין שטוב. ער האָט געזען, ווי משה פירט זיין פאָלק ישראל איבער דעם מדבר.

יאַכעט האָט געעפנט די אויגן און זיי צוריק פאַרמאַכט, געפילט די גרויע טונקלקייט איבער זיך און די וואַרעמקייט פון איר גוף. זי איז גע־לעגן און געהאָרכט.

— ויחד יתרו על כל הטובה אשר עשה ה׳ לישראל — האָט פייוול אַ זינג געטאָן מיט אַן אויפגעהויבן קול פון גאווה, ווייל זיין אַלמעכטיקער איז גוט געווען צו זיינע יידן. ביי די ווערטער — ויקח יתרו חתן משה עלה וזבחים לאלהים — האָט זיין שטימע געציטערט פון אויפרעגונג. ווייל יתרו האָט זיך געוואָלט איינקויפן ביי די יידן און מקריב געווען קרבנות צו זייער גאָט. — ויהי ממחרת וישב משה לשפט את העם — האָט פייוול געזונגען ווייטער. זיין קאָפּ איז געלעגן צווישן די אַקסלען. פּחד האָט אים אַ שווער געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט געקענט דעם סיפּור־המעשה פון קינדווייז אָן, אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך געשראָקן פאַר משהס משפּט. — מדוע אתה יושב לבדך וכל העם נצב עליך? — האָט פייוול אַ פרעג געטאָן מיט „טראָפּ" און אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. אים איז נישט אַנגעשטאַנען, וואָס יתרו מוסרט משהן — ויאמר משה לחתנו כי יבא אלי העם לדרש אלהים — האָט פייוול מיטן „טראָפּ" געענטפערט. אה! — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן ווי ער זאָל וואָרטשען. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער העזה. — ויאמר חתן משה אליו לא טוב הדבר אשר אתה עשה — איי, איי, — האָט פייוול אַ קרעכץ געטאָן נישט קענענדיק איבערטראָגן ווי יתרו רעדט צו משהן. פייוול האָט מקפּיד געווען אויפן „טראָפּ", אָבער אינעם ניגון זיינעם האָט זיך געפילט ווײ־טאָג. — יתרו לערנט משהן. אָבער די ווערטער — ויהי אלהים עמך היה אתה לעם — האָט ער געזונגען מיט אַ קרעפטיקער זיכערער שטימע.

דוד איז געשטאַנען ביים פענצטער און מיט אַ נאָגל פון פינגער געקראַצט דאָס אייז פון אַ שייבל. ער האָט געוואָלט זען דעם הויף, די קראָען אויף די דעכער.

די אָפּגעקראַצטע שייבלעך זענען באַלד צוריק פאַרלאָפן און דער פראָסט האָט זיך צוריק אָנגעזעצט אויף זיי. דודן איז געוואָרן דערעסן, ער איז אַוועק פון פענצטער און צוגעגאַנגען צו דער באַנק, וווּ עס איז געלעגן זיין איבעצל.

יאַכעטס אויגן האָבן געדרימלט, אָבער אירע חושים זענען געווען וואַך. אין מויל איז איר געווען טרוקן, אָבער אונטערן האַרץ האָט זי געפילט אַ ווייכקייט, וואָס איז זיך איר צעגאַנגען איבער אַלע אברים.

דוד האָט פאַרקנעפּלט אויף זיך דאָס איבעצל. ער האָט זיך צוגערוקט און ער איז שטיין געבליבן הינטערן פאָטער. ער האָט געקוקט אין ספר אַריין.

פּייוול האָט דערפילט, אַז דער זון שטייט הינטער אים. דוד האָט צוגעברומט מיטן „טראָפּ". פּייוול האָט אַרומגענומען דעם זון — ויאמר ה' אל משה לך אל העם וקדשתם היום ומחר וכבסו שמלתם — האָט דוד געזונגען. זיין דינער אַלט האָט פאַרהילכט די שטוב.

פּייוול האָט זיך געשאָקלט איבערן ספר און שטיל געזונגען. ער האָט ווידער אַ מאָל געוואָלט הערן די יידישע געבאָטן. עס האָבן זיך געהערט אָפּגעהאַקטע פּסוקים לויטן טראָפּ, ווי ער זאָל זיך שפּילן מיט די ווערטער. — לא תעשה לך פסל, אָדער — לא תשתחוה להם. ער האָט ווידער זיך צעוויגט איבערן חומש און געזונגען לויטן טראָפּ, מען האָט ווידער געהערט בלויז די נגינה און נישט די ווערטער, אָבער פון מאָל צו מאָל איז ער געבליבן זיצן מיט איינגעקוקטע אויגן אין די שורות און ער האָט הויך אויפן קול מכריז געווען האַלבע פּסוקים — כבד את אביך ואת אמך — לא תרצח — לא תגנוב — לא תחמד — נאָך יעדן רוף איז פּייוול זיצן געבליבן שטיל. זיינע אויגן זענען געווען אויפגעריסן און האָבן געלאַנצט. זיי האָבן געפרעגט מיט גאווה — האַ ? דער ניגון־אָפּקלאַנג האָט וויברירט אין דער שטוב.

יאַכעט האָט געעפנט די אויגן. אין אַלקערל איז געווען נאָך האַלב טונקל. דאָס שטובן־ליכט, וואָס האָט אַדורכגעשיינט דורכן אָפענעם טירל, איז געווען שוואַך.

דוד איז אַוועק צום שענקל. ער האָט זיך אָנגעבויגן און אָפּגענומען פון אונטערן שענקל עטלעכע צונויפגעלייגטע בייגעלעך פּאַפּיר. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום אָריון. דאָס פּאַפּיר האָט דוד אַמאָל געבראַכט פון חדר. ער האָט מיט אַ חבר געמאַכט אַ בייט: פאַר דעם פּאַפּיר געגעבן אים אַ קנאָפּ. דאָס פּאַפּיר איז געווען שוין פאַרגעלט. דוד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך פאַרטאָן אין זיין אַרבעט. דער אָריון האָט אים געדינט אַלס אַ טיש. ער האָט געקנייטשט און צונויפגעלייגט אַ בייגעלע פּאַפּיר — זיך געמאַכט אַ „פערד".

די העלקייט אין שטוב איז געווען אַ דייטלעכע שוין. פּייוול האָט גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב מיט פאַרלייגטע אויף הינטן הענט. ער האָט געשפּרייזט שיף אויס דער שטוב, ער זאָל האָבן אַ גרעסערן מרחק. דאָס ווייסע טישטעך איבערן טיש, די מעשענע פּאַרטריפּטע לייכטער האָבן געלינדערט דעם גרויען מאַרגן אין שטוב.

פּייוול האָט פון מאָל צו מאָל אַ זיפץ געטאָן. פאַר יעדן זיפץ האָט ער פאַרהאַלטן דעם טריט און דערנאָך געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך געקוויקט מיט דעם „שבת". די ציצות פון זיין טלית־קטן האָבן זיך אים געבאָמבלט אויף די פיס, ווי זיי זאָלן אים אונטערטרייבן.

— איך וויל זיך אָנטאָן — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן און זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

רבקהלע איז איר נאָכגעשפּרונגען.

ביידע מיידלעך האָבן זיך אָנגעבויגן. זיי האָבן אָפּערגענומען פון אונטערן בעט זייערע שיך מיט די שטרימפּ און גענומען זיך אָנטאָן.

— איך! איך! — האָט יאָסעלע געשריגן און אויסגעשטרעקט די הענט.

די שטיקלעך באַקן איבער פּייוולס באָרד זענען איינגעשרומפּן. ער האָט געשמייכלט. ער איז צוגעגאַנגען און זיך אָוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. מיט איין האַנט האָט ער אָנגענומען יאָסעלען און אים אַרויפּ־געזעצט אויף דער שויס, מיט דער אַנדערער האַנט אָפּערגעצויגן פון אונטערן בעט דעם יינגלס שיכלעך.

זלאַטעלע האָט זיך אַליין אָנגעטאָן דאָס קליידל, אָבער דער שוועסטער האָט זי געמוזט העלפן. רבקהלע האָט נישט געקענט אַדורכשטופּן די הענט דורך די אַרבל.

פּייוול האָט זיך געפּאָרעט מיטן יינגל און געפּראַכט. די אַרבעט, אַרויפציען אויפן יינגלס פוס אַ שטרימפּ און פאַרשנירן אַ שיך, איז אים שווער אָנגעקומען. יאָסעלע האָט געוואָרפן מיט די פיס אומגעדולדיק, געוואָלט דער פאָטער זאָל וואָס שנעלער אים אַראָפּלאָזן אויפן פאָל. פּייוולס דיקע פינגער האָבן אומגעלומפּערט זיך געפּאָרעט.

דודס „פערד" איז געלעגן אויפן אויוון פּאַרטיק. איצט האָט ער געקנייטשט אַ צווייט בייגעלע פּאַפּיר: אַ „שיף".

דאָס אָפענע טירל פון אַלקערל האָט אַ ציטער געטאָן אויף די זאַוויאַ־

סעס.

— גוט שבת — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן פון אַלקערל אַרויס און זי איז נאָכגעקומען.

— גוט שבת, מאַמע! — האָבן די מיידלעך איר געענטפערט.

— גוט שבת, יידענע — האָט פייוול איר אַ זאָג געטאָן. די ווערטער זענען אים אַריינגעפאַלן אין דער באָרד אַריין. זיין פנים האָט געשמייכלט. ער האָט געטאָן ווייטער זיין אַרבעט.

יאַכעט איז געבליבן שטיין פון דער זייט טיר. אַלע קינדער חוץ דודן האָבן זי באַטראַכט. יאַכעטס פנים איז געווען גלאַטיק, אויסגערוט. אירע באַקן זענען געווען קנאָספּיק און רויט.

פייוול האָט פאַרביסן די וואָנצע צווישן די ליפּן. יאַכעט האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אירע אויגן־לעפּלעך זענען געווען פייכט. — גוט שבת, זון — האָט זי אַ זאָג געטאָן דודן אַ צעטומלטע און זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אויוון. אירע רויטע, אויסגעשלאָפענע באַקן האָבן געפלאַמט.

— גוט שבת! גוט שבת! — האָט דוד זי שנעל אָפּגעפּאַרטיקט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ און געטאָן זיין אַרבעט ווייטער.

אַלע אין שטוב האָבן ווייטער געפּאָרעט זיך. רבקהלע האָט אָוועקגע־שטעלט זיך מיטן רוקן צו זלאַטעלען, זי זאָל איר פאַרמאַכן די זאַטשאַסקעס פון הינטן.

יאַכעט האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און זי איז פאַרבייגע־גאַנגען פייוולען. זי איז געגאַנגען צום שעפל. גייענדיק האָט זי אויף זיך אָנגעצויגן דאָס קלייד.

פייוול האָט אויסגעגליכן דעם רוקן, מיטביידע הענט אָנגענומען יאַסעלען אונטער די אָרעמס און אים אַראָפּגעשטעלט אויפן פּאָל. ער האָט אָפּגעזיפצט, ווי ער זאָל האָבן אָפּגעטאָן אַ שווערע אַרבעט.

— איך גיי צום בעקער — האָט ער אַ זאָג געטאָן און זיך אויפ־געשטעלט.

— גייסט ברענגען די קאָווע? — האָט זלאַטעלע אים אַ פרעג געטאָן און אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן.

פייוול האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ביי יעדן וויג האָט די טיר געקאַרצט. זי האָט זיך געריבן אין די זאַוויאַסעס און אין פּאָל, ווי אַן איבערגעפירטער שטעקן אויף אַן אָנגעצויגענער שטריק.

דוד האָט געקנײטשט אַ פּריש בײגעלע פּאַפּיר. די קינדער האָבן נײגעריק געקוקט, וואָס ער טוט. דוד האָט געסאַפּעט, ער האָט נישט געקענט אײנלײגן דאָס שטיקל פּאַפּיר. אין שטוב איז געווען שטיל. אַלע האָבן געשוויגן.

— קום זיך וואַשן — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן דער שוועסטער און זי אַ ציִ געטאָן נאָך זיך. בײדע מײדלעך זענען אַוועק צום שעפּל. זלאַטעלע האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און אָנגעשעפּט אַ שעפּ וואַסער. זי האָט זיך אײנגעקוקט אין דער וואַסערפלאַך, און זיך דערזען. זי האָט זיך באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט, זי האָט זיך נישט געקענט האַלטן אויף די שפּיץ פינגער.

רבקהלע האָט איבערגעשטרעקט די הענט איבערן שעפּל.

זלאַטעלע האָט אָנגעגאָסן דער שוועסטערס און אירע הענט.

— מיט זײף — האָט רבקהלע אַ זאָג געטאָן.

— הײנט איז שבת — האָט זלאַטעלע איר געענטפערט. זי האָט אַוועקגעשטעלט די שעפּ און מיט אירע הענט געוואַשן דער שוועסטערס הענט. דערנאָך האָט זי נאָך אַ מאָל אָפּגעגאָסן זײערע הענט און ווידער געטאָן דאָס זעלבע. ערשט איצט האָט זי אָפּגעגאָסן נאָר אירע הענט. זי האָט אָפּגעצוואָגן דער שוועסטערס פּנים און דערנאָך איר פּנים. רבקהלע איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן. זלאַטעלע האָט אַ נעם געטאָן דאָס האַנטעך. — נאַ! האָט זי אַ זאָג געטאָן רבקהלען.

רבקהלע האָט געעפנט די אויגן און אָנגעכאַפּט דעם צווײטן עק פון האַנטעך. בײדע מײדלעך האָבן זיך געווישט.

יאַכעט האָט אָנגענומען יאָסעלען בײ אַ האַנט, אים אונטערגעהויבן און אָן צו זאָגן אַ וואָרט, אים צוגעטראָגן צום שעפּל.

יאַכעט האָט איבערגעבויגן דאָס ײנגל. יאָסעלע איז געבליבן הענגען איבערן שעפּל. זי האָט מיט אַ פרײער האַנט אָנגענעצט אַן עק פון האַנטעך און מיט דעם נאַסן שטיקל האַנטעך געווישט דעם ײנגלס הענט און פּנים.

זלאַטעלע האָט אויסגעשטרעקט אַ פינגער, געגעבן דעם צײכן. בײדע מײדלעך האָבן אין אײנעם גענומען דעקלאַמירן — מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך.

— אמן! — האָט דוד צוזאַמען מיט דער מוטער זײ אַ זאָג געטאָן.

— רבקהלע — האָט זלאַטעלע זי אַ רוף געטאָן. זלאַטעלע האָט

אויסגעשטרעקט די הענט.ביידע מיידלעך האָבן אָנגענומען די באַנק פון ביידע זייטן, זי אָפּגערוקט און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף איר.

די מוטער האָט יאַסעלען צוגעטראָגן צום טיש, אים אַריבערגעטראָגן איבער די מיידלעכס אַקסלען. די מיידלעך האָבן זיך פונאַנדערגערוקט און די מוטער האָט אים אַריינגעזעצט צווישן זיי.

אין שטוב איז געוועזן שטיל. אַרום די ווענט האָט זיך געפילט די קילקייט פון דרויסן. די קינדער זענען געווען אָנגעטאָן שבתדיק. זיי זענען געזעסן און געוואַרט דער „שבת" זאָל זיך אָנהייבן.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום שענקל און זיך אָנגעבויגן. זי האָט זיך צוריק אויסגעגליכן, געגאַנגען צום טיש און געטראָגן זעקס טעפלעך. די טעפלעך זענען געווען אָנגעטאָן אויף אירע פינגער. יאַכעט האָט פאַר יעדן אַוועקגעשטעלט אַ בלוי עמייל בלעכן טעפל. ביים בענקל אויבן אָן, ווו פייוול זיצט שטענדיק, האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ ווייס עמייל טעפל, דאָפּלט גרויס.

יאַכעט האָט אַרויסגענומען פון שענקל אַ טעלער און זי איז גַעגאַנגען אין אַלקערל אַריין. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי צוריק אַריין אין שטוב. אויפן טעלער זענען געלעגן עטלעכע קיכלעך. זי האָט צוגעשפּרייזט צום טיש און גענומען פונאַנדערטיילן די קיכלעך. יעדן פון די דריי קינדער האָט זי אַוועקגעלייגט אַ קיכל. דאָרט ווו דוד האָט געדאַרפט זיצן, האָט זי אַוועקגעלייגט צוויי קיכלעך, דאָרט, ווו עס איז געשטאַנען פייוולס גרויס טעפל, האָט זי גאָרנישט אַוועקגעלייגט. ביי איר טעפל האָט זי אַוועקגעלייגט אַ קיכל מיט אַרומגעבראָכענע ראַנדן. די קינדערס קיכלעך האָבן געהאַט אַ ראָזשינקע אין דער מיט.

אַ ווײַלע זענען די קינדער געזעסן און זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן געקוקט, באַטראַכט די קיכלעך. אַרום דעם טיש האָט זיך געפילט דער ריח פון געבעקס.

רבקהלע האָט אַ צמאָקע געטאָן מיט דער צונג. זי האָט געהאַט אַ פול מויל מיט שפּייעכץ. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי זי זאָל זיך שעמען, און אַראָפּגעציפּט די ראָזשינקע פון איר קיכל. די ראָזשינקע האָט זי אַריינגעכאַפּט אין מויל און גענומען מליאַסקען מיט די ליפּן.

— וואָרט! — האָט זלאַטעלע בייז איר אַ זאָג געטאָן. זי האָט מיט איר כעס פאַרשטעלט איר חשק צו טאָן דאָס זעלבע.

יאָסעלע האָט אָנגענומען דאָס קיכל מיטביידע הענט און אָנגעביסן אַ שטיקל. ער האָט שוין געהאַט אַ פול מויל. זלאַטעלע האָט מיט צוויי פינגער אַ נעם געטאָן אַ קרישקע פון יאָסעלעס קיכל און זי אַריינגעכאַפּט אין מויל אַריין.

אויך דוד האָט דערפילט דעם ריח פון געבעקס. ער האָט שנעל צונויפגעלייגט זיינע אויסגעפּאַרטיקטע שפּילעכלעך און זיי אַריינגעלייגט אין דער הויזנטאַש. די פּאַפּירן האָט ער שנעל אַרונטערגערוקט אונטערן שענקל און ער האָט אַ שפּרייז געטאָן צום טיש.

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט. אין דורכגאַנג איז געשטאַנען פּייוול, ווי ער זאָל מיטן בויך האָבן אויפגעשטופּט די טיר. די קינדער ביים טיש האָבן זיך אין אים איינגעקוקט.

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט.

— מען גייט עסן! — האָט ער אָנגעזאָגט און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, ווי ער זאָל וועלן עס זאָל זיין שטיל.

פּייוול האָט מיטן שפּיץ פון שטיוול צוגעמאַכט די טיר. ער האָט די קרוג געהאַלטן ביים אויער, ווי ער זאָל האַלטן אַ שפּענדל אין האַנט. — האַ! — האָט ער אַ בלאָז געטאָן פון זיך און זיינע באַקן האָבן זיך אויסגעדענט. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן, די קרוג קאַווע אַרויפגעשטעלט אויפן אויוון און אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט. די האַנט איז געווען שטייף פון קעלט.

יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן און פּאַמעלעך אָפּגעריסן דאָס שטייפע צוגעדעקטע פּאַפּיר, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן איבער דער קרוג. זי האָט זיך געהיטן, זי זאָל נישט אָפּבריען די פינגער. זי האָט אונטער־געהויבן דאָס שטערצל און אַ שמעק געטאָן צו דער קאַווע. — אַ מחיה — האָט זי אַ זאָג געטאָן און צוריק צוגעדעקט די קרוג. אין שטוב האָט זיך דערפילט דער ציקאָריע־ריח.

יאַכעט האָט אָפּגעדעקט די קרוג און זי איז מיט איר אַוועק צום טיש.

פּייוול האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן די באַנדע. זיין פּנים איז געווען פייכט, האָט געטייעט, נאָר די שפּיצן פון דער נאָז און פון די אויערן זענען געווען נאָך רויט.

יאַכעט האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, האַלטנדיק מיט איין האַנט די קרוג ביים אויער. פון די טעפּלעך און דער קרוג האָט געזעצט

אָ פּאַרע. דער טיש איז געווען איבערגעדעקט, ווי מיט אַ נעפּל. די וואַ־רעמקייט אין שטוב האָט זיך אַדורכגענומען מיט דעם ציקאָריע־ריח.

פייוול איז געשטאַנען אַן אָנגעלענטער אין בעט. ער האָט געקוקט ווי די קינדער עסן. דער גומען איז אים געווען נאַס. ער האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך דעם ריח פון דער קאָכעדיקער קאַווע.

יאַכעט האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל זיך האָבן עפּעס דערמאָנט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף פייוולען.

— נו? — האָט זי פאַרווונדערט אים אַ פרעג געטאָן.

פייוול האָט זיך אָנגעבויגן, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָנגענומען זיין טעפּל ציקאָריע. זיינע ליפּן האָבן עטלעכע מאָל זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי זיי זאָלן ציטערן, און ער האָט אַ זאָג געטאָן „נהיה בדברו". פייוול האָט אַ זופּ געטאָן פון טעפּל.

דוד האָט שנעל אויפגעגעסן דאָס ערשטע קיכל. ער איז געווען הונגעריק. ער האָט אָפּגעריסן דעם רוקן פון בענקל־אָנלען און זיך איבער־געבויגן איבערן טיש. מיט איין האַנט האָט ער אָנגענומען דאָס צווייטע קיכל, מיט דער אַנדערער האַנט דאָס טעפּל, און ער האָט געגעסן ווייטער. ער האָט אַ ביס געטאָן און נאָכגעטרונקען. איצט האָט ער געגעסן לאַנגזאַם, ווי עס זאָל אים אַ שאָד זיין ענדיקן.

יאַכעט איז אַרומגעגאַנגען דעם טיש. זי האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגע־הויבן די קרוג פון פאָל און אַריינגעקוקט אין איר. זי האָט איבערגעבויגן די קרוג און די רעשט ציקאָריע אַריינגעגאָסן אין פייוולס טעפּל. — טרינק! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן און צוריק אַראָפּגעשטעלט די קרוג אויפן פאָל.

אין שטוב איז געווען שטיל. דער שאַרפער ציקאָריע־ריח האָט לאַנגזאַם געוועפּט. עס האָט זיך ווידער געפילט די אָפּגעקילטע וואַרעמקייט, נאָר אין דער נידער איבערן פאָל האָט שפּאַצירט אַ לייכטע קעלט.

פייוול איז אַוועק צום קיבל. ער האָט מיט דער שעפּ אָנגעשעפּט אַ ביסל וואַסער, זיך אָנגעגאָסן די פינגער און זיי אויסגעווישט אין האַנטעך. לאַנגזאַם האָט ער אויסגעדרייט זיין גוף, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, ווי ער זאָל נישט קענען רירן מיטן קאָרק. ערשט איצט האָט ער גענומען גיין. נאָך יעדן שריט זענען זיינע פיס ווי שטיין געבליבן. גייענדיק האָט ער זיך פאַרקנעפּלט אַ קנאָפּ פון דער ייביצע און ער האָט זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דער גאַרטל, וואָס איז געווען ביי אים אין טאַש.

ער איז אַריין אין אַלקערל. די קינדער האָבן אים באַגלייט מיט די אויגן. קיינער פון זיי האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט.

פּייוול איז אַריין אין אַלקער און אַריינגעבערעגגט פון דאָרט דעם טלית. זיין שריט איז איצט געווען אַ געמאָסטענער. אין מיטן שטוב איז ער געבליבן שטיין. ער האָט שנעל פונאַנדערגעלאָזט דעם טלית און זיך איינגעוויקלט אין אים.

דוד איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בענקל. ער האָט מיט אַן אויסגעצויגענעם שריט צוגעשפּאַנט צו דער טיר, ווו דער האָק האָט זיך געפונען און אונטערגעהויבן דעם פּאָטערס באָנדע. ער האָט אַראָפּגענומען זיין פּאַלטן, אים אָנגעטאָן און אַ נעם געטאָן דעם סידור פון טיש. ער איז געווען גרייט.

פּייוול האָט זיין באָנדע אָנגעטאָן אויפן טלית. זיין באָנדע איז געווען גענוג גרויס. ער האָט זי נישט פאַרקנעפּלט, נאָר פאַרלייגט איין פּאָלע אויף דער אַנדערער און זיי צוגעהאַלטן מיט די הענט.

— אַ גוטן שבת! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן און אַ לויף געטאָן צו דער טיר.

— אַ גוטן שבת! אַ גוטן שבת! — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל זיך אונטערזינגען, און ער איז נאָכגעגאַנגען דעם זון.

— אַ גוטן שבת! אַ גוט יאָר! — האָט יאַכעט געענטפערט און נאָכגעקוקט די מענער אירע.

דוד האָט מיט אַ זייט צוגעשטופּט די טיר, מיטן עלנבויגן אונטערגעהויבן דעם סקאָבל. די טיר איז אָפּגעשפּרונגען. אַ קעלט האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב.

— אָ! — האָבן ביידע מיידלעך אַ קרעכץ געטאָן און זיך צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע.

אין שטוב איז געווען שטיל. דער קלאַפּ פון דער צוגעמאַכטער טיר האָט געהילכט אין חלל. די אָנגעלאָפענע קעלט האָט זיך צעשפּרייט אין דער שטוביקער וואַרעמקייט. די צוגעטוליעטע צו זיך שוועסטערן האָבן זיך אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער. זיי זענען געזעסן און געוואַרט אויף דעם שבת־המשך, ווי יעדע וואָך. די פענצטער־שייבלעך זענען געווען פאַרפרוירן, מאַט ווייס, ווי מילך, אָבער די שיין פון דרויסן האָט זיך אַדורכגעשלאָגן דורך זיי.

דער פֿאַל אונטערן פּענצטער איז געווען העלער ווי אין דער רעשט שטוב. די טראַטשינעס אויפֿן פֿאַל זענען שוין געווען אויסגעטרעטן.

דער סקאָבל אין דער טיר האָט אַ צימבל געטאָן, די טיר איז אויפֿ־געשפּרונגען. סטאַך איז אַריין אין שטוב. דער הויך־אויסגעוואַקסענער שייגעץ מיטן מילכווייסן פּנים איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ער איז געווען אָנגעטאָן אַזוי ווי נעכטן ביי נאַכט, נאָר דער קאָלנער פֿון זיין קורטקע איז איצט געווען אויפֿגעשטעלט. אַ ווײַלע איז דער שייגעץ געשטאַנען און זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ווי ער זאָל נישט וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן. יעדן געוויינלעכן טאָג, ווען ער איז פֿאַרבייגע־גאַנגען אונטער פּייזולס פּענצטער, האָט ער אַריינגעשריגן „זשידזשעו״, צי עס האָט יאָ ווער געהערט, צי נישט. אָבער שבת, ווען ער איז אַריינ־געלאָפֿן צו פֿייוולען אין שטוב אונטערצינדן דעם אויוון און ער האָט דערזען דאָס ווייסע אויסגעשפּרייטע אויפֿן טיש טישטעך און די מעשענע לייכטער, האָט ער פֿאַרלוירן זיין געוואַגטקייט. דער שייגעץ איז גע־שטאַנען און געקוקט מיט זיינע וואַסערבלויע אויגן אויף די שטוביקע, ווי ער זאָל זיי זען דאָס ערשטע מאָל און ער האָט צו זיי געשמייכלט. זיין שמייכל איז געווען אַן אומבאַהאָלפֿענער.

— פֿאָדפּאַל! (צינד אונטער) — האָט זלאַטעלע אים אַ זאָג געטאָן און אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— טאַכטער, מען טאָר נישט — האָט די מוטער אָן אויפֿגעציטערטע איר אַ זאָג געטאָן און צוגעטוליעט יאָסעלען צו זיך.

סטאַך האָט אַ שפּרונג געטאָן צום אויוון, זיך איינגעשפּיגן די הענט און זיי אויסגעריבן אין די הויזן. ער האָט זיך אַראָפּגערוקט די צאָפּע אויף הינטן, ער זאָל זען, אָנגעוועקגערוקט די פּייערקע און מיט צוויי פֿינגער פֿונאַנדערגעשאַרט דאָס אַש. ער האָט זיך אָנגעבויגן און פֿון אויוון־גרוב אַרויסגענומען עטלעכע שטיקלעך קוילן און זיי אַריינגעלייגט אין אויוון. פֿון דער פּושקע האָט ער אַרויסגענומען עטלעכע שטיקלעך קין און פֿונאַנדערגעסדרט אויף די קוילן.

יאָכעט האָט איבערגעזעצט יאָסעלען פֿון איין האַנט אויף דער אַנדערער און זי איז מיט אים אַריין אין אַלקערל.

די מיידלעכס אויגן האָבן נישט גערוט. זיי האָבן נאָכגעקוקט סטאַכן וואָס ער טוט.

דער שייגעץ האָט זיך אָנגעבויגן, אָפּערגענומען אַ גאַרשטש צעברעקלטע קוילן און זיי אַרויפגעלייגט אויף די שפּענדלעך. נאָך צוויי מאָל האָט ער געטאָן דאָס זעלבע. איצט האָט ער אַריינגעטאָן די האַנט אין טאַש און אַרויסגענומען זיינע שוועבעלעך. ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און ס׳האָט זיך דערהערט אַ קנאַק, אַ פלעמל האָט אַ פלאַקער געטאָן.

סטאַך האָט דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע לאַנגזאַם צוגעטראָגן צו דער פייערקע, עס אַריינגערוקט פון דער זייט צווישן די שפּענדלעך קין, און צוריק פאַררוקט די פייערקע. אַ סוואָנד האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטוב.

יאַכעט איז צוריקגעקומען. זי האָט געהאַלטן אַ קיכל אין האַנט.

דער סוואָנד אין שטוב איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. די אָנגעכאַפּטע קוילן האָבן געזשוזשעט. סטאַך האָט ווידער געווישט זיך די הענט אין די הויזן.

יאַכעט האָט דערלאַנגט אים דאָס קיכל אָן צו זאָגן אים אַ וואָרט.

דער שייגעץ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קיכל און עס אַריינגערוקט אין דער בוזעמטאַש. ער האָט צוריק אַראָפּגערוקט זיך די צאָפּע איבער די אויגן, אַריינגעשטופּט אונטער דער צאָפּע די שפּיצן פון זיינע אויערן און אַ שפּרייז געטאָן צו דער טיר.

אונטער דער אויוון־בלעך איז ליכטיק געוואָרן. דאָס פייער האָט זיך פונאַנדערגעברענט.

יא

דוד איז געלאָפן מיט אימפּעט איבערן דורכגעפרוירענעם פּאָדערהויז. ער איז געלאָפן האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּ, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז ער וועט זיך אין עפּעס שטויסן. ער איז אַריבערגעשפּרונגען די שוועל און געבליבן שטיין אויף דער גאַס. ער האָט אַרונטערגעשטופּט דעם סידור אונטערן אָרעם און די הענט אַריינגעשטופּט אין די טאַשן. די קעלט האָט אים אַדורכגענומען.

דוד האָט אַרויפגעקוקט, געזוכט די קראָען אויף די דעכער. ער האָט געזוכט די קראָען און געהאָרכט, ווי די טעלעפאָן־דראָטן איבער די דעכער רוישן.

— טאַטע, ביז וואַנען דערגייען די דראַטן? — האָט דוד אַ פרעג געטאָן.

פּייוול האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט געוווּסט. ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די אַרבל. די קעלט האָט אים געשטאָכן אונטער די פינגער. זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן זענען געווען רויק. ער איז געשטאַנען און געקוקט פאַר זיך.

דער טיפער שניי אויף דער ערד איז געווען איינגעפרוירן. די פאַר־שנייטע דעכער זענען ווי געלעגן אויפן שניי. דער הימל האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיין אַדורכגעמישט מיט מילכוייס.

דוד האָט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געקוקט אין געסל אַריין. ער איז געווען בייגעריק וויסן, וואָס עס טוט זיך אין שטעטל.

— קום — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן.

דער אויסגעטראָטענער שטעג האָט זיך געשלענגלט צווישן די כאַטעס, ווי אַ לענטע. זיי זענען געגאַנגען פאָרזיכטיק, ווי איבער אַ בריקל. זיי האָבן נישט געוואָלט איינטרעטן אין שניי. דער אָנגעפרוירענער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זייערע אויסגעטריקנטע שטיוול.

די עטלעכע פאַרשנייטע כאַטעס פוןביידע זייטן געסל זענען געלעגן אויף דער פאַרשנייטער ערד, ווי קופּעס. אַ טיר האָט זיך אין ערגעץ נישט געעפנט. נאָר די דינע שנירלעך רויך, וואָס האָבן זיך געדריוולט פון די קוימענס גלייך אין הימל אַריין, זענען געווען דער סימן, אַז מענטשן וווינען דאָרט.

אין ראָג פון געסל איז געשטאַנען אַ הויכער, ברייטבייניקער ייד. דער ייד, אין אַ ברוין פוטער מיט אַ שוואַרצן שעפּסענעם קאָלנער, האָט פון וווייטנס אויסגעזען, ווי ער זאָל זיין איינגעפּאַקט אין פוטער. די הענט זיינע זענען געווען פאַררוקט אין די אַרבל, ווי אין אַ מופע. זיין שוואַרצע באָרד איז געלעגן אויפן פוטער ווי אַ האַלדזטיכל.

— גוט־שבת, בעריש! — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן אים פון וווייטנס און אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דוד האָט אַ צי געטאָן דעם פאָטער ביי דער פאָלע. ער האָט געוואָלט דער פאָטער זאָל גיין מיט בערישן דורך די געסלעך. דאָרט האָבן געוווינט זיינע חדר־חברים.

— פּייוול, אַ גוט־שבת דיר! — האָט בעריש אים געענטפערט און זיך אַ פאַרנעם געטאָן אין געסל אַריין לינקס.

— דאָ אַרום גייסט דו? — האָט פּייוול אַ פרעג געטאָן בערישן — קום מיט מיר.

— אַ גוטן שבת! — האָט בעריש אַ זאָג געטאָן און ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

פּייוול מיטן זון זענען אַרונטערגעגאַנגען אונטער אַ טויבער הילצערנער וואַנט פון אַ שטאַל. פּייוול האָט געוואָלט זען אַ סך יידן שבת אין שטעטל.

פּייוול איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָבער מיט אַן אויסגעצויגענעם שריט. ער האָט אָפּגעלייגט וועג, ער האָט געוואָלט אַדורכגיין דעם מאַרק. ער איז געגאַנגען דורך דעם לאַנגן פאַרשנייטן פּלאַץ, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען נאָר איינצלנע הייזער. דער שניי אויפן שטח איז געווען ווייניק אויסגעטרעטן. אויף דעם שטח אַרום, אין די געסלעך און אין די הייף, איז די אויבערשטע שיכטע שניי געווען אָפּגעלעגן, כמעט שוואַרץ. דאָ און דאָרט האָט אַן אויסגעטרעטענער שטעג איבערגעהאַקט דעם שניי אויפן שטח. ווו נישט ווו איז אַ שטיק שניי געווען געל ווי געפאַרבט, אָדער שוואַרץ צעגאַנגען לויטן אינהאַלט פון פּאָמישאַף, וואָס מענטשן האָבן אויסגעגאָסן. די איינצלנע פאַרשנייטע הייזער האָבן פון ווייטנס אויסגעזען ווי שטייענדיקע, אָדער ליגנדיקע פאַרפרוירענע קאַסטנס. די קעלט דאָ איז געווען שאַרפער, ווי אין די געסלעך. דער שטח איז געווען אָפן.

פּייוול האָט זיך געהאַלטן ווייט פון די הייזער, געשפּרייזט איבער דעם פּלאַץ שיף־אויס. זיין שטעג איז געווען קוים אויסגעטרעטן.

דוד איז אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט. ער האָט זיינע פיס אַריינגעשטעלט אין דעם פאָטערס שטיוול־אָפּדרוק. אַזוי איז זיך אים געגאַנגען לייכטער. ביי יעדן טריט, וואָס דאָס ייִנגל האָט געמאַכט, האָט ער זיך אַ וויג געטאָן, ווי ער זאָל זיין באַלאַדנט. דער שטח, ווו זיי זענען געגאַנגען, האָבן די שטעטלדיקע גערופן דער „גאָלער פּלאַץ". די ערד דאָ איז געווען האַרט. עס איז אויף איר גאָרנישט געוואַקסן.

דוד האָט זיך אָנגעבויגן. ער האָט אָנגענומען אַ הויפן שניי און שנעל פאַרקנעטן אַ קויל. ער איז אונטערגעשפּרונגען און זיך פאַרצי־לעוועט, אַ שליידער געטאָן די קויל שניי. אַ סטאַדע פאַרביקע טויבן האָבן זיך אונטערגעריסן, זענען אָפּגעפלויגן פון דאַך. זיי האָבן געקלאַפּט מיט די פליגל, ווי זיי זאָלן אַדורכלופטערן די קעלט.

— דוד, שבת — האָט דער פאָטער מיט פאַרוואורף אַ זאָג געטאָן און

אַליין געקוקט ווי די טויבן פליִען. די טויבן האָבן זיך געדרייט, זענען געפלויגן אויף דעם זעלבן אָרט, נישט געוואָלט אַוועקפליִען פון זייער דאַך.

דוד איז געשטאַנען מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ אין דער הויך. ער האָט געוואָלט דערקענען אין פלי פון וואָס פּאַראַ ראַסע יעדע טויב איז.

— פּאָטשטאָווע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַנטציקונג.

פייוול מיטן זון זענען געגאַנגען ווייטער. דאָס געסל איז געווען לאַנג און שמאָל. די כאַטעס דאָ זענען געווען נידעריקע מיט שיפּע שינדל־דעכער אַרום זיך. אַרום יעדער כאַטע איז געווען אַן אַרומגעצוימט גערטנדל, צווייַ, דריי הויך אויסגעוואַקסענע ביימער און אַן איינגעגראָבענע אין דער ערד באַנק, פאַר דער טיר. דער שנייַ איבער די דעכער און איבער די פּלויטן איז דאָ געווען ווייכער און פוכיקער ווי אין די ברייטע געסלעך. דער אַדורכגאַנג אינעם שמאָלן געסל האָט קוים אָפּגעטיילט איין פּלויט פון אַנדערן. ווען דער שנייַ איז נישט געלעגן אויף דער ערד האָט מען געזען, אַז דאָס געסל איז אויסגעלייגט מיט דינע, קרומע שטיינער. דער גאַסן־ברוק האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעקערטע וואַנט. דאָס געסל האָט נישט געהאַט קיין נאָמען. די יידן האָבן עס גערופן דאָס „דאָרף־געסל".

אין דעם געסל איז פייוול ווידער געגאַנגען מיט אַן אויסגעצויגענעם שריט. דער שמאָלער דורכגאַנג האָט אים געפירט. דוד איז געבליבן הינטערשטעליק.

— גוט־שבת, פייוול! — האָט אַ קול הילכיק אויסגעשריגן.

— גוט־שבת, איציק! — האָט פייוול געענטפערט.

פייוול איז אונטערגעגאַנגען און געבליבן שטיין איציקן אַנטקעגן. איין ייד האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן. איינער האָט דעם אַנדערן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ביידנס פּנימער זענען געווען אויסגעלייטערט. איציקס גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט. דוד איז אַנטקעגנגעקומען און אויך ער איז שטיין געבליבן. איציק האָט אָנגעקוקט דאָס ייִנגל. ער האָט אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויף דודן. פייוול האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, באַשטעטיקט, אַז דוד איז זיין זון.

איציק, אַ נידעריקער, ברייטבייניקער זשוואָווער ייד, האָט געהאַט אַ קיילעכיקן קאָפּ, אַ לאַנגע שוואַרצע מיט גרויע האָר אַדורכגעוועבטע באָרד. זיינע אברים און דער קאָפּ, די אויערן, זיין נאָז, דאָס מויל און די ליפּן, זענען געווען ווי אויסגעטאָקט. זיין בליק איז געווען שאַרף, אָבער מיט אַ שמייכל. די באַקן זיינע זענען געווען אַדורכגעוועבט מיט

רויטע אָדערלעך. איציק האָט געטראָגן אַ קורץ שעפּסן־פוטער מיט אַ טכוירענעם קאָלנער, „גימזינע״ שטיוול מיט ווייכע כאָלעוועס און אַ הויך „קאַרקולן״ היטל. ער האָט אויסגעזען העכער ווי ער איז געווען.

דער פּאָרנט פון איציקס הויז איז געווען אַ שמאָלער. אויף אַ טייל פון זיין פּלאַץ האָט איציק געהאַט אַן „איינפאָר״. אין הויף הינטן האָט איציק געהאַט אַ פערדשטאַל. דער אַריינפאָר איז געווען פאַרצוימט מיט אַ פּאַרקן, אין וועלכן עס איז געווען אַ צווייטיריקער טויער. דאָס טויער איז געווען פאַרקליניוועט מיט אַ בעלקע, עס זאָל נישט לייכט זיין צו עפענען. דער איינגאַנג צו איציקן אין הויז אַריין איז געווען דורך צוויי טרעפּלעך. זיין טויער איז געווען געשאָלעוועט. פון איין זייט פוטרינע איז געווען צוגעקלאַפּט אַ הילצערנע מזוזה פון אַליווך־האָלץ. אַ סך יידן און יידענעס אין שטעטל האָבן זיך די מי געגעבן פאַרבייגיין איציקס הויז. יעדער האָט געוואָלט אַ קוש טאָן די מזוזה. ביי די מענטשן אין שטעטל איז געווען אָנגענומען, אַז איציק האָט די מזוזה געקויפט ביי אַן ארץ־ישראל־שליח פאַר אַ סך געלט.

פון הינטערן הויז, פון דער לינקער זייט, ווו דאָס הויז איז נישט געווען אַרומגעצוימט, זענען אָפּערגעקומען צוויי בחורים.

— אָט גייען מיינע תכשיטים — האָט איציק אַ זאָג געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַ צופרידענער.

די בחורים זענען געגאַנגען שנעל. אַז זיי זענען צוגעקומען צום פאָדערשטן פּלויט, האָט דער עלטערער אַ קוק געטאָן איבערן פּלויט אַריבער.

— פייוול דער זשאַרנאָווצער — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם יינגערן. אַז זיי זענען אַריין אין געסל האָבן ביידע אַ זאָג געטאָן „גוט־שבת פייוול״ — און זיי זענען שטיין געבליבן מיט די פּלייצעס צום פּלויט. אַ ווייַלע האָבן אַלע אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

— וואָס מאַכט אַ ייד? — האָט דער עלטערער בחור אַ פרעג געטאָן פייוולען.

— געלויבט השם יתברך — האָט פייוול געענטפערט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דוד איז געשטאַנען מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און תמימותדיק באַטראַכט די בחורים.

ביידע, שלום דער עלטערער און ברוך דער יינגערער, זענען געווען

ענלעך איינער צום אַנדערן. גבורה האָט געשפּראָצט פון זייערע אברים. שלומס פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט אַ שוואַרצן, געדיכטן האָרשפּראָץ, ווי אַ וואַלדמאָך.

— ברוך, ווערסט מיר אויפנעמען, אַז דו וועסט פאָרן מיט אַ פערד? — האָט דוד אים אַ פרעג געטאָן.

אַלע האָבן אָנגעקוקט דודן.

— יאָ, ברוך? — האָט דוד אים נישט אָפּגעלאָזט.

ברוך האָט געשוויגן, געקוקט אויף זיינעם און דודס טאַטן.

שלום האָט מיט צוויי פינגער־שפּיצן אַ ציפּ געטאָן זיך אַ הערל פון זיין יונגער באָרד. ביידע, שלום און ברוך, האָבן געטראָגן באַצויגענע מיט גרויע סחורה שעפּסענע פּוטערס. די מלבושים זענען געווען לויט זייער מאָס. זיי האָבן אויך געטראָגן „כראָמאָווע" שטיוול מיט שמאָלע כאָלעוועס. אַ לאַנג און זאַט אויסגעצויגן פערד־געהירזשע האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער סביבה. איציקס זין האָבן אויסגעדרייט די קעפּ, געהאָרכט.

— דאָס פערד איז אַנטלאָפן — האָט דוד אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל זיך פרעגן.

איציק האָט אַ קניפּ געטאָן דודן אין בעקל. אויף דודס באַק איז געבליבן אַ בלויער צייכן. דוד האָט זיך אויסגעריבן די באַק.

פייוול האָט אָנגענומען דודן ביי דער האַנט.

— מען דאַרף גיין דאַווענען.

איציק האָט אַ שאָקל געטאָן פייוולען מיטן קאָפּ. ער און די זין זענען נאָכגעגאַנגען פייוולען. אין גאַנג האָט איציק אויסגעגליכן זיין שריט מיט פייוולס. איציק האָט געהאַט אַ קליינעם שריט, ער איז ווי נאָכגעלאָפן פייוולען. פייוול האָט נאָכגעלאָזט דודן און אַלע זין זענען געגאַנגען הינטער די טאַטעס.

— די פויערים פאַרקויפן זיך אויס? — האָט איציק אַ פרעג געטאָן פייוולען.

— ווי יעדן ווינטער. די רייכע האַלטן די בהמות, די אָרעמע פאַרקויפן זיי — האָט פייוול אים געענטפערט.

איציק האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און זיך אומגעקוקט. דאָס געסל איז געווען ליידיק. ביי אַ האַלצערנער כאַטע מיט אַ שיפּן דאַך ווי אַלע כאַטעס, צוויי הייזער ווייטער פון איציקס כאַטע, איז איציק געבליבן שטיין און אַלע הינטער אים. איציק האָט פון ווייטנס אַ קוק געטאָן אין פענצטער

אַריין. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צום טויער. דאָס טויער איז געווען צוגעלענט. איציק האָט אויפגעהויבן אַ פֿאַרמאַכטע פויסט און צוויי מאָל אָנגעקלאַפּט אין טויער. דאָס טויער האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף די זאַוויאַסעס.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט מיט אימפּעט. אַ בלאָנד ייִנגעלע אין אַ גראַנאַטענעם פּאַלטן, שטיוועלעך און אַ וואָלן געשטריקט היטל איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז. אַ הויכער, ברייטבייניקער ייִד מיט אַ קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, האָט איילִיק אַריבערגע־שטעלט אַ פוס איבער דער שוועל פון הויז.

— גוט־שבת, ייִדן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער האָט געשמייכלט און אַ דערשטוינטער זיך אומגעקוקט. דאָס ייִנגל איז צוגעלאָפֿן צו איציקן.

— גוט־שבת, זיידע — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אויף איציקס פוס.

איציק האָט מיט ביידע הענט געטוליעט צו זיך דעם ייִנגלס קאָפּ און אַ זאָג געטאָן זיך: — מײַן חיות!

עזריאל, איציקס עלטסטער זון, דעם ייִנגלס פֿאָטער, איז געווען ענלעך צו זײַנע ברידער. ער איז נאָר געווען גרעסער און שטאַרקער פון זיי. אויך אָנגעטאָן איז ער געווען ווי זיי. ביי די שניידערס און שוסטערס האָט מען באַשטעלט פאַר דער גאַנצער משפחה אין איינעם.

— בנים! געגאַנגען! עס איז שבת! — האָט איציק אַ באַפעל געטאָן און גענומען גיין.

פייוול איז אונטערגעגאַנגען צו איציקן און זיך מיט אים אויסגעגליכן אין גאַנג.

— שמילע, קום! — האָט דוד זיך אַ ווענד געטאָן צום ייִנגל און ער איז איבערגעלאָפן דעם פֿאָטער. שמילע איז נאָכגעלאָפן דודן.

פייוול האָט זיך אָנגעבויגן צו איציקן. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַן אויג אין דער זייט, צי מען הערט אים נישט אונטער, און ער האָט אַ פרעג געטאָן איציקן:

— גרייטסט זיך צו שמחות?

— מיטן אייבערשטנס הילף — האָט איציק אים געענטפערט — איך האָב וואָס צו פאַרקנסן — האָט ער שטאָלץ צוגעגעבן.

— „מערטשישעס" (אם ירצה השם) מאָרגן וועל איך זיך צוכאַפּן צו

מאַטשעיען קיין לאַבזיוו — האָט עזריאל אַ זאָג געטאָן די גאַנצע משפחה זאָל הערן.

— שבת — האָט איציק דער פאָטער אים אַ זאָג געטאָן. עס איז געוואָרן שטיל. די יידן זענען געגאַנגען ווייטער. מען האָט נאָר געהערט דעם שנייסקריפּ אונטער זייערע שטיוול.

עטלעכע כאַטעס ווייטער אויף דער זעלבער זייט געסל איז איציק געבליבן שטיין און אַלע — נאָך אים. ברוך האָט פלינק אַ שפּרייז געטאָן, אָפּגעשטופּט דאָס טויער און איז אַריין אין הויז. די כאַטע איז געווען ברייט און נידעריק. די ווענט אירע זענען שוין געווען קיילעכיק, ווי די כאַטע זאָל זיין מעוברתדיק. דער שפּיציק הויכער דאַך האָט מיט די ראַנדן ווי דערגרייכט דעם שניי אויף דער ערד. די כאַטע איז געווען איינע פון די ערשטע אין געסל.

ברוך האָט זיך לאַנג נישט געזוימט. אינעם טויער וואָס איז געווען גלייך מיט דער גאַס האָט זיך באַוויזן אַ נידעריקער אַלטער ייד. דער ייד איז געגאַנגען מיט אַ דראָבנע אָבער זיכערן טריט. הינטער אים איז געגאַנגען ברוך.

— גוט־שבת, טאַטע! — האָט איציק אים אַ זאָג געטאָן. זיינע גרויע אויגן האָבן זיך איינגעקוקט אינעם אַלטן טאַטן.

— גוט־שבת, לאָזער! — האָט פייוול אים געענטפערט.

— גוט־שבת, זיידע! — האָבן די אייניקלעך אים געגריסט.

— גוט־שבת, גוט־שבת, קינדער — האָט דער אַלטער זיי געענטפערט. דער עכאָ פון „גוט שבת"ן האָט זיך גֿעטראָגן איבערן געסל. דעם אַלטנס גרויע אויגן האָבן געקוקט נייגעריק, ער האָט באַטראַכט איינעם נאָכן אַנדערן. זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף די צוויי יינגלעך, וואָס זענען געשטאַנען צוזאַמען. דער אַלטער האָט געהאַט אַ קורץ ברייט פּנים מיט אַ ברייטער גאָמבע, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט אַ לאַנגער, ווייסער, שפּיציקער באָרד. די ווייסקייט איז געווען געלבלעך פון אַלטקייט.

— קינדער — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן און אַ רוף געטאָן די יינגלעך מיט אַ פינגער.

ביידע יינגלעך זענען צוגעגאַנגען צו אים. לאָזער האָט זיך אָנגעבויגן און מיט צוויי קורצע דיקע פינגער אַ קניפּ געטאָן שמילען אין בעקל. זיינע גרויע אַלטע אויגן זענען געוואָרן דורכזיכטיק. זיי האָבן געגלאַנצט. שמילע איז אַוועקגעלאָפן פון אַלטן. איציק האָט אים באַגלייט מיט די

אויגן. דוד האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. שמילע איז צוגעלאָפן צום פאָטער. ער האָט אָנגעלענט זיין קאָפּ אויפן פאָטערס קני. שמילע האָט זיך די מי געגעבן, ער זאָל זיך נישט צעוויינען.

— דער זיידע לאָזער האָט דיך האָלט — האָט דער פאָטער אַ זאָג געטאָן שמילען און אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

דעם יינגלס אויגן האָבן געקוקט פון אונטערן שטערן אַפּער.

דוד איז געשטאַנען אין דער זייט. ער האָט געקוקט און געוואַרט, וואָס דער אַלטער לאָזער וועט איצט טאָן.

— דאָס איז דאַהנער? (דיינער) — האָט לאָזער זיך אַ וועגד געטאָן צו פּייוולען אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דודן.

— דער בכור — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן לאָזערן.

— פּאַהן, פּאַהן (פיין) כן ירבו — האָט דער אַלטער געזאָגט און געגומען גיין. אַלע זענען אים נאָכגעגאַנגען. דער אַלטער האָט געטראָגן אַ ברייט לאַנג שעפּסן־פוטער. מען האָט נאָר אַרויסגעזען די פשישוועס פון זיינע שטיוול. דער פוטער האָט געהאַט אַ ברייטן שוואַרצן פּאָקענעם קאָלנער. ער האָט אויך געטראָגן אַ נידעריקע, ברייטע אַריבערגעצויגן איבערן שטערן פּאָקענע קיטשמע. די אַרבל פון פוטער זענען געווען ברייט און לאַנג, אַ סך לענגער ווי זיינע הענט. אויך זיינע אַרבל זענען געווען געפוטערט און נישט געוואַטעוועט. מיט אַ מאָל איז דער אַלטער שטיין געבליבן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעקוקט די אַלע יידן, וואָס זענען געגאַנגען נאָך אים. זיין משפחה האָט פאַרשטאָפּט דאָס געסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און ער איז געגאַנגען ווייטער. ער איז געגאַנגען דער ערשטער. ער האָט געפירט זיין שבט. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זייערע פיס.

— וואָס מאַכט די מאַמע? — האָט איציק געפרעגט דעם פאָטער און ער האָט בייגעריק אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. די אייניקלעך האָבן אָנגעשטעלט זייער געהער.

— הענע, די מאַמע, פאַרבעט דיך אויף קידוש. זי האָט פאַרמייסטרע־וועט אַ מאָגן — האָט דער פאָטער געענטפערט דעם זון. דער אַלטער איז געגאַנגען און געוואָרפן מיט די הענט ווי ער זאָל זיך איילן.

— אַ שמאַלץ־מאָגן? — האָט איציק זיך אַ פרעג געטאָן און זיך פאַרריבן די הענט פון תענוג, ווי ער זאָל שוין פילן דעם טעם.

— אַוודאי, אַוודאי — האָט שלום געענטפערט דעם פֿאָטער.

— פּיוול! — האָט דער אַלטער זיך אַ ווענד געטאָן צו אים.

פּיוול איז אונטערגעגאַנגען צו אים.

— דו זאָסט אָכעט קימן — האָט דער אַלטער אים אַ זאָג געטאָן.

— אַ יישר־כוח אייך, ר׳ לאַזער — האָט פּיוול אים געדאַנקט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט פּיוול ממשיך געווען — שבת דאַרף אַ ייד זיין מיט זיין ווייב און קינדער — פּיוול האָט פֿאַרלאַנגזאַמט זיין טריט און צוריק זיך אויסגעגליכן מיט איציקן.

דער אַלטער איז ווידער געגאַנגען דער ערשטער. די קעלט איז געוואָרן טרוקענער, די העלקייט דורכזיכטיקער. אַלע זענען געגאַנגען און געשוויגן. די יידן זענען צוגעקומען צום סוף געסל. די לעצטע צוויי הייזער פֿון ביידע זייטן געסל זענען געווען איינשטאָקיקע, אָבער געמויערטע. די דע־כער איבער זיי זענען געווען פֿלאַכע און באַדעקט מיט פּאַפּע אַזוי ווי הייזער אין דער קראָקעווער גאַס.

דער אַלטער איז געבליבן שטיין, דער זון זיינער און די אייניקלעך — הינטער אים. פֿונעם הויף אין דער לינקער זייט, וואָס איז געווען אַרומ־געצוימט מיט אַ הילצערנעם האַלב איינגעבראָכענעם פּלויט, האָבן זיך געטראָגן קולות. יידן האָבן געדאַוונט. דאָרט אין דער אָפּיצינע איז געווען דאָס „שטיבל״ פֿון די קצבים און די בהמה־סוחרים.

— אַ גוטן שבת! — האָט דער אַלטער אַ זאָג געטאָן פּיוולען.

— אַ גוטן שבת, אַ גוטן שבת — האָט דער זון און די אייניקלעך אים אונטערגעהאַלטן.

— אַ גוטן שבת, יידן! — האָט פּיוול אַ שריי געטאָן.

דער אַלטער האָט לאַנגזאַם זיך אויסגעדרייט און ער איז אַריין אין הויף. דער זון און די אייניקלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען.

— גוט־שבת! — האָט שמילע אַ שריי געטאָן פֿון ווייטנס דודן. זיין קולעכל האָט געפּישטשעט, ווי אַ באַרירטע מיט אַ פֿינגער פֿידל־סטרונע. גייענדיק האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נאָכגעקוקט דודן.

דאָס געסל איז געווען נידעריקער פֿון דער גאַס. אַ ברייטער, פֿאַרפֿרוי־רענער רינשטאָק האָט זיי פֿאַראייניקט. דוד האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און ער איז איבערגעלאָפֿן דעם פֿאָטער. ביים רינשטאָק האָט ער זיך פֿאַר־

האַלטן. ער האָט זיך אַ וויג געטאָן אַהין און צוריק, זיך פאַרמאָסטן און זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפעט איבער דעם שמאָלן אייזפּאַס.

— דוד! — האָט פייוול מיט כעס אים אַ רוף געטאָן און ער האָט איבערגעשפּרייזט דעם רינשטאָק.

דוד האָט געהאַלטן פונאַנדערגעשפּרייט די הענט. ער איז מיט צעשטעלטע פיס געפאָרן איבערן אייז און זיך געוואַקלט. ער האָט געהאַלטן גלייכגעוויכט, געוואָלט זיך איבערגליטשן איבער דער גאַנצער לענג פון רינשטאָק. ביים עק פון רינשטאָק האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין דער גאַס אַריין.

דאָס שטיקל גאַס האָט געראָיעט פון יידן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די יידן קומען פון די אָפענע טויערן, פון אַלע געסלעך. אין דער סביבה זענען געווען די רוב בתי מדרשים, די שטיבלעך און דער וועג צו דער שול. דער אויסגעטרעטענער אונטער אַזוי פיל פיס שניי האָט גע־גלאַנצט, ווי ער זאָל זיין אויסגעשליפן. פון די פלאַכע און שפּיציקע דעכער האָבן אַראָפּגעהאָנגען צאַפּנס אייז פון פאַרשידענע פאָרמען און גרויסן און אין די פאַרפרוירענע פעצטער־שויבן האָט דאָס טאָגליכט אָפּגעשלאָגן.

דאָס שטעטל איז געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דער טיפער שניי איז געלעגן איבערן שטעטל. די יידן אין שטעטל האָבן געהאַלטן שבת. — גוט־שבת! גוט־שבת! — האָבן יידן זיך געבאָטן איינער דעם אַנדערן. דער „גוט־שבת" האָט געשוועבט אין דער טרוקענער קעלט, ווי פליגל־פלאַטער פון דורכגעפלויגענע פייגל.

דוד איז געגאַנגען פאַמעלעך מיטן שטראָם און באַטראַכט די יידן. אין צווישן איז דער פאָטער אים אונטערגעקומען. זיי זענען איצט געגאַנגען צוזאַמען, קינד און קייט, גרויס און קליין. עס זענען געגאַנגען יידן, הויכע און נידעריקע, דאַרע און ברייטביינער. זיי זענען געגאַנגען פאַמעלעך און אייליק. גייענדיק האָבן זיי זיך געשלענגלט איינער אין אַנדערן. אַ קייט פון יידן האָט זיך געצויגן אין איין ריכטונג. עס האָבן זיך געוואָרפן און צונויפגעקלאַפּט פאָלעס פון פוטערס און פאַלטנס. פון אונטער די פאָלעס האָבן אַפּערגעהאָנגען ציצות און שפּיצן פון טלית. שטריימלעך, סאַמעטענע און סאַטינענע היטלעך, וואָס זענען געזעסן אויף סאַמעטענע קאַפּלעך, האָבן געשימערט. אַלטע און יונגע יידן מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ, לאַנגע בערד, מיט גרויסע, טיף איינגעזעצטע אין פּנימער אויגן, האָבן געשפּרייזט

לאַנגזאַם, מאַיעסטאַטיש. זיי זענען געגאַנגען דאַוונען און דערווייל האָבן זיי באַטראַכט גאָטס וועלט.

אויך ווייבער זענען געגאַנגען דאַוונען. די ווייבער זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע מלבושים. זיי האָבן געטראָגן מאַנטלען און זשאַקעטן פון אונטער וועלכע עס זענען אַפּערגעהאָנגען זייערע לאַנגע קליידער. עס זענען געגאַנגען ווייבער, וואָס האָבן געטראָגן גלאַט פאַר־קעמטע שייטלעך, און ווייבער, וואָס זייער שייטל האָט געהאַט אַ שרונט אין דער מיט. עס זענען געגאַנגען באָבעס, וואָס האָבן געטראָגן סידורים. אַ סך באָבעס האָבן געטראָגן קופקעס אויף די קעפּ. די הענט זייערע האָבן זיי געהאַלטן פאַררוקט אין די אַרבל פון פאַרנט. זייערע דיקע „קרבן־מנחה"־סידורים האָבן זיי געהאַלטן אונטער די אָרעמס.

צוויי הויכע שלאַנקע פרויען, ביידע אין די דרייסיקער יאָרן, מלכה און מאַכטשע, זענען געגאַנגען אין מיטן גאַס. מלכה האָט געטראָגן אַ קלאָשן מאַנטל פון קאָווערקאָט, אַ פוטערנע מופע, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן די הענט, און אַ סידור, וואָס האָט געהאַט צוויי מיט פערלמוטער באַדעקטע שפּיצן. דעם סידור האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם. אַ גרויער שפּיציקער שאַל איז געווען אַרומגעוויקלט אַרום איר קאָפּ. די עקן פונעם שאַל האָבן באַדעקט אירע אַקסלען.

מאַכטשע האָט געטראָגן אַ בעזש מאַנטל, וואָס האָט געהאַט אַ געסקע און הויכע, ברוינע פאַרשנייטע שיך. זי האָט איר סידור געהאַלטן אין האַנט. איר קרעם־בלוי געבלימטער פלאַנעלענער שאַל איז געווען ביי איר פאַר־בונדן אויפן קאַרק. די עקן פון איר שאַל זענען אַראָפּגעהאָנגען פון פאָרנט, ווי אַ זשאַבאָט. זיי זענען געווען חברטעס נאָך פון די מיידלשע יאָרן.

— אַזוי איז עס — האָט מלכה אַ זאָג געטאָן און באַלד דערויף צוגע־געבן — אַ שווערער ווינטער.

— קלאָג זיך נישט — האָט מאַכטשע איר אָפּגעענטפערט.

מלכהס גרויסע, בלויע אויגן האָבן זי אָנגעקוקט.

— איך באַוויַיז נישט צובעטן דאָס בעט, מוז איך עס צוריק אויפבעטן. אַז איינער שטייט אויף, לייגט זיך דער צווייטער אַוועק — האָט מלכה זיך פאַרענטפערט.

— נאָר נישט אָסטערליש — האָט מאַכטשע איר אַ זאָג געטאָן. אַ ווײַלע

שפּעטער האָט זי פֿאַרגעזעצט. — האַיאָר, גאָט צו דאַנקען, האַלטן זיך די קינדער ביי מיר.

— איך וואַרט שוין אויף אַ ביסל זון. מען דאַרף זיך אויסוואַרעמען די ביינער.

איר אָוואַל פּול פּנים האָט געשמייכלט. זי האָט געקוקט אַראָפּ. די ווייבער זענען געגאַנגען אָפּגערוקט פון די מענער. פאַראייניקט די מענער מיט די ווייבער האָבן די יינגלעך. זיי, די יינגלעך, האָבן זיך געשלייכט צווישן די פּיס. די יינגלעך זענען געלאָפן פאָרויס און צוריק, האָבן זיך געגליטשט. ווער פון די יינגלעך איז אונטערגעשפּרונגען און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אָפּגעבראָכן אַ צאַפּן אייז, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון אַ דאַך. איין יינגל האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. ער האָט פאַרקנעטן אַ קויל שניי און זיך פאַרצילעוועט. ער האָט געוואָלט טרעפן אַ צווייט יינגל.

אויך דוד האָט זיך פאַרהאַלטן. ער האָט געוואַרט דער פאָטער זאָל אים איבערגיין. אַ ווײלע שפּעטער האָט דוד פאַרקנעטן אַ קויל שניי. ער האָט אַ קוק געטאָן צי דער פאָטער זעט נישט. ער האָט זיך פאַרצילעוועט אין אַ שוואַרצער קראָ אויף אַ דאַך. די אויסגעפּלאָשעטע קראָ האָט פונאַנ־געשפּרייט אירע פליגל, זיך צעשריגן: קראַו! דוד איז צוגעגאַנגען צום פאָטער צוריק. ער האָט זיך אין גאַנג אויסגעגליכן מיטן פאָטער. עטלעכע שריט ווייטער האָט פּייוול אָנגענומען דעם זון ביי דער האַנט.

— דער סרורע (שררה) גייט — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן דעם זון.

אין מיטן גאַס, זיי אַנטקעגן, איז געגאַנגען דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון שטעטל — אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין. זיין אַסקעטיש, אויסגעצויגן פּנים איז געווען פונאַנדערגעטיילט מיט אַ לאַנגער, דינער נאָז. די נאָז איז ביים סוף געווען צעצויגן און פאַרקיילעכדיקט. ער איז געגאַנגען און זיך נישט אומגעקוקט, נאָר דער ניקלנער אָדלער האָט אַפּערגעקוקט פון אונטער זיין גראַנאַטענער קיילעכיקער היטל־דענקע. ער האָט אַריבער־געקוקט איבער דעם לאַקירטן דאַשיק פון זיין היטל.

— גוט־שבת! — האָט יעדער ייד, וואָס איז אים פאַרבייגעגאַנגען אַ זאָג געטאָן.

דער קאָמענדאַנט האָט געשוויגן, ער האָט קיינעם נישט געענטפערט. זיינע דינע מיט בלויע אָדערן פאַרצויגענע אויגן־לעפלעך זענען געווען אַראָפּגעלאָזט. זיי האָבן געגלאַנצט פון אויפרעגונג. זיין גראַנאַטענער שינעל מיט די ניקלנע קנעפּ איז געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פּאַס,

אויף וועלכן עס האָט געהאָנגען אַ שמאָלע, לאַנגע שווערד. ער האָט די שווערד געהאַלטן ביים הענטל און זי געשטעלט פאָרויס, ווי ער זאָל גיין מיט אַ שטעקן. ער איז געגאַנגען שטראַם, זיין שריט איז געווען אויסגעצויגן, אייליק. ער האָט וואָס שנעלער געוואָלט אַדורכגיין דאָס שטיקל גאַס.

פייוול האָט זיך פאַרנומען אויף רעכטס. ער מיט זיין זון זענען איילִיק אַריין אין שולגעסל. אין ראָג האָט ער אָפּגעלאָזט דעם זונס האַנט.

דוד איז אונטערגעשפּרונגען אויף אַ פוס און ער איז אַ לויף געטאָן פאָרויס. דאָס געסל איז געווען שמאָל ווי אַ שטשאַנקע. פון איין זייט געסל איז געווען אַ הילצערנער פּאַרקן, וואָס האָט געצוימט מיכאַלס קוילן־לאַגער. פון דער צווייטער זייט געסל זענען געשטאַנען צוויי שמאָלע צווייִשטאָקיקע, גרויע הייזער. די פענצטער אין די ווענט זענען געלאָפן אין אַ רייע, האָבן פון וויטנס אויסגעזען, ווי אויסגעלאָשענע לאַמטערן. נאָך דער שטשאַנקע ביים סוף איז געווען אַ האַלברונדער פּלאַץ. דער שניי אויפן פּלאַץ איז געווען איינגעטרעטן און גלאַטיק, ווי ער זאָל זיין פון איין שטיק און האָט געגלאַנצט. אַרום דעם פּלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַדקאָווע, זענען געשטאַנען שמאָלע, צונויפגעדריקטע איינשטאָקיקע און צווייִשטאָקיקע הייזער. די דעכער אויף די הייזער זענען געווען פאַרשיפּט, פלאַך און שפּיציקאַרטיק, ווי איינער זאָל וועלן אַרויפקריכן אויפן אַנדערן. די זון האָט אַריבערגעקוקט איבער די דעכער, ווי זי זאָל זיין פון בלעך. אין מיטן האַלברונד פונעם פּלאַץ, אַרויסגערוקט פון דער ווירע, איז געשטאַנען דאָס קליינע בית־המדרש.

דאָס בית־המדרש איז געווען אַ רויט ציגל הויז. אַרום דעם בית המדרש פוןביידע זייטן זענען געשטאַנען הייזער. די רויטע ציגל אין די ווענט האָבן געגלאַנצט. די לאַנגע האַלבקיילעכיקע פענצטער האָבן פונאַנ־דערגעטיילט די לאַנגע וואַנט. די ברייטע טיר איז געווען אָפן. דער הלל אין איר איז געווען טיף, האָט געערופן. די שמאָלע קליינע אייזצאַפּנס, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון די פענצטער ווי ליכט, האָבן לומינירט דאָס בית המדרש.

— גוט־שבת! גוט־שבת! — האָבן דיקע האַלדז־קולות זיך געזאָגט. די קולות האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין קלאַנג, וואָס האָט געהילכט איבערן פּלאַץ. דער פּלאַץ אַרום דעם בית־המדרש האָט געווימלט מיט יידן. געשטאַלטן וואָס האָבן זיך געשלייכט זענען פאַרגאַנגען זיך דעם וועג. איינער האָט זיך פאַרפלאָכטן אין אַנדערן. יעדע ווילע האָט זיך אַרויסגע־

רוקט אַ געשטאַלט פונעם מענטשן־קראַנץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פלעק אויף דער שניי־ווייסקייט. אַ ווילע האָט די געשטאַלט זיך באַוויגן און זי איז אַנטקעגנגעקומען אין דער אָפענער טיר.

אַ זגראַיע ייִנגלעך האָבן געקאָלערט אונטער די פענצטער פון די הייזער אַ באַל שניי. אַ חברה ייִנגלעך איז אַרומגעשטאַנען אַרום אַ האַלבן שוין אויפגעשטעלטן שניי־גולם.

פייוול איז אונטערגעגאַנגען מיט אַ פאַרשנעלערטן טריט, פאַרביי־גייענדיק די צעשפּילטע ייִנגלעך האָט ער אָנגענומען דעם זון ביים קאָלנער. ער האָט אים געפירט גלייך אין בית המדרש אַריין. דוד האָט זיך נישט געוועהרט. ער האָט נאָר מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ געקוקט, וואָס די ייִנגלעך טוען.

דאָס ליכט אין פאָדערהויז איז געווען גרוי. דער אָנגעטראָגענער שניי אויף דעם שטיינערנעם פּאָל איז געווען איינגעטרעטן. אַרום דער אינער־לעכער איינגאַנגטיר האָבן ייִדן זיך געדרענגט. יעדעס מאָל ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט אין פאָדערהויז אַ שיין געטאָן אַ בינטל ליכט. די ווייסע אייז־צאַפּנס וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון כיור, האָבן איצט אויס־געזען ווי קאָזע־בערד.

פייוול האָט אַדורכגעלאָזט דעם זון, מיט צוויי פינגער אַ גלעט געטאָן די מזוזה, אויסגעקושט די שפּיץ פינגער און צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר.

יב

די דורכגעקילטע אין משך פון דער נאַכט לופט איז געווען אַן אויסגע־שטאַנענע, אָבער דאָך איז די לופט געווען אַ געדיכטע. עס האָט זיך גע־פילט דער ריח פון שמות. דער ווייסער קאַלך אויף די ווענט איז געווען אָפּגעטריקנט, די שויבן און די פענצטער — פאַרפרוירן. דאָס אייז אויף די שויבן, איינגעפאַסטע צווישן די קאַנטיקע און שיפע פענצטער־שפּריצן, איז געווען געבלימלט. די מעשענע הענגל־לייכטער, פאַרטריפטע מיט חלב, זענען אַראָפּגעהאָנגען פון דער ברוינער הילצערנער סטעליע, ווי זיי זאָלן זיין ליידיק און זיי זענען געווען גרין פון אַלטקייט. די גלאָזור אויף די אויוון־קאַפּלעס איז געווען אָפּגעריבן, מאַט, די שפּעלטלעך איבער זיי — ווי דינע שוואַרצע אָדערן.

דאָס בית־המדרש איז געווען פול מיט ייִדן אויסגערוטע, חדווה האָט אַראָפּגעשיינט פון זייערע פּנימער. אַ זשום פון קולות האָט זיך געמישט,

ווי בינען זאָלן רויען אויף אַ צעבליטער צווייג. יידן מיט איבערגעוואָרפענע איבער די אַקסלען און איבער די קעפּ טליתים זענען געשטאַנען מיט פאַר־מאַכטע אויגן און זיך געשאָקלט. טיפע האַלדז־שטימעס און דינע קולות האָבן געזאָגט אָפּגעהאַקטע משפטים: — ה׳ אהבתי מעון ביתך — אזי מלך שמו נקרא — ה׳ אחד — אַ נידעריקער ברייטבייניקער ייד, וואָס איז געשטאַנען ביים אוירון און זיך געשאָקלט האָט אַ געשריי געטאָן — ה׳ לי ולא אירא — און ער איז שטיין געבליבן מיט אָפענע אויגן.

פייוול האָט גענומען גיין, דוד איז אים נאָכגעגאַנגען. פייוול איז געגאַנגען אויסטאָן דעם פאַלטן. ער האָט זיך געשטופּט, געטאָרעוועט אַ וועג צווישן די יידן, פאַרבייגייענדיק דעם אוירון האָט ער אָנגעטאַפּט די קאָפּ־לעס — זיי זענען געווען לוי. ביים טיש, ווו די יידן האָבן אַוועקגעלייגט זייערע מלבושים, איז פייוול מיטן זון געבליבן שטיין.

פייוול האָט זיך פונאַנדערגעקנעפּלט, איינגעצויגן די אַקסלען און אַראָפּגעלאָזט די הענט. די באַנדע האָט זיך פון אים אַראָפּגעגליטשט ביז די עלנבויגנס. ער האָט די באַנדע אַראָפּגעצויגן און זי אַרויפגעלייגט אויף דער קופּע מלבושים אויפן טיש. די עקן פון פייוולס טלית, אין וועלכן ער איז געווען איינגעהילט, האָבן זיך צעלאָזט, די ציצות זענען געבליבן הענגען.

— שוין צייט זאָלסט זאָגן אַ יידיש וואָרט.

פייוול האָט אויך דעם זונס פאַלטן אַרויפגעלייגט אויף דער קופּע מלבושים. דערנאָך האָט ער גענומען זיך שטופּן צוזאַמען מיטן זון דורך די יידן.

מיט אַ מאָל איז דער געדראַנג צווישן די מתפללים גרויסער געוואָרן. יידן, וואָס האָבן געשפּרייזט אַהין און צוריק, זענען שטיין געבליבן. זיי זענען געשטאַנען און געוואָרפן מיט די קעפּ און זיך געשאָקלט, ווי זיי זאָלן שטיין ביי אַ דזשיזשע און קנעטן. זייערע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט. פון מאָל צו מאָל האָבן איינצלנע ווערטער אַ הילך געטאָן. אַ ווייכע שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ ווערטער־געפּלעכט, וואָס פאַרשידענע שטימען האָבן זיי געזאָגט. דער טאָן פון זאָגן איז כסדר געשטיגן ווי איינער זאָל וועלן איבערשטייגן דעם אַנדערן: קח נא את בנך, וישכם אברהם, ויאמר אברהם, וישם אותו על המזבח, אל תשלח ידך, ויקרא מלאך ה׳ אל אברהם, וירש זרעך. אַ ווייכע שפּעטער האָט אַ דיק קול אַ צי געטאָן די ווערטער:

רבונו של עולם יהי רצון מלפניך — און עס האָט זיך דערהערט אַ פּאַטש פון צונויפגעקלאַפּטע הענט.

פּייוול האָט צוגעפּירט דעם זון ביזן טיש. דער לאַנגער שמאָלער טיש איז געשטאַנען דער טיר אַנטקעגן. אַרום דעם טיש איז געווען גרוימער. דער טיש איז געווען גרוי, די אַלטקייט איז געווען איינגעגעסן אין האָלץ. פון ביידע זייטן טיש זענען געזעסן יידן און געדאַוונט.

— גוט־שבת — האָט פּייוול שטיל אַ זאָג געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו די יידן, וואָס זענען געזעסן ביים טיש. פּייוול האָט לייכט אַ שטופּ געטאָן דעם זון און אים אָנגעוויזן דאָס אָרט.

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שפּיץ טיש אויבן אָן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און אַרויפגעלייגט דעם סידור אויפן טיש. פּייוול האָט זיך אויך אָנגעבויגן. ער האָט איבערגעשטרעקט די הענט, געעפנט דעם סידור און איבערגעמישט עטלעכע בלעטלעך.

— מה טובו אהליך — האָט דוד אַ זאָג געטאָן פונאַנדערציִענדיק די ווערטער. זיין דין קול האָט אַ הילך געטאָן.

דוד האָט זיך געשאָקלט איבערן סידור שנעל און לייכט אָבער נישט לויטן ריטעם פון די יידן, וואָס זענען געזעסן ביים טיש. זיינע ליפּן האָבן שנעל זיך באַוועגן ווי ער זאָל זיפּן די ווערטער, זיי שלינגען. די ווערטער זיינע האָט מען נישט געהערט, נאָר זייער קלאַנג.

פּייוול האָט פון דער זייט באַטראַכט דעם זון. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און זיך איינגעקוקט אין דער עדה מתפּללים. ער האָט געזען אַ המון קעפּ, וואָס האָבן זיך באַוועגן.

יידן מיט איבערגעהאָנגענע טליתים האָבן שפּאַצירט איבערן היכל. שפּרייזנדיק האָבן די יידן זיך געריבן די הענט, געגרענקט די פינגער. זייערע ליפּן האָבן זיך געטרייסלט.

דאָס געמורמל האָט זיך פאַרשטאַרקט, יידן האָבן זיך אונטערגעאיילט. איבערן בית המדרש האָט זיך געטראָגן דער רעש פון די געזאָגטע ווערטער. די ווערטער האָבן זיך צונויפגעגאָסן איבער די קעפּ פון די יידן. דער אָפּקלאַנג האָט דערגרייכט די סטעליע, זיך דאָרט אָנגעשלאָגן און אויסגעפילט דעם היכל.

די איינגאַנג־טיר האָט כסדר זיך געעפנט און צוגעמאַכט. נאָך און נאָך יידן זענען געקומען דאַווענען. יעדעס מאָל, ווען די טיר האָט זיך געעפנט,

האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראָם קעלט, וועלכן די פייכטע וואַרעמקייט האָט באַלד פאַרשלונגען.

דער עמוד איז געשטאַנען אַ ליידיקער. די קאַנטיקייט זיינע איז איצט געווען בולט. די אַלטע, איינגעגעסענע אין האָלץ גרויקייט איז געווען נאַקעט. די צוויי באַטריפטע מיט חלב לייכטער אויפן עמוד זענען געווען גרין פון אַלטקייט. זיי האָבן אויסגעזען, ווי צוויי זיילן, וואָס האַלטן אונטער דעם „שוויתי״.

דאָס בלויע סאַמעטענע פּרוכת אויפן אָרון־קודש האָט איצט אויסגעזען ווי עס זאָל זיין צונויפגעשטעלט פון צוויי פאַרבן. די אונטערשטע טייל איז געווען טונקעלער, די אויבערשטע טייל העלער. די צוויי אויסגעהאַפטענע אויפן פּרוכת גאָלדענע לייבן האָבן מיט זייערע אויסגעשטשערעטע ציין, ווי שטענדיק, געהיטן דעם מגן־דוד מיט דעם איינציקן איינגעהאַפטענעם וואָרט „ציון״. אָבער איצט האָבן די לייבן ווי געשמייכלט צו די מתפּללים.

פּסח שמש איז געשטאַנען אַן אַנגעלענטער מיט די עלנבויגנס אין בעלעמער. זיין רעכטער קורצער פוס איז געווען אונטערגעצויגן, ער זאָל זיין גלייך, דערפאַר האָט זיין לינקער אַקסל זיך אַראָפּגעלאָזט. די פאָדערשטע ציצות פון זיין טלית זענען געלעגן אויף דעם גרינעם סאַמעטענעם טישטעך פון בעלעמער. דער איבערגעוואָרפענער איבער זיינע אַקסלען געלבלעכער טלית איז געהאַנגען אויף זיין פּלייצע, ווי אַן אַנגעצויגענער פאָרהאַנג.

יעדע ווײַלע האָט די עדה מתפּללים זיך אַ וויג געטאָן, ווי איין ייד זאָל ווערן אַוועקשטופּן דעם אַנדערן. די יידן מיט זייערע פאַרוואָרפענע איבער די קעפּ און אַקסלען טליתים זענען געשטאַנען און געגאַנגען. זיי האָבן פאַרענדיקט דאַוונען פון פאַרנט. אַ געמיש פון קולות, ווי אַ נישט איינגעזונגענער כאָר, האָט פאַרהילכט דעם היכל. יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדער קול זיך אַרויסגעריסן. אַ דיקע האַלדז־שטימע האָט אַ זאָג געטאָן: עד שיבא הכתוב השלישי ויכריע ביניהם. ער האָט די ווערטער געזאָגט באַזונדער, ווי ער זאָל זיי אַוועקשטעלן. אַן אַלט הייזעריק קול האָט ווידער אַ זאָג געטאָן דעם זעלבן פּסוק, ווי ער זאָל צערוקן די ווערטער.

דער רעש האָט זיך איינגעשטעלט. די יידן, וואָס האָבן געשפּרייזט איבערן היכל, זענען געבליבן שטיין. דער מורמל איז כסדר שוואַכער געוואָרן. דאָ און דאָרט האָט אַ ייד זיך נאָך געשאָקלט, אָבער קיינער האָט שוין נישט געזאָגט הויך אויפן קול.

דער היכל איז געווען געפּראַפּט. די לופט איז כסדר געדיכטער געוואָרן. די וואַרעמקייט איז געווען אַדורכגענומען מיט דעם ריח פון שמות, טליתים און מלבושים. יעדע ווײַלע האָט נאָך אַ ייִד פאַרהאַלטן זײַן גאַנג. די מתּ־פּללים האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן עדה. די עדה האָט געוואַרט.

פּסח שמש איז געשטאַנען אויף איין פוס און מיט ביידע הענט זיך אָנגעהאַלטן אין בעלעמער. זײַן קאָפּ האָט זיך באַוויגן לאַנגזאַם, זײַנע אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געגנישטערט אין המון: ער האָט געזוכט דעם בעל־תּפילה.

אַ הויכער ייִד מיט אַן איבערגעוואָרפענעם איבער די אַקסלען טלית, מאָטע בלעכער, האָט זיך גערוקט צווישן המון. ער האָט געשטעלט די טריט, ווי ער זאָל מורא האָבן, זיך נישט געטרויט. ייִדן האָבן זיך אָפּגע־רוקט, געמאַכט אים וועג.

נישט ווײַט פון עמוד איז מאָטע שטיין געבליבן. זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אַרומגעקוקט. זײַן לאַנגע, שוואַרצע באָרד, וואָס איז געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע פּאָסן, איז אים אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ שוץ־פאַנצער. די ייִדן האָבן געוואַרט. מאָטע האָט איבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, און מיט קליינע לײַכטע טריט זיך צוגעשאַרט צום עמוד.

מאָטע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אין די פאָדערשטע צוויי עקן פון עמוד. ער האָט זיך פאַרבוקט, זײַן אויבערשטער טייל קערפּער האָט איבערגעדעקט דעם עמוד, שפּעטער האָט ער צוריק זיך אויסגעגליכן, אַ פאַרוואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויפן הינטן און אַ שריי געטאָן אַרויף: מזמור שיר חנכּת הבית לדוד. זײַן שטימע איז געווען דיק און ווייך.

— מזמור שיר חנכּת הבית — האָבן די ייִדן פריידיק אַ זאָג געטאָן. זיי זענען געווען צופרידן, וואָס זיי דאַוונען, בעטן גאָט בציבור. די עדה ייִדן האָט זיך געוויגט מיט התלהבות. דער מגע צווישן זייד און צייג — די מלבושים — האָט זיך געגלעט, ווי זאַנגען פון פעלד אין זומערווינט.

— הרינו מזמן את פּי להודות — האָט מאָטע שנעל געזאָגט. דאָס וואָרט „להודות" האָט ער ווי אַראָפּגעשלונגען — ברוך שאמר והיה העולם — ברוך הוא — האָט ער אויסגעשריגן, געוואָלט מען זאָל אים הערן.

— זכרו לעולם בריתו — האָט אַ הייזעריק קול זיך צעשריגן, אָנגעזאָגט.

די עדה יידן האָבן געדאַוונט, זיך געשאָקלט, ווער מיטן קאָפּ אין די אַקסלען און ווער מיטן גאַנצן גוף. דאָ, דאָרט, האָט אַ ייד אַ זאָג געטאָן אַ וואָרט־צוויי הויך.

אַ גרויסער קאָפּ, באַוואָקסן מיטן אַ לאַנגער מילכווייסער באָרד, האָט זיך גערוקט פאָרויס. ער איז געגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט. זיינע דיקע גרויע ברעמען זענען אַריבערגעהאַנגען איבער די אויגן. דער גרויסער ייד האָט מיט קליינע טריט זיך געטאָרעוועט אַ וועג צווישן המון. זיינע אויגן זענען געווען גלייזיק. ער האָט געזען נאָר דעם שאָטן פון דער שיין. ער איז געגאַנגען און געברומט, געדאַוונט. די צונויפגעדרענגטע פון דער צווייטער זייט בעלעמער יידן, האָבן זיך אָפּגערוקט, ווער אַ שריט פאָרויס און ווער אויף הינטערווייליעכץ, און אים אַדורכגעלאָזט. מיט אַ מאָל איז ער געבליבן שטיין. ער האָט דערזען אַ שאָטן. אַ פּלייצע פון אַ ייד האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. — לא תאנה אליך רעה — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיין לייבן־שטימע. דער ייד וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג, האָט זיך אָפּגערוקט. ונגע — האָט ער ווייטער אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל צושטעלן דאָס וואָרט צו די פריערדיקע ווערטער און ער איז געגאַנגען ווייטער. דער פאַרוואָרפענער איבער אים טלית האָט פאַרדעקט זיינע ברייטע אַקסלען. די אונטערשטע צוויי ציצות זיינע זענען געהאָנגען אויף זיין פּלייצע.

דער גרויסוויקסיקער ייד האָט זיך געשאַרט דורכן עולם מיט אויס־געשטרעקטע הענט. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט אומפאַלן. זיינע גלייזיקע אויגן זענען געווען שטאַר, זיינע דיקע ברייטע ליפּן האָבן פאַר־מעלעך געמורמלט.

צוויי יינגלעך, אין דער זעלבער גרייס כמעט, זענען אים נאָכגע־גאַנגען. יעדער פון זיי האָט זיך מיט צוויי פינגער אָנגעהאַלטן אין אַ שפּיץ ציצה פון זיין טלית, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין ברייטער פּלייצע.

איינער פון די צוויי יינגלעך האָט אַ זאָג געטאָן:

— צוויי גזלנים האָט ער אַליין געבונדן און זיי געברענגט אין שטאָט אַריין.

— ניין, דריי! — האָט דאָס צווייטע יינגל נישט מסכים געווען.

אַרום איז געוואָרן אַ געדראַנג. די יידן האָבן זיך אומגעקוקט אויף די צוויי יינגלעך.

— שקצים! — האָט אַ דאַרער ייד זיך צעשריגן אויף די ייִנגלעך. זיין טלית האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די אַקסלען.

— נו! נו! ניטע! אַך! אַך! — האָבן זיך דערהערט רופן פון המון אַרויס.

פּסח שמש איז געשטאַנען אָן אָנגעלענטער אויף זיין קורצן פוס. ער האָט אונטערגעצויגן דעם פוס, מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט אין ראַנד פונעם בעלעמער און מיט דער צווייטער געגעבן עטלעכע קלעפּ אין טיש אַריין.

— הללויה שירו לה׳ שיר חדש תהלתו בקהל חסידים — האָט דער בעל־תפילה אַ זאָג געטאָן מיט אַ העכערן טאָן. ער האָט פאַרשריגן דעם טומל. דער אָפּהילך פון שמשס קלעפּ האָט באַגלייט דעם בעל־תפילהס ווערטער.

די צוויי ייִנגלעך האָבן זיך אַראָפּגעבויגן ווי זיי זאָלן זיך ווען אַראָפּזעצן. זיי האָבן אַ לויף געטאָן אין דער זייט און פאַרשוווּנדן אין קהל.

דוד האָט אַרויפגעשטעלט די פיס אויף דער אונטערשטער לייסט פון טיש. מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין שפּיץ פון טיש, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער זיך אָנגעלענט אויפן אָפענעם סידור. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און ער איז שטיין געבליבן אויף די שפּיץ פינגער מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ. ער האָט נייגעריק אַ קוק געטאָן וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. פייוול האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן זונס אַקסל און אים צוריק אַוועקגעזעצט. ביידע, דער טאַטע און דער זון האָבן געדאַוונט ווייטער.

מאַטע דער בעל־תפילה האָט אָפּגעהוסט. ער האָט אַריבערגערוקט זיך דעם טלית איבערן קאָפּ. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז. די באָרד זיינע איז העגגען געבליבן איבערן עמוד און ער האָט אַ זאָג געטאָן אויפן קול: האל בתעצומות עוזך הגדול בכבוד שמך הגבור לנצח והנורא בנוראותיך — זיין קול איז געווען ווייך אָבער שטאַרק — המלך היושב על כסא רם ונשא.

דער בעל־תפילה האָט קוים באַוויזן ענדיקן און עטלעכע קולות פון המון אַרויס האָבן אַ זאָג געטאָן: שוכן עד מרום — זאָגנדיק די ווערטער זענען די ייִדנס קולות כסדר העכער געוואָרן.

— שוכן עד מרום וקדוש שמו — האָט דער בעל־תפילה אויסגערופן אויפן קול און מיט דער הילכיקייט איבערגעשטיגן די עטלעכע מתפללים.

מאַטעס דעם בעל תפילהס רוקן האָט זיך געטרייסלט איבערן עמוד. זיין קאָפּ האָט זיך געשאָקלט, ווי ער זאָל ציטערן, נאָר זיינע ליפּן האָבן שנעל געמורמלט — ובמקהלות רבבות עמך בית ישראל — האָט דער בעל־תפילה אויסגעשריגן און געדאַוונט ווייטער.

די עדה איז געשטאַנען און געוואַרט. די לופט אין היכל איז געווען געדיכט, זי איז געהאָנגען איבער די קעפּ פון דער עדה ווי אַ נעפּל. די גרויע טאָגליכט פון אַ ווינטערטאָג, וואָס האָט אַדורכגעשיינט דורך די מאַט־פאַרפרוירענע פענצטער־שויבן איז געפאַלן אויף די יידן, ווי שמאָלע אויסגעצויגענע שאָטנס. דער רעפלעקס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין די געקאַלכטע ווענט.

דער בעל־תפילה האָט צונויפגערוקט די פיס און זיך פאַרנייגט טיף. ער האָט זיך צוריק אויסגעגליכן און גענומען זאָגן: יתגדל ויתקדש שמה רבא. זיין קול איז געווען הילכיק אָבער דין. די יידנס פּנימער זענען געווען אָפּגעצויגן, זייערע אויגן זענען געווען שטאַר. זיי האָבן געקוקט, ווי זיי זאָלן בלאָנדזשען, כאָטש דעם קדיש האָט געזאָגט זייער שליח־ציבור און עס איז געווען שבת־קודש.

אין היכל איז געוואָרן שטיל. די יידן האָבן געוואַרט. מען האָט נאָר געהערט טריט פון שווערע שטיוול, וואָס האָבן געטרעטן אויפן אָרט. יידן האָבן איבערגעשטעלט אַ פוס. די יידן ביים טיש האָבן זיך אויפגעשטעלט.

דער בעל־תפילה האָט איבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, זיך איינגעבויקט און זיך צוריק אויסגעגליכן. זיין פּלייצע איז געבליבן אַן אויסגעבויגענע, ווי ער זאָל האָבן אויף זיך אַ משא. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַ זאָג געטאָן די מתפללים: ברכו את ה׳ המברך. די יידן האָבן זיך פאַרנייגט. דער בעל־תפילה און די עדה האָבן צוזאַמען געזאָגט: ברוך ה׳ המברך לעולם ועד.

דאָס מורמלען האָט פּאַמעלעך זיך אויסגעלאָזט, ווי אַ פלאַם, וואָס גייט אויס. די יידן האָבן ווייטער זיך געוויגט און געשאָקלט. דער אימפּעט האָט זיי באַוויגן. מיט אַ מאָל האָבן עטלעכע טיפע קולות אויסגעשריגן: ישראל באהבה. אויסגעשטרעקטע האַנט־פלאַכן האָבן זיך געפּאַטשט. די ווערטער האָבן כסדר זיך איבערגעחזרט. יעדע ווילע האָבן אַנדערע יידן פון המון אַרויס אויסגעשריגן די צוויי ווערטער. דער אָפּהילך פון די ווערטער האָט זיך געקאָלערט און זיך געדאָפּלט אין חלל, ווי קולות, וואָס

קומען פון ווייטנס. די יידן האָבן אויסגעדרייט די קעפּ, געקוקט צום בעל־תפילה. די וואַרעמע געדיכטקייט איז געלעגן איבער די קעפּ פון די מת־פללים. דער בלוי פון פּרוכת איז איצט געוואָרן איינהייטלעך העל.

מאָטע דער בעל־תפילה האָט פאַרשפּיצט די אַקסלען, נאָך מער אַרי־בערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, פאַרמאַכט די אויגן און אויסגערופן: שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד. דאָס לעצטע וואָרט פון פסוק „אחד״ האָט ער געצויגן אַזוי לאַנג ביז עס האָט אים אויסגעפעלט אָטעם.

ווייזילע, אַ נידעריקער דאַרער ייד, ווי די הויט זאָל זיין אָנגעצויגן אויף זיינע ביינער, האָט זיך אויפגעשטעלט.

ווייזילע האָט געהייסן וואָלף־זאב, אָבער די שטעטלדיקע האָבן אים גערופן מיטן צונאָמען „ווייזילע״ ווייל ער איז געווען דאַר. די ייִנגלעך אין שטעטל האָבן געהאַט אַ „פזמון״. „ווייזילע איז אַריינגעפאַלן אין דער ראָשטשינע, ווען? בלילה״. אַלע אין שטעטל האָבן געוווּסט די מעשה: אין איינער פון די נעכט האָט ווייזילע איינגעדרימלט ביי דער אַרבעט און ער איז אַריינגעפאַלן אין דער דזשיזשע טייג.

דער בעל־תפילה האָט זיך איבערגעבויגן איבערן עמוד. ער האָט זיך צוריק אויסגעגליכן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל לייענען אין אַן אָפענעם סידור און ער האָט אַ זאָג געטאָן: עזרת אבותינו אתה הוא מעולם מגן ומושיע.

— ולבניהם אחריהם בכל דור ודור — האָט ווייזילע שנעל געזאָגט ווייטער. ער האָט געוואָלט אַריינכאַפּן. מען האָט ווידער נאָר געהערט דעם סוף פון די ווערטער.

ווייזילע האָט יעדן שבת געברענגט חלות צו שלוש סעודות. אַן אורח פון אַ דאָרף, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אין שטעטל, האָט איבערגענעכ־טיקט ביי ווייזילען אויפן אויוון. פאַר טאָג האָט ווייזילע צוגעטראָגן דעם אורח דעם טלית און תפילין. ווייזילע האָט אויך אַריינגעטראָגן אַ לאַבן ברויט אין אַ שטוב, ווו עס איז געווען נויטיק.

ווייזילע האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל פון זיך אָפּטרייבן אַלע אַנדערע געדאַנקען. דער טלית האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט אויף די אַקסלען. זיין קנאָכיק דאַר פּנים מיט דער ווייס געקרייזלטער באָרד אַרום האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיין איינגעמעלט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַ זאָג געטאָן: אתה הוא ראשון ואתה הוא אחרון ומבלעדיך

אין לנו מלך גואל ומושיע. ווייזילע האָט דערפילט די שטילקייט אַרום זיך. ער האָט געעפנט די אויגן.

פסח שמש האָט הילכיק אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש פון בעלעמער. ער האָט אונטערגעהויבן זיינע קאַנטיקע אַקסלען. זיין קורצער פּנים איז הענגען געבליבן. ער האָט אַ קוק געטאָן פון דער זייט, ווי ער זאָל שיקלען. אים האָט איבערראַשט דער אָפּהילך פון זיין קלאַפּ אין טיש.

דער לאַנגער היכל איז געווען פול. דער קאַלך אויף די ווענט האָט געשימערט, איז געווען פייכטלעך. די לופט אין היכל איז געווען געדיכט, געהאָנגען איבער דער עדה מתפללים, ווי אַ וואָלקן. די שטילקייט אין היכל האָט געשוועבט, ווי זי זאָל זיך מיטשאָקלען מיט די דאַוונער. די מאַטע ליכטשטראַלן, וואָס זענען אַדורכגעדרונגען דורך די פאַרפרוירענע פענצטער־שויבן, האָבן באַשיינט די עדה מתפללים. די קעפּ פון די יידן זענען געווען העל אין דער שיין, טונקל אין שאָטן. דער סאַמעטבלוי פון פרוכת איז געווען איצט טונקל.

פון מאָל צו מאָל האָט אַ קול זיך אויפגעהויבן, איבערגעריסן די שטיל־קייט. די קולות זענען געווען פריש און האָפערדיק. המברך את עמו ישראל בשלום — האָט אַ דין קול זיך צעקלונגען. דער ייד האָט געציקלט די ווערטער. צוויי אויסגעאַרבעטע הענט האָבן אַראָפּגערוקט פון קאָפּ דעם טלית. דער ייד האָט אָפּגעאָטעמט.

פייוול האָט זיך אויסגערוקט. דער טלית האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט. ער האָט זיך צוריקגערוקט. ער האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און ער איז שטיין געבליבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון. דודס סידור איז געווען פאַרמאַכט. ער האָט געהאַלטן אַ פינגער צווישן די בלעטער. זיין קאָפּ איז געווען פאַרריסן. ער האָט געקוקט אין פענצטער אַריין.

די יידן זענען געשטאַנען און געוואַרט. זייערע גרויסע טרויעריקע אויגן זענען געווען רויק, זייערע אויסגעהאָרעוועטע, פאַרדאגהטע פּנימער — אויסגערוטע.

דער בעל־תפילה האָט טיפער זיך אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, און אָפּגעאָטעמט. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין עמוד, זיך פאַרנייגט און אַ זאָג געטאָן אויפן קול: אדני שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך.

יג

די העלקייט אין היכל איז געווען צוגעגרויט. די מאַטע ליכטשטראַלן, וואָס האָבן אַדורכגעשיינט דורך די פאַרפרוירענע פענצטער־שויבן, האָבן געבראָכן די ליכט. אינעם געמיש פון שיין און שאָטן זענען די קעפּ פון די יידן געווען העל, ווי באַלויכטן. די פענצטערשיין איז געפאַלן אויפן אָרון־קודש. דער הינטערגרונט פון דער שיין, וואָס איז געפאַלן אויף דער וואַנט, איז געווען שאָטנדיק. דער אָרון־קודש האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיך באַוועגן. די עקן פון פּרוכת האָבן זיך געוויגט. די געדיכטע, אָנגעדראָלטע לופט האָט אים באַוועגן. דער בלוי פון פּרוכת איז געווען אַ טיפער. די אויסגעשטשערעטע ציין פון די גילדענע לייבן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, זענען איצט געווען שאַרף.

עס האָבן זיך דערהערט שטילע טריט. שכנא, אַ נידעריקער, בייכיקער ייד אין אַ לאַנגער ייביצע ביז די קנאַכל, איז געגאַנגען צום־אָרון־קודש. שכנא האָט געהאַט קורצע הענט און קליינע פיס און ער האָט אויסגעזען, ווי אַ בעלכל, וואָס קוילערט זיך.

די יידן פון ביידע זייטן האָבן זיך אָפּגערוקט, אים אַדורכגעלאָזט. די עדה יידן האָט איצט אויסגעזען ווי צוויי מחנות.

דער איבערגעוואָרפענער טלית איבער שכנאס קאָפּ האָט אַראָפּגעהאָנגען פון אים. די ציצות האָבן זיך נאָכגעשלעפּט. זייז לאַנגע, ווייסע, שפּיציקע באָרד איז געווען געלבלעך ווי זי זאָל זיין פאַרזשאַווערט. אויף זיין שפּיץ נאָז זענען געזעסן אַ פּאָר שטאָלענע ברילן. איין זייט בריל איז געווען אָנגעבונדן ביים לינקן אויער מיט אַ שטריקל. די ברילן־שייבלעך זענען געווען אָפּגעריבן און מאַט און זיינע קליינע אייגלעך האָבן איבערגעקוקט איבער די ברילן. שכנא איז געווען דער איינציקער ייד אין קליינעם בית־המדרש, וואָס האָט געטראָגן אַ שטראָמל, אַ שטראָמל מיט שפּיצן. ער איז געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד און מלמד אין שטעטל. די אונטערוואָקסענע בחורים האָבן ביי אים געלערנט אַ בלאַט גמרא. שכנא איז געווען אַ למדן מופלג. געלערנט מיט די בחורים האָט ער אין גרויסן בית־המדרש, גע־דאַוונט האָט ער אין קליינעם בית־המדרש מיט „עמד". עפּענען דעם אָרון־קודש איז געווען זיין „חזקה".

מאַטע דער בעל־תפילה האָט אַרויסגענומען דעם קהלישן סידור און

אים אַרויפגעלייגט אויפן עמוד. ער האָט געעפנט דעם סידור און איבער־געמישט עטלעכע בלעטער.

שכנא איז שטיין געבליבן ביים ארון־קודש. ער האָט זיך אַריבערגע־רוקט דעם טלית איבערן קאָפּ, מיט די פינגער אַ וויש געטאָן דאָס פּרוכת און אויסגעקושט זיך די עקן פון די פינגער. ער האָט אַוועקגערוקט דאָס פּרוכת.

— ויהי בנסע הארן — האָט מאָטע אויסגעשריגן. שכנא האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט די צוויי טירן פון ארון־קודש פון הינטן ביים ראַנד און זיי אויפגעפּראַלט.

— ויהי בנסע הארן — האָבן די יידן אונטערגעכאַפּט די ווערטער און זיך צעוויגט ווי זיי זאָלן זיך בוקן איבער אַ קעגנשטאַנד. זיי האָבן זיך איינגעבויגן און צוריק אויסגעגליכן. זיי האָבן צוזאַמען מיטן בעל־תפילה געזאָגט: ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדשתו. דער ווידערקול פון די ווערטער האָט זיך געטראָגן אין אָפענעם ארון־קודש אַריין.

שכנא האָט זיך אָנגעבויגן, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין ארון־קודש. די שאָטנדיקייט דאָרט איז אים אַנטקעגן געקומען, ווי פון אַ ווייטער טיפקייט אַרויס. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. זיינע ליפּן זענען צוגעפּאַלן צום ערשטן אין דער רייע „ספר". ער האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען און אַרויסגענומען דאָס „ספר", עס צוגעדריקט צו דער ברוסט. דאָס „ספר" איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, סאַמעטן מענטעלע. די שוואַרצ־קייט איז פון אַלטקייט געווען שוין גרוי. אויף דעם מענטעלע איז מיט גאָלדענעם פאָדעם געווען אויסגעהאָפטן אַ „מגן־דוד" און אין אים — דער שם המפורש. דאָס „ספר" האָט אַריבערגעשטאַרט איבער שכנאן, זיינע אַקסלען. ער האָט זיך אויסגעגליכן און מיטן טלית אַרומגעהילט דאָס „ספר". ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און גענומען גיין, זיינע ליפּן האָבן געמורמלט. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן אַ וואָרט הויך מיט זיין הייזעריקער שטימע, ווי ער זאָל ברומען.

די עדה מתפללים האָט זיך געשאָקלט, זייערע קעפּ זענען געווען פאַרריסן. זייערע צעגליטע אויגן האָבן געזען, ווי די לויים טראָגן דעם ארון־קודש, ווי דער עמוד־האש פון פאָרנט און דער עמוד־הענן פון הינטן באַגלייטן אים, ווי די גרויסע, גלי‍ענדיקע מדבר איז אָפּגערייניקט און די גאַנצע וועלט איז דער וועג.

די איינגאַנגס־טיר האָט זיך געעפנט. אַ קעלט פון דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן און זיך אויסגעמישט אין דער אָנגעהיצטער בית־המדרש־לופט. יענקל איז איצט אָנגעקומען. יענקל, דער יידישער פעלדשער, האָט געטראָגן לאַנגע, שוואַרצע געשטרייפטע הויזן, געשנירטע שיך און געטרעס איבער זיי. זיין שוואַרצער פאַלטן מיטן פוטערנעם קאָלנער איז געווען אויף אים אויסגעפּאַסט און זיין שוואַרצער פלושענער קאַפּעלוש האָט געהאַט אַ קנייטש אין דער מיט.

— בריך שמה דמרא עלמא בריך כתרך ואתרך — האָט דער בעל־תפילה אַ זאָג געטאָן, אַריינקוקנדיק אין סידור. — בריך שמה דמרא — האָבן די יידן אים נאָכגעזאָגט.

שכנא איז געגאַנגען מיטן „ספר". זיינע קליינע טריט זענען איצט געווען אויסגעצויגן, מאַיעסטאַטיש. די מתפללים האָבן זיך אָפּגערוקט, געמאַכט אַ וועג דעם „ספר". שכנאס אויגן זענען געווען צו. לויט דער גרוימקייט אַרום זיך האָט שכנא געפילט ווי ער דאַרף גיין. יידן האָבן זיך אָנגעבויגן. יעדער פון זיי האָט מיט אַ ציצה פון טלית אַ גלעט געטאָן דאָס „ספר" און מיט די ליפּן געקושט די ציצה. פון מאָל צו מאָל איז געוואָרן אַ געדראַנג אַרום דעם „ספר". אויסגעשטרעקטע איבער אַקסלען הענט, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, וואָס האָבן געהאַלטן אַ ציצה פון טלית, האָבן פון וווייטנס אַ גלעט געטאָן דאָס „ספר".

יענקל האָט איילּיק אַרויסגענומען פון טאַש אַ שוואַרץ זיידן טלית־זעקעלע. ער האָט אַרויסגענומען דעם טלית, דאָס זעקעלע האָט ער צוריק אַריינגעשטופּט אין טאַש אַריין. ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט דעם טלית און אים אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען. ער האָט געמאַכט די ברכה. זיין טלית איז געווען שמאָל, קורץ און איבערגעשטרייפט מיט שמאָלע, בלויע שטרייפן. דער טלית האָט געהאַט אַ שמאָלע זילבערנע „שפּאַניע". די יידן אין שטעטל האָבן דעם טלית גערופן דער „פּראַסישער" טלית.

יענקלס ליפּן האָבן מיטגעזאָגט מיטן דעם עולם. די פּאָר שטופּלען אויף זיין פּנים זענען געווען גרין. זיין גלאַט און ברייט פּנים איז געווען נאַקעט, נאָר די האָר פון זיינע שוואַרצע, דיקע ברעמען זענען געווען שטייף.

די צונויפגעדרענגטע עדה האָט זיך פונאַנדערגערוקט. די אָנגעדראָלטע וואַרעמקייט איז כסדר שיטערער געוואָרן, זיך געקילט. יידן האָבן זיך געצויגן די בערד, זיך איינגעריבן די הענט. אַקסלען האָבן זיך אויסגע־

שפּיצט און אַראָפּגעלאָזט, קעפּ האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַקסלען. די מתפּללים האָבן גערוט נאָכן „שחרית״, זײ האָבן גערוט און געוואַרט.

מאָטעַ דער בעל־תּפילה האָט אויסגעגליכן זײַן רוקן. ער איז ווי אויסגעוואַקסן. ער האָט אַ קוש געטאָן דעם סידור, מיט בײדע הענט אָנגענומען די פּאָלעס פון טלית און זײ אַריבערגעלײגט איבער די אַקסלען. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון עמוד און אָפּגעזיפצט.

— שכח! שכח! (יישר כח) — האָבן עטלעכע אויסגעשטרעקטע קעפּ אַריבערגעשריגן צו מאָטען דעם בעל־תּפילה. אײנער האָט איבערגעשריגן דעם אַנדערן.

יעקב חזן איז אַרויף אויפן בעלעמער אַ געבוקטער, צוהאַלטנדיק זיך די פּאָלעס פון טלית, ווי ער זאָל טראָגן אויף זיך אַ משא. בײדע, ער און שכנא, האָבן גענומען זיך מתעסק זײַן מיטן „ספר״ אויפן טיש. דעם חזנס אויסגעצויגענע געשטאַלט האָט איבערגעשטאַרט איבער שכנאס נידעריקער דיקלעכער געשטאַלט.

פּסח שמש, מיטן פאַרוואָרפענעם איבער זיך טלית, ווי ער זאָל זיך אין אים האָבן אײַנגעבאַבלט דעם האַלדז, האָט געהינקט איבער די שטיגן, ער איז אַראָפּ פון בעלעמער.

יענקל פעלדשער איז געגאַנגען ווײַטער אין המון אַרײַן. יידן האָבן אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַוועקגערוקט, אים געמאַכט אַ וועג. יענקל איז געווען אַ שטעטלדיקער „רופא״, זײַן פאָטער, װעלװעלע פעלדשער, האָט שוין געשטעלט „פּיאַווקעס״ און „באַנקעס״ בײַ קראַנקע יידן. אין אַן עת־צרה, אַז עס איז װער אין אַ משפּחה שלאָף געוואָרן, האָט מען זיך געוואָנדן צו יענקל פעלדשער. יענקל האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן און צו אַלע געשמײכלט. ער איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט בײַם שפּיץ פון טיש, דאָרט וווּ פּיוול איז געשטאַנען. דוד, דערזעענדיק יענקלען, האָט זיך אָפּגערוקט און אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער. דעם ייִנגלס אויגן זענען געווען אויפגעריסן, פול מורא.

דער חזן פון איין זײַט, שכנא פון דער אַנדערער זײַט, זענען געשטאַנען זיך אַנטקעגן. זײ האָבן געהאַלטן אין די הענט די עצי־חיים און איבערגעוויקלט דאָס „ספר״.

דער חזן האָט לײַכט זיך געשאָקלט איבערן „ספר״. די יידן זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. יעדער פון זײ האָט געוואַרט אויף אַן „עליה״. זײ האָבן זיך געשעמט קוקן אײנער דעם אַנדערן אין די אויגן.

געוועז יידן, וואָס האָבן פון אויפרעגונג איבערגעקליבן אַ ציצה פון טלית, אַנדערע האָבן זיך געריבן די שטערנס, ווי יעדער פון זיי זאָל זיך וועלן עפּעס דערמאָנען.

דער חזן איבער „ספר״ האָט מיט אַ ציצה פון טלית צוגעהאַלטן דאָס אָרט אין „ספר״, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה פון דער וואָך. זיין ברייטער שטערן איז געווען צעקנייטשט.

שכנא איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און געקוקט אין המון אַריין.

— יעמוד, ר׳ אשר בן אפרים — האָט שכנא אויסגערופן, צעצויגן דעם יידס נאָמען. דער עולם האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אין היכל איז געוואָרן שטיל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט די אָנגעשטרענגטע שטילקייט אָפּגעלאָזט. די עדה יידן האָט זיך אַ וויג געטאָן.

אַ גרויסער קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די טיפע ווי אַרייַנגע־דריקטע אויגן אונטער זיינע בולטע באַקן־ביינער האָבן דערשטוינט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך נישט געגלויבט, אַז שכנא מיינט אים. אשר האָט אַ שטופּ געטאָן אַן אַקסל פאָרויס און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. די יידן האָבן זיך אָפּגערוקט.

אשר האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער באַריערע פון בעלעמער, אַריבער־געשטעלט אַ פוס אויף דער לעצטער טרעפּ. ער האָט איבערגעשפּרייזט אַלע טרעפּ און ער איז ווי צוגעפאַלן צום „ספר״. ער האָט איבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ און אָנגענומען מיט די פינגער אַ ציצה פון טלית. דער חזן האָט אַראָפּגענומען זיין ציצה פון „ספר״. אשר האָט מיט זיין ציצה אַ גלעט געטאָן דאָס אָרט אין „ספר״. ער האָט זיך אויסגעגליכן, פאַרמאַכט די אויגן און אַ זאָג געטאָן — ברכו את ה׳ המבורך — ער האָט יעדעס וואָרט געזאָגט באַזונדער און פאַמעלעך.

— ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד — האָט די עדה יידן אים געענטפערט.

דער חזן האָט זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר״, פאַרזשמורעט די אויגן און גענומען לייענען: — וישמע יתרו כהן מדין חותן משה. — זיין היציגע געשטאַלט איז געווען געבויגן אין צווייען. ער האָט זיך געשאָקלט, ווי ער זאָל גיין אַהין און צוריק, זיין אויסגעשטרעקטער קאָפּ איז איבער־געהאַנגען איבערן „ספר״.

אשר, דער הויכער ברייטביייניקער ייד איז געשטאַנען שטייף, ווי ער זאָל זיך מורא האָבן אַ ריר טאָן. זיינע גרויסע אויגן זענען נאָכגעגאַנגען

נאָך די ווערטער אין „ספר״, וואָס דער חזן — בעל־קורא האָט געלייענט.
די עדה יידן האָט געהאָרכט. זייערע פנימער זענען געווען גוטמוטיק. אַ לייכטער קוים מערקבאַרער שמייכל איז געווען פונאַנדערגעצויגן איבער זייערע פנימער. יעדער פון די יידן איז געווען איצט אויסגעטאָן פון זיינע וואָכעדיקע דאגות. אַלע זענען זיי געווען אין דער ווייטער מדבר צוזאַמען מיט דעם גרויסן שטאַרקן משה, וואָס איז געווען באַוויליקט ביי זייער גאָט. משה האָט באַפרייט זייער פאָלק ישראל און זיי האָבן זיך געפרייט, אַז יתרו איז געקומען צו משהן און געבראַכט זיין משפחה. זיי זעען ווי משה דערציילט אים גאָטס גבורה און יתרו איז געפלעפט פון די וונדער פון יידישן גאָט. די יידן זענען געווען אַזוי מיטגענומען מיט די געשעענישן, ווי דאָס אַלץ זאָל האָבן איצט פאַסירט מיט זיי.
אשר האָט מיטביידע הענט אָנגענומען די עצי־חיים פון „ספר״, פאַר־מאַכט די אויגן און אַן אויסגעצויגענער אַ זאָג געטאָן: ברוך אתה ה׳ נותן התורה. — ער האָט געעפנט די אויגן און אָנגעקוקט שכנאן. זיינע אויגן האָבן געגליט און זענען געווען ווייך, ער האָט אים געדאַנקט.
שכנא האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט די הענט אין בעלעמער ווי ער זאָל זיך אויף אים אָנלענען און ער האָט געקוקט אויף דעם עולם. ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און ער האָט אויסגערופן:
— יעמוד, ר׳ פייוול־שרגא בן מאיר.
פייוולס אָקסלען זענען געוואָרן שפּיציק. ער האָט אַ ציטער געטאָן, ווי ער זאָל אָפּשפּרונגען אין אַ זייט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, זיין פנים איז געווען ערנסט. די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים, האָבן זיך אָפּגערוקט.
פייוול איז געבליבן ווי אַליין. מיט איין האַנט האָט ער צונויפגענומען די ראַנד פון דעם אַראָפּהענגענדיקן טלית, מיט דער צווייטער האַנט אָנ־גענומען דעם זון ביי דער האַנט און אים אַ צי געטאָן נאָך זיך. פייוול האָט געשטעלט גרויסע טריט, זיך געאיילט. דאָס יינגל איז אים נאָכגע־גאַנגען.
פייוול איז געבליבן שטיין פאַרן „ספר״. דער טלית האָט אים פאַרשטעלט דאָס פנים. ער האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ דעם טלית און מיט דער לינקער האַנט איבערגעדעקט דעם זון.
דאָס יינגל, דערפילנדיק דעם פאָטערס האַנט אויף זיך, האָט פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויפן פאָטער. פייוול האָט מיט אַ ציצה

פון דער רעכטער זייט טלית אַ גלעט געטאָן דאָס אָרט אין „ספר", ווּ עס הייבט זיך אָן „שני". ער האָט זיך צעוויגט און געמאַכט אַ ברכה. דוד האָט שטיל אים נאָכגעזאָגט. ווי נאָר זיי האָבן געענדיקט די ברכה, האָט דער בעל־קורא גענומען לייענען.

— ויהי ממחרת וישב משה לשפט את העם — דער בעל־קורא האָט געלייענט און זיך געוויגט איבערן „ספר". פייוול האָט זיך מיטגעשאָקלט מיטן בעל־קורא. ער האָט מיט די אויגן געלייענט די ווערטער.

פייוול האָט זיך אָפּגעבויגן אויף הינטערווייליעכץ, צוריק זיך אויס־געגליכן, פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט די ברכה.

— יעמוד, יוסף בן ירוחם — האָט שכנא מכריז געווען.

אַ דאַרער ייד, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווי ער זאָל וועלן אַדורכ־שווימען דורכן המון. פייוול האָט אַ שליידער געטאָן מיטן קאָפּ. דער טלית האָט זיך אים אַראָפּגערוקט אויף די אַקסלען. דוד איז אָפּערגעקראָכן פון אונטערן טלית. זיינע קליינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך איינגעקוקט אין פּאָטער. פייוול האָט צונויפגענומען די צוויי פאָדערשטע ציצות פון טלית און זיך אין זיי איינגעקוקט. ער האָט נישט געוואַגט קוקן די יידן אין די אויגן.

יוסף האָט זיך געאיילט, ער האָט אָבער געשטעלט קליינע טריט. אַז ער איז ארויפגעקומען אויפן בעלעמער, האָט ער פאַרמאַכט דאָס מויל און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. פייוול האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. פייוול מיטן זון זענען אַראָפּ פון בעלעמער.

יוסף האָט זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר". זיינע ליפּן האָבן כמעט דערגרייכט די אותיות אויף דער יריעה. די שוואַרצע אותיות אויפן פאַרגעלטן פאַרמעט האָבן אים אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. ער האָט זיך אויסגעגליכן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט די ברכה. די הענט זיינע זענען געווען אַראָפּגעלאָזט.

— וישלח משה את חתנו וילך לו אל ארצו — האָט דער בעל־קורא פאַרענדיקט מיט אַן אויסגעצויגן קול. דער בעל־קורא האָט זיך אויסגע־גליכן. די עדה האָט זיך לייכט אַ וויג געטאָן, ווי אַ ווינט זאָל האָבן איבער זיי איבערגעגאַנגען. זיי איז גרינגער געוואָרן. זיי זענען געווען צופרידן וואָס משה האָט אָוועקגעשיקט יתרון.

— יעמוד, ר' עקיבא־צבי בן מתתיהו.

אַ ווײַלע איז די שטילקייט אין היכל ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן. ייִדן האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. קיינער האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— נו! נו! — האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען פֿון המון אַרויס, וואָס האָבן גערופֿן — האַרש־קיבא!

האַרש־קיבא האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי מען זאָל אים האָבן איבערגעוועקט. ער האָט מיט בײדע הענט צונויפֿגענומען זײַן צעלאָזטן טלית און אײליק זיך אַדורכגעשטופּט דורכן עולם. ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז שכנא האָט אים אויפֿגערופֿן. אין שטעטל האָט מען אים גערופֿן האַרש־קיבא דער בעל־עגלה. ער האָט געפֿירט די פּאַסאַזשירן אין שטעטל צו דער באַן, געווען דער אײנציקער בעל־עגלה, וואָס האָט גע־דאַוונט אין דעם קלײנעם בית־המדרש און נישט מיט די בהמה־הענדלער אין זייער שטיבל. האַרש־קיבא האָט זיך געשטופּט דורכן עולם. די ייִדן האָבן געמאַכט אים אַ וועג. אויך פּייוול איז שטיין געבליבן נישט ווײַט פֿון בעלעמער, געמאַכט האַרש־קיבאן אַ וועג.

דוד האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאָטער. אײנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער זאָל אים אַרײַנלאָזן צווישן די אַקסלען, דער פֿאָטער זאָל אים נישט מערקן. דוד האָט אַ שפּרונג געטאָן און ער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן צווישן עולם. פּייוול האָט יאָ געזען, אַז דער זון לויפֿט אַרויס, אָבער אים נישט גערופֿן. ער אַליין איז אַוועק אויף זײַן אָרט, וווּ ער איז געשטאַנען.

האַרש־קיבא איז אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן בעלעמער אַ געבוקטער, ווי ער זאָל זיך נאָך וועמען יאָגן. ער איז געבליבן שטיין אין מיטן בעלעמער. ער האָט אָנגעצויגן אויף זיך די שוואַרצע טוכענע געהאַקטע איביצע, מיט די גראָבע פֿינגער זיך אויסגעריבן די אויגן און אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ.

דער בעל־קורא האָט זיך צוגערוקט צום טיש און זיך איבערגעבויגן. זײַן אויבערשטער טייל קערפּער איז ווי הענגען געבליבן איבערן „ספר״. ער האָט אָנגענומען דעם טלית און מיט אים אַ וויש געטאָן די יריעה פֿון „ספר״: בחדש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים — האָט ער געלייענט און געקנייטשט זײַן שטערן.

די עדה ייִדן האָט זיך אַ וויג געטאָן, איבערגעשטעלט די פֿיס, ווי זיי

זאָלן זיך לאָזן גיין. זיי האָבן צוזאַמען מיט דעם בעל־קורא שפּאַצירט אין דער מדבר, זיי זענען מיט אים געגאַנגען אַרום דעם באַרג „סיני״.

האַרש־קיבא איז געשטאַנען ביים „ספר״ מיט פאַרלייגטע הענט, די פיס צונויפגערוקט און זיך נישט גערירט. זיינע קליינע אייגעלעך זענען געווען אָנגעשפּיצט און זיי זענען געגאַנגען אַהין און צוריק איבער די אותיות פון דער שורה. ער האָט, חלילה, נישט פאַרפעלט אַ וואָרט.

שכנא האָט אַרויפגעלייגטביידע האַנטפלאַכן אויפן טיש־בעלעמער און אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף די הענט. ער איז געווען צו נידעריק ער זאָל זיך קענען אָנלענען אויפן טיש. איצט האָט ער נישט געדאַרפט זוכן וועמען אויפרופן, ער האָט געהאַט גרייט אַ בעל־עליה.

שכנא האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהין, וווּ עס איז געשטאַנען דער ייד, וואָס ער האָט געוואָלט אויפרופן:

— יעמוד — ער האָט דאָס וואָרט אַ זאָג געטאָן מיט איין אָטעם: — ר׳ דב־בער בן מרדכי — האָט ער מכריז געווען. די יידן הינטערן בעלעמער האָבן אייליק זיך פונאַנדערגערוקט.

די עדה יידן האָט שטיל אָפּגעאָטעמט. יעדער באַזונדער האָט דאָך געוואַרט — אפשר רופט שכנא אים אויף. די יידן האָבן זיך איינגעקוקט אין דב־בערן. אַלע אין שטעטל האָבן אים געקענט.

דב־בער האָט געוווינט מיט יעקב חזן דעם בעל־קורא אין איין כאַטע. ער מיט זיין ווייב און זיינע דריי טעכטער האָבן געניצט העמדער. זיינע צוויי זין זענען מיט די העמדער געפאָרן איבער די מערק.

ביידע שכנים האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. זיי זענען דאָך געשטאַנען ביים אָפּענעם „ספר״. דב־בער האָט אויסגעשטרעקט אַ פוס און זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר״.

צווישן אויוון און דעם בעלעמער פון דער צווייטער זייט זענען געשטאַנען צוויי יידן. ביידע האָבן אַריינגעקוקט אין חומש, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געהאַלטן.

— דב־בער האָט דערהאַלטן פון זון אין עציסראָל (ארץ־ישראל) אַ בריוו — האָט דער ייד וואָס איז געשטאַנען אין דער לינקער זייט אַ זאָג געטאָן שטיל. דער ייד האָט געקוקט ווייטער אין חומש אַריין.

די יידן אַרום זיי האָבן זיך שטיל צוגערוקט צו זיי. זיי האָבן אַרומגערינגלט די צוויי יידן. זיי האָבן אויסגעבויגן די קעפּ. יעדער פון זיי האָט אונטערגעשטעלט אַן אויער.

— דער קרן־קימת האָט אים געגעבן ערד. ער איז געוואָרן אַ פויער — האָט דער ייד נאָך שטילער אַ זאָג געטאָן און ווייטער געקוקט אין חומש אַריין.

די יידן זענען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער. זייערע אויפגעריסענע אויגן האָבן געגלאַנצט. זייער בליק איז געווען שטאַר אָבער ווייך. פאַר די אויגן איז געשטאַנען זייער לאַנד „זבת חלב ודבש״.

— והיו נכונים ליום השלישי כי ביום השלישי ירד ה׳ לעיני כל העם על הר סיני — האָט דער בעל־קורא געלייענט. ער האָט געצויגן די ווערטער, אָבער יעדעס וואָרט האָט ער געזאָגט באַזונדער.

די עדה האָט איינגעהאַלטן דעם אימפעט. די יידן זענען געשטאַנען מיט אויסגעגלאַנצטע אויגן. איינער האָט אָנגעקוקט דעם אַנדערן אומבאַהאָלפן. זיי האָבן געהערט און געזען דעם מעמד.

דער בעל־קורא האָט זיך אָפגעריסן פון „ספר״, אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און געלייענט: והר סיני עשן כלו. זיין קול האָט געציטערט. אַ דיקער אָדער איז געווען איינגעצויגן אויף זיין האַלדז.

די עדה יידן האָט זיך צונויפגעדרענגט, ווי זיי זאָלן האָבן שטיין געבליבן אונטערן באַרג. זיי האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער און פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

דב־בער האָט אַ קרעכץ געטאָן פון הנאה. ער האָט אַריבערגעקוקט איבערן בעלעמער אַריבער. זיין לינק אויג, וואָס האָט געשיקלט, האָט איצט ווי געלאַכט צו די יידן וואָס זענען דאָרט געשטאַנען. ער האָט זיך אָנגעבויגן און מיט אַ ציצה פון טלית אַ גלעט געטאָן די יריעה פון „ספר״, די ציצה צוגעלייגט זיך צו די ליפן, זיך נישט פאַרגונען אַ קוש טאָן דאָס „ספר״. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און פאַרריסן דעם קאָפּ. זיין שוואַרצע פאַרקנוילטע באָרד איז הענגען געבליבן איבערן „ספר״. ער האָט געמאַכט די ברכה.

די עדה יידן האָט זיך אַנטשפאַנט. זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט. דער רוב מתפללים האָבן געוווסט, אַז „ששי״ וועלן זיי נישט קריגן. דאַקעגן די מיוחסדיקע יידן זענען איצט געווען אָנגעשטרענגט. עטלעכע יידן, וואָס זענען געזעסן ביים צווייטן טיש, האָבן אונטערגעהוסט.

שכנא האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אין טיש פון בעלעמער און געקוקט אַראָפּ, אָבער ער האָט די יידן געזען און געהערט.

— יעמוד — האָט ער פריילעך אויסגערופן. אַ מלבושים־שאָרך האָט

זיך איבערגעטראָגן איבערן היכל. די עדה יידן האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם — ר׳ דב הנחתום בן יעקב — האָט שכנא אויסגערופן. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, ווי ער זאָל זיך רייצן מיט די יידן.

אַלע מוסקולן אין וויזילעס קנאָכיק פּנים האָבן אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און אַריבערגעצויגן זיך איבער די אויגן דעם טלית. ער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים, מען זאָל אים נישט זען און איילִיק זיך אַ לאָז געטאָן צום בעלעמער.

די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אים אין וועג, האָבן זיך אָפּגערוקט. זיי האָבן אים נאָכגעקוקט און געשמייכלט.

די יידן, וואָס האָבן געוואַרט אויף „ששי״, האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און זיך איינגעקאָרטשעט. פון דרויסן, פון הינטער דער וואַנט, האָט זיך דערהערט אַ גערודער. יידן האָבן פאַרריסן די קעפּ. די פענצטער זענען געווען הויך, די שויבן פאַרפרוירן.

זלמן גאַרבער, אַ הויכער ברייטביייניקער ייד האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ צו אַ פענצטער־ווינקל, געהויכט איבער דער שויב און דערנאָך מיט די פינגער אָפּגעווישט דאָס שטיקל שויב. זיינע נעגל זענען געווען רויט פון צעווייקטן דאַמב.

די יינגלעך אין דרויסן האָבן אויסגעגענדיקט דעם שניי־גולם.

פייוול האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, פאַרריסן דעם קאָפּ און אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ פון פאַרדרוס. ער האָט געזען, ווי די יינגלעך האָבן געגעבן דעם גולם אַ דראַנג אין האַנט אַריין.

וויזילע האָט אָנגענומען און אַרויפגעלייגט אַ שטיקל טלית אויפן „ספר״, דערנאָך דאָס שטיקל טלית זיך צוגעטראָגן צו די ליפּן. זיינע אויסגע־אַרבעטע הענט האָבן אָנגענומען די עצי־חיים. ער האָט זיך פונאַנדער־געוויגט און געמאַכט די ברכה. ער האָט געזאָגט וואָרט נאָך וואָרט, אָבער די ווערטער זענען אַרויס פון זיין מויל נישט דייטלעך.

יעקב דער בעל־קורא האָט זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר״, ווי ער זאָל אַריבערקוקן איבער וויזילען און ער האָט גענומען לייענען — וירד ה׳ על הר סיני אל ראש ההר ויקרא ה׳ למשה — זיין קול איז געווען שטאַרק און לויטער.

צווישן אויוון און דער ספרים־שאַנק איז געשטאַנען אַ קרענצל יידן. אַלע זענען זיי געווען איינגעהילט אין טליתים. די טליתים זענען געווען איבערגעוואָרפן איבער זיי לויט יעדנס פאַנטאַזיע. ביי איינעם איז דער

טלית געווען אַרומגעהילט ווי אַ טאָגע, ביי אַ צווייטן איז דער טלית געהאָנגען איבער די אַקסלען, ווי ער זאָל זיין אין אים איינגעהילט. עס זענען אויך געווען יידן, וואָס דער טלית זייערער איז אַרומגעוויקלט איבער אַ קאָפּ, ווי אַ קאַפּטיכל. די ציצות פון דעם טלית זענען געהאָנגען איבער דער פּלייצע.

— מען זאָגט, אַז דער נייער קאָמענדאַנט איז נישט פון די ערגסטע — האָט אַ ייד מיט אַן איבערגעהאָנגענעם טלית, ווי אַ טוך, אַ זאָג געטאָן.

— ווּעמען גייט עס אָן! — האָט דער הויכער ברייטבייניקער ייד, וואָס איז געשטאַנען אַן אָנגעלענטער מיט דער האַנט אין דער ספרים־שאַנק, אים אָפּגעענטפערט.

— ער קען אָנטאָן צרות — האָט אַ ייד מיט אַן איבערגעוואָרפענעם טלית איבערן קאָפּ אים געענטפערט.

— עשיו — האָט נאָך אַ מאָל אַ זאָג געטאָן דער הויכער ייד, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט מיט דער האַנט אין דער ספרים־שאַנק.

— אנכי ה׳ אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים — האָט דער בעל־קורא געלייענט, ווי ער זאָל זיך שפּילן מיט די ווערטער. דעם בעל־קוראס קאָפּ איז געווען פאַרוואָרפן אין אַ זייט.

די יידן אינעם קרענצל האָבן זיך אַ וויג געטאָן. יעדער פון זיי האָט אייליק אויף זיך פאַרראַכטן דעם טלית. די יידן זענען שטיל געבליבן, יעדער האָט אונטערגעשטעלט אַן אויער און געהאָרכט די ווערטער, וואָס דער בעל־קורא האָט געלייענט.

דער בעל־קורא האָט זיך אַ וויג געטאָן און זיך אויסגעגליכן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און געלייענט ווייטער: זכור את יום השבת לקדשו.

וויזילע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר", פאַרמאַכט די אויגן און געזאָגט די ברכה. די ווערטער פון דער ברכה זענען געווען צונויפגעגאָסן, נישט דייטלעך, ווי ער זאָל קייען די וואָנצע. ער האָט געהאַט שמאָלע, נידעריקע, ווי צוגעפיילטע, ציין.

שכנא האָט געקוקט אויף וויזילעס אויסגעאַרבעטע הענט, וואָס האָבן נישט אָפּגעלאָזט די עצי־חיים. אויך איצט האָט שכנא נישט געזוכט ווּעמען אויפצורופן צו דער „תורה". ער האָט געהאַט אַ בעל־עליה.

די יידן, וואָס האָבן זיך פריער באַמיט שכנא זאָל זיי אויפרופן צו „ששי", האָבן זיך איצטער די מי געגעבן דער עולם זאָל אויף זיי נישט

לייגן קיין אַכט. די יידן, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, האָבן אַראָפּגע־לאָזט די קעפּ נאָך טיפער, זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און אַריבער־געקוקט איבער אים, ווי זיי זאָלן וועמען אויסקוקן.

עטלעכע פון די יידן האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און גע־שאָקלט מיט די קעפּ ווי זיי זאָלן ממשיך זיין. די מתפללים זענען גע־שטאַנען און געקוקט. געווען יידן, וואָס האָבן אַראָפּגערוקט זיך די טלי־תים פון די קעפּ: זיי זענען געווען נייגעריק זען ווי עס האַלט מיט דעם „שביעי״.

ערשט איצט האָט ווײַזילע אָפּגעלאָזט די עצי־חיים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די יידן, ווי ער זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט.

שכנא האָט אַרויפגעלייגט די לינקע האַנט אויפן טיש פון בעלעמער און ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן. יעקב דער בעל־קורא האָט זיך איבערגעבויגן, ווי ער זאָל קוקן שכנאן אין מויל אַריין, און ער האָט זיך אָפּגעצויגן די באָרד.

— י־ע־מ־ו־ד ר׳ מנחם בן משה הכהן — האָט שכנא מכריז געווען. זיין הייזעריק קול איז געווען ווייך און גרילציק.

אַ דאַרע, פאַרהילטע אין אַ טלית געשטאַלט, אין ווינקל רעכטס, האָט זיך אויסגעדרייט. דער ייד האָט גענומען זיך שפּאַרן דורכן עולם.

מיט די הענט האָט ער זיך צוגעהאַלטן דעם טלית, ווי ער זאָל זיין איינגעהילט אין אַ טוך. זיין פּנים האָט אַרויסגעקוקט פון טלית. דער וועג, וווּ ער איז געגאַנגען, איז געווען ליידיק. די יידן האָבן שוין פריִער זיך אָוועקגערוקט, אים באַגלייט מיט די אויגן.

ווי נאָר ער איז אַרויפגעקומען אויפן בעלעמער האָט מנחם אַראָפּ־געלאָזט די הענט. זיין טלית האָט זיך געעפנט, די פּאָלעס האָבן זיך אים צעפלאַשעט. מנחם האָט געהאַט אַ דאַר, אויסגעצויגן פּנים, אַ גרויסן קיי־קיילעכיקן שטערן, אַ לאַנגע, שפּיציקע, שוואַרצע, מיט גרויע האָר אַדורכ־געפלאָכטענע, באָרד און צוויי דיקע, גרויע פּאות. מנחם איז געווען דער איינציקער אין שטעטל ייד, וואָס האָט געמאַכט שינדלען. יידן אין שטעטל האָבן געוווּסט, אַז ער רעכט אָפּ „חצות״.

מנחם האָט פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט די ברכה. ער איז גע־שטאַנען אַן אויסגעשטראָמטער, זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט די ווערטער געזאָגט שטיל, וואָרט נאָך וואָרט פאַר זיך. זיין פּנים האָט

אויסגעזען ווי אַ מאַסקע, נאָר זיינע פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך און זיינע באַקנביינער זענען געווען בולט.

— פייוול! — האָט גרוינעם שטיל אַ זאָג געטאָן.

פייוול האָט אים אָנגעקוקט.

— פאַראַן ביי מיר אין דאָרף אַ פאַרדינסטל — האָט גרוינעם שטיל אים אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל איינרוימען פייוולען אַ סוד.

— שבת! שבת! — האָט פייוול זיך געבייזערט און אַ שאַר געטאָן מיט די הענט. ער האָט געטריבן גרוינעמען פון זיך.

גרוינעם האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט איבערגעצויגן זיך דעם טלית איבערן שטערן און מיט אַ קליינעם טריט זיך אָוועקגערוקט אין אַ זייט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן זען, וואָס עס האָט פּאַסירט.

שכנא האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויסגעבויגן אויף אַ זייט, און געזוכט אַ בעל־„מפטיר״, אָבער ער האָט זיך נישט געאיילט. ער איז נאָך נישט געווען מיט זיך פאַרטיק וועמען ער דאַרף אויפרופן. ער האָט געזען די אַלע חשובע מתפללים, וואָס האָבן פריִער געוואַרט אויף אַן עליה. די יידן, וואָס האָבן זיך געפילט בכוח צו קריגן „מפטיר״, האָבן אָוועקגעקוקט, ווער אין אַ זייט און ווער אין זיין חומש אַריין. קיינער פון זיי איז נישט געווען זיכער, צי שכנא מיינט אים. זיי, די יידן, האָבן זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. זיי האָבן נישט געוואָלט די מתפללים זאָלן עפּעס באַמערקן.

— דער סגי־נהור — האָט שכנא אַ ברום געטאָן. די צוויי ווערטער זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין זיין באָרד. ער האָט געמיינט דעם גרויסן בער.

אין דעם מאָמענט האָט דער בעל־קורא אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און אַ פאַרלייג געטאָן זיך די האַנט אונטערן לינקן אויער. ער האָט פאַרמאַכט אַן אויג און ער האָט מכריז געווען:

— יעמוד רבי שכנא בן צדיק הלוי — אינעם ניגון פון די ווערטער האָט זיך געפילט שטיפערישקייט. ער האָט אָפּגעטאָן. דער בעל־קורא האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. דער טלית האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט. ער איז געשטאַנען, געקוקט, באַטראַכט דעם עולם.

שכנא האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, זיינע ליפּן זענען געווען אָפן, זיין קיילעכיק פּנים איז געווען אָפּגעצויגן, דערשטוינט, זיינע גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט, געשמייכלט.

די יידן, וואָס האָבן געוואַרט, אפשר רופט שכנא זיי אויף, האָבן טיף

אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און איילים איבערגעצויגן איבער זיך די טליתים.

שכנא האָט אויפגעהויבן די אַקסלען. זיין צעלאָזטער טלית איז הענגען געבליבן אויף אים ווי אַ העמד. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן צום בעלעמער און מיט כוח אָנגענומען די עצי־חיים, זיין געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגן. ער האָט געוואָלט דערלאַנגען, קענען לייענען אין „ספר”. ער האָט פאַר־מאַכט די אויגן, עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און געמאַכט די ברכה.

— לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם — האָט דער בעל־קורא געלייענט. ער האָט פאַרענדיקט די פּרשה. שכנא האָט פאַרמאַכט די אויגן און ער האָט אָנגענומען די עצי־חיים. ער איז ווי הענ־גען געבליבן אויף זיי. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און גע־מאַכט די ברכה.

ווי נאָר ער האָט געענדיקט, האָט ער אַרויפגעלייגט די הענט אויפן בעלעמער, אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, געקוקט אין המון אַריין זשמורעדיק די אויגן. ער האָט געקוקט אָן די ברילן. די ברילן זענען אים געלעגן אויף דער וואָנצע.

די יידן פון דער זייט בעלעמער האָבן זיך אַ וויג געטאָן, זיך צערוקט. קיינער פון די יידן איז נישט געווען פאַראינטערעסירט שכנא זאָל אים זען. אַ סך פון די מתפללים האָבן זיך אויסגעדרייט אַפילו. יידן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

שכנא האָט זיך אָנגעלענט אויף די הענט און געעפנט דאָס מויל. די ברילן האָבן זיך אים אַ טרייסל געטאָן. ער האָט זיי אונטערגעכאַפּט, זיי אַרויפגערוקט צוריק אויף דער נאָז: יעמוד שמואל בן־יעקב — האָט שכנא מכריז געווען.

— שמילע! שמילע! — האָבן זיך דערהערט עטלעכע קולות פון המון אַרויס, ווי זיי זאָלן דעם ייד אונטערזאָגן.

באַלד דערנאָך האָט שכנא ווידער אויסגערופן: יעמוד ר׳ שרגא בן אלימלך. שכנא האָט די צוויי יידן אויפגערופן לויטן סדר און מנהג, אָבער ער האָט די ווערטער געזאָגט שנעל, אַריינגערעדט אין דער באָרד אַריין.

די צוויי אויפגערופענע יידן האָבן זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס. ביידע זענען געווען הויך און שטאַרק. ביידע זענען געגאַנגען איילים, ווי זיי זאָלן זיך וועלן טרעפן. שרגא איז געגאַנגען און אַרונטערגעשטופּט זיך די פאַ־

דערשטע טלית־עקן הינטער דעם גאַרטל אַרונטער, געגאַנגען מיט פּאַר־לייגטע איבער דער ברוסט עלנבויגנס.

ביידע אויפגערופענע יידן, שמואל און שרגא, האָבן מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט אין פּאַרענטש פון בעלעמער. אויפן בעלעמער אין דער הויך זענען זיי שטיין געבליבן זיך אַנטקעגן. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. יעקב חזן דער בעל־קורא האָט זיך איבערגערוקט אויף דער צווייטער זייט בעלעמער. שמואל האָט אַ שפּרייז געטאָן, צוגעגאַנגען צום „ספר". זײַנע פינגער האָבן זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום די עצי־חיים. ער האָט איינגע־בויגן די קניִען און אויפגעהויבן דאָס „ספר" אין דער הויך. די אַרבל זײַנע האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט, זײַנע הענט זענען געבליבן שטאַר און נאַקעט.

שרגא האָט אַרײַנגעשטופּט זיין שפּיץ צונג צווישן די ליפּן. זײַנע גרויסע אויגן האָבן דערשראָקן געקוקט אויף שמואלן, צי ער האַלט גאָר גוט דאָס „ספר".

— וזאת התורה — האָט יעקב דער בעל־קורא אַ זאָג געטאָן און ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז.

— וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל — האָט די עדה יידן אַ זאָג געטאָן אין איינעם.

שמואל האָט מיט ביידע הענט געהאַלטן דאָס „ספר" איבערן קאָפּ. ער האָט געוויזן די יידן די „תורה".

— עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאשר — האָבן די יידן געזאָגט ווייטער. זיי האָבן זיך געוויגט און געשאָקלט מיט אימפּעט, ווי זיי זאָלן וועלן אַ לויף טאָן, כאַפּן די „תורה". אַ סך פון די יידן האָבן פונאַנדערגעשפּרייט זייערע הענט. די טליתים אויף זיי זענען הענגען געבליבן ווי פונאַנדערגעשפּרייטע פליגל.

שמואל איז געגאַנגען מיט דעם „ספר" אויף הינטערוויילעכץ. ער האָט געשטעלט זײַנע פיס, זײַנע שווערע שטיוול, אומבאַהאָלפן, ווי ער זאָל טראָגן אַ קינד. שרגא איז אים נאָכגעגאַנגען מיט קליינע טריט, ווי ער זאָל שמואלן טרעטן אויף די שפּיץ פינגער.

שמואל, דערפילנדיק די באַנק אונטער די קניִען, האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעזעצט. שרגא האָט פונאַנדערגעשטעלט די פיס און זיך אַ טרייסל געטאָן. ער האָט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי ער שטייט גוט. זײַנע גרויסע אויסגעאַרבעטע הענט, זײַנע דיקע פינגער, זענען נישט געווען גענייט אין דער עבודה.

שרגא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. יעקב דער בעל־קורא האָט זיך איבערגעבויגן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, צונויפגענומען די גאַרטל און דאָס ספר־תורה מענטעלע אויפן טיש און זיי דערלאַנגט שרגאן.

שרגא האָט אַ כאַפּ געטאָן די זאַכן. דאָס מענטעלע האָט ער אַוועקגע־לייגט אויף דער באַנק, מיט דער גאַרטל האָט ער גענומען אַרומבינדן דאָס „ספר". דעם עק פון דער רויטער זיידענער גאַרטל, וואָס איז געווען שוין גרינלעך פון אַלטקייט, האָט ער אַריינגעשטופּט צווישן די צוויי גלילים פון „ספר". לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק האָט ער אַרומגעבונדן דאָס „ספר". דעם צווייטן עק האָט ער אַריינגעשטופּט אונטער דער אַרומגעוויקלטער גאַרטל. איצט האָט ער אָנגעטאָן דאָס מענטעלע אויפן „ספר". אַז ער האָט געענדיקט, האָט ער זיך אָפּגעבויגן, באַטראַכט דאָס „ספר", צי ער האָט עס גוט אָנגעטאָן. ער האָט מיט צוויי פינגער אַ וויש געטאָן דאָס מענ־טעלע אויפן „ספר", צוגעלייגט זיך די פינגער צו די ליפּן און זיך צוגעזעצט צו שמואלן. שמואל האָט צוגעלייגט די ליפּן צום „ספר" און עס צוגע־טוליעט צו זיך.

יעקב האָט זיך אָנגעבויגן. ער האָט אונטערגעהויבן די דעק פון טיש, און אַרויסגענומען דאָס חומש, אַרויפגעלייגט אויפן טיש און עס געעפנט. לעדערנע צויטן פון דער אַלטער בינד זענען אַראָפּגעהאָנגען פון חומש.

שכנא האָט איבערגעלייגט זיך איבער די אַקסלען די פּאַלעס פונעם טלית און פּאַרמאַכט די אויגן. ברוך אתה מלך העולם — האָט שכנא אַ זאָג געטאָן. איבערן היכל איז אַדורך אַ שאָרך פון באַרירטע מלבושים און טליתים. די עדה יידן האָט זיך צונויפגערוקט. שכנא האָט געזאָגט ווייטער: אשר בחר בנביאים טובים ורצה בדבריהם הנאמרים באמת.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, אַרונטערגערוקט די האַנט אונטערן חומש, אויפגעהויבן דאָס טעװעלע פון דער לינקער זייט. די ברילן האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט אויף דער שפּיץ נאָז. ער האָט פּאַרמרוזשעט די אויגן און אָנגעהויבן: — בשנת מות המלך עזיהו...

שכנא האָט מיט איין האַנט פּאַרמאַכט דאָס חומש און מיט דער אַנ־דערער האַנט אונטערגעהויבן די דעק פון טיש. ער האָט אַריינגעלייגט דאָס חומש און אַרויסגענומען דעם סידור. דער סידור איז געווען דיק, געדרוקט געוואָרן אין לובלין און אַריינגענומען דאָס דאַווענען פון אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר. די ראַנדן פון די בלעטער זענען געווען גרוי, די בלויע לייוונט, אין וועלכער דער סידור איז געווען געבונדן, איז געווען שוין

טונקל, די שפּיצן פון די בלעטער אויסגעפּעטסט. שכנא האָט אַרויפגעלייגט דעם סידור אויפן טיש, אָנגעגעצט זיך אַ פינגער אויף דער ליפּ און מיט צוויי פינגער איבערגעמישט עטלעכע בלעטער.

— רחם על ציון כי הוא בית חיינו — האָט שכנא אויסגעשריגן און אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ פון איין אַקסל צום אַנדערן.

שמואל און שרגא זענען געזעסן און געקוקט אויף שכנאָן. פון מאָל צו מאָל האָט שרגאס אונטערשטע ליפּ אַ ציטער געטאָן. יעדעס מאָל האָט ער שנעל צוריק פאַרדריקט די ליפּ, ווי ער זאָל אַראָפּשלינגען אַ וואָרט. שמואל האָט געדריקט צו זיך דאָס „ספר" און כסדר געקוקט, צי ער האַלט עס גוט.

שכנא האָט זיך אָפּגעריסן פון סידור, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויס־געלאָזט: ברוך אתה ה' מקדש השבת.

יד

יעקב חזן האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז. — יקום פורקן מן שמיא חנא וחסדא — האָט ער אַ זאָג געטאָן. ער, דער הויכער דאַרער ייד אויפן בעלעמער, האָט אַלע איבערגעשריגן.

אַ זשום פון צונויפגעגאָסענע קולות האָט זיך געטראָגן איבערן היכל. אויפגעריסענע אויגן פון טאַטעס און זיידעס האָבן געזוכט אַ סידור ווו אַריינצוקוקן. יעדער ייד האָט געוווּסט דעם אינהאַלט נאָך פון „חדר", אָבער די ווערטער זענען געווען זיי פרעמד.

פייוול האָט פאַרמאַכט דעם סידור און אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית, איינגעוויקלט אין טלית דעם סידור און דאָס פּעקל אַרויפגעלייגט אויפן טיש. ער האָט זיך אויפגעשטעלט דעם קאָלנער און איינגעצויגן די אַקסלען, ווי ער זאָל שוין פילן די קעלט. ער איז אַוועק צו דער טיר.

— עם כל ישראל אחיהם ונאמר אמן — האָט אַ שטאַרק הילכיק קול אויסגעשריגן, באַגלייט פייוולען.

יעקב חזן איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום עמוד. ער האָט אַ זאָג געטאָן בקול רם: ונקיתי דמם לא נקיתי וה' שוכן בציון — און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן עמוד.

שכנא האָט פאַרמאַכט דעם סידור און גענומען גיין מיט אַ קליינעם טריט צום „ספר". ער האָט זיך אָנגעבויגן, פאַרמאַכט די אויגן און מיט

ביידע הענט אַרומגענומען דאָס „ספר". ער האָט זיך צוריק אויסגעגליכן, גענומען צו זיך דאָס „ספר".

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. פּייוול האָט אַדורכגעשטופּט דורך דער אָפענער טיר דעם זון און זיך נאָך אים. דודס פּנים האָט געפלאַמט. זיין שפּיץ נאָז, די שפּיץ אויערן און זיינע פינגער זענען געווען רויט פון קעלט. דוד האָט געקוקט אַראָפּ. גייענדיק האָט ער זיך אויסגעגליכן דאָס היטל אויפן קאָפּ.

גרוינעם האָט זיך אַוועקגערוקט. ער האָט אַדורכגעלאָזט פּייוולען מיטן זון.

— קום פאַרביי נאָך אַבדלה (הבדלה) — האָט פּייוול אים אַ זאָג געטאָן און ער איז געגאַנגען ווייטער.

— מלכותך מלכות כל עולמים — האָט יעקב חזן אויסגעשריגן. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און מיט ביידע פויסטן אַ זעץ געטאָן אין עמוד. אַ פּאַרטריפּטער מיט חלב לייכטער איז אונטערגעשפּרונגען. עס האָט זיך דערהערט אַ לייכטער מעטאַלענער קלינג. די פאָלעס פון זיין צעלאָזטן טלית האָבן זיך געעפנט. ער איז געשטאַנען אַן אָנגעלענטער אויף זיינע פויסטן. זיין קאָפּ האָט זיך געשאָקלט איבערן עמוד.

דוד האָט מיטן גראָבן פינגער געמישט די בלעטער אין סידור, געזוכט די ווערטער, וואָס דער חזן האָט געזאָגט.

פּייוול האָט צעלאָזט דעם טלית. מיט ביידע הענט צונויפגענומען די אויבערשטע ראַנדן פון טלית און אים איבערגעוואָרפן איבער זיך. זיינע ליפּן האָבן אייליק זיך גענומען באַוועגן. פּייוול האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון און מיטן פינגער אָנגעוויזן די שורה אין סידור.

די טיר האָט כסדר זיך געעפנט און פאַרמאַכט. יידן זענען מיט אימפּעט ווי אַריינגעפאַלן אין בית־המדרש אַריין. די מתפּללים האָבן זיך אומגעקערט פון גאַס. יעדע ווילע האָט אַ פונאַנדערגעלאָזטער טלית אַ קנאַק געטאָן ווי אַן אויסגעשאָקלט געוואַנט.

— מזמור לדוד — האָט שכנא אַ זאָג געטאָן און געעפנט די אויגן. ער האָט לאַנגזאַם זיך אויסגעדרייט, ווי ער זאָל זיך אַרומדרייען אַרום זיך, און מיט קליינע טריט גענומען גיין אַראָפּ פון בעלעמער.

שכנא האָט געטראָגן דאָס „ספר". ער איז געגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן, ער האָט געוווּסט דעם וועג. דער צעלאָזטער אויף אים טלית האָט אים געשטופּט, ווי זעגלען אַ שיף אין אַ ווינט.

יידן האָבן צוגעפּירט זייערע יינגלעך. די יינגלעך האָבן זיך אונטער־געהויבן אויף די שפּיץ פינגער. זייערע ליפּן האָבן געקושט דאָס מענטעלע פון „ספר״. גרויסע, אויסגעהאָרעוועטע פינגער פון שטאַרקע יידן האָבן מיט אַ שטיקל טלית אַ וויש געטאָן דאָס „מענטעלע״. ציטערדיקע הענט האָבן צוגעלייגט אַ ציצה צום „ספר״ און אַוועקגעלייגט די ציצה אויף די אויגן, וואָס זענען געווען פאַרמאַכט.

פייוול האָט אַריבערגערוקט זיך דעם טלית איבערן קאָפּ. זיין פּנים איז געבליבן אָפּגעדעקט. ער האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך שאָקלען איבער זיך.

שכנא האָט אויסגעשטרעקט די הענט. ער האָט פּאַמעלעך אַריינגע־שטעלט דאָס „ספר״ אין אָרון אַריין. ער האָט מיט די שפּיץ פינגער אַ גלעט געטאָן לויט דער ריי יעדעס „ספר״. נאָך יעדן גלעט האָט ער זיך אויס־געקושט די פינגער־שפּיצן. ער האָט פאַרמאַכט די טירן און פאַרצויגן דאָס „פּרוכת״. שכנא האָט זיך אויסגעגליכן, אַריבערגעצויגן איבער זיינע אַקסלען דעם צעלאָזטן טלית. די אַרויסגעלאָזטע צונגען ביי די לייבן אויפן „פּרוכת״ זענען איצט געווען קלענער. די יידן זענען געווען איבערצייגט, אַז די לייבן לאַכן איצט צו זיי.

דער חזן האָט אַראָפּגערוקט זיך דעם טלית איבערן קאָפּ, אַ זאָג גע־טאָן: יתגדל ויתקדש שמה רבא.

אין היכל איז געווען שטיל. יידן האָבן איבערגערוקט די קעפּ פון די טליתים און די פּאָלעס פון די טליתים איבערגעלייגט איבער די אַקסלען. זיי האָבן פונאַנדערגעבונדן זייערע גאַרטלען און זיי פאַרצויגן שטאַרקער אַרום זיך. די זיצנדיקע יידן האָבן זיך אויפגעשטעלט. די קאַנטיקייט פון די טישן איז געוואָרן בולט און טיף ווי ביי אָפענע קאַסטנס. טאַטעס האָבן זיך אומגעקוקט, צי די יינגלעך זייערע שטייען לעבן זיי. די יינגלעך זענען געשטאַנען איבערגעבויגענע איבער די סידורים. די בחורים האָבן זיך גע־שאָקלט, ווי די טאַטעס, אָבער אָן טליתים און אויסגעזען, ווי זיי זאָלן זיין אָפּגעדעקט, נאַקעט.

דער חזן האָט אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט די אויבערשטע ראַנדן פון טלית און ער האָט זיי אָנגעצויגן, ווי ער זאָל זיך איינשפּאַנען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אויף ביידע זייטן און

אַ זאָג געטאָן: כי שם ה׳ אקרא הבו גודל לאלוהינו — ער האָט אַרויפגע־לייגט ביידע האַנטפלאַכן אויפן עמוד און ער האָט זיך צעוויגט איבערן עמוד.

די קעלט פון דרויסן שטופט זיך דורך די שפּאַרעס און נעמט איבער די שטילקייט. די אין היכל אַדורכגעזאַפּטע מיט אָטעם וואַרעמקייט קילט זיך. יראה פלאַטערט אין חלל. די יידן שאָקלען זיך צווישן די פיר ווענט אונטער דער הילצערנער סטעליע. זיי בעטן, זייער אמונה איז גרויס. יידן וואָס האָבן אויסגעענדיקט די תפילה, רוקן זיך אויס, וועד פון זיי אַ שריט און וועד — צוויי. זיי רוקן זיך צוריק און בלייבן שטיין. יעדע ווײַלע הערט זיך אַ שטימע, וואָס רייסט זיך אַריין אין דער שטילקייט. יעדעס מאָל זאָגט אַן אַנדער קול: ועל כל ישראל ואמרו אמן.

דער חזן האָט אָפּגעהוסט, זיך אָפּגעפרישט זיין פאַרטריקנטע קעל. ער האָט זיך אַ בוק געטאָן איבערן עמוד און אויסגערופן: כי שם ה׳ אקרא הבו גדל לאלהינו. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און געזאָגט ווייטער — אדני שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך — ער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן עמוד.

אַז דער חזן האָט געזאָגט — ברוך אתה ה׳ מחיה המתים — האָבן יידן אָפּגעזיפצט. דער חזן האָט אַ הוסט געטאָן. נעריצך ונקדישך — האָט ער אַ זאָג געטאָן. די עדה יידן האָט זיך אַ וויג געטאָן. די יידן האָבן אײַליק זיך איבערגעוואָרפן די פּאָלעס פון טלית איבער די אַקסלען — קדוש! קדוש! קדוש! — האָבן די יידן דריי מאָל אַ זאָג געטאָן. ביי יעדן מאָל זענען זיי אונטערגעשפרונגען אויף די שפּיץ פינגער.

דער חזן האָט זיך פאַרנייגט און זיך צוריק אויסגעגליכן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און אַ זאָג געטאָן: עשה שלום במרומיו — און מיט אַ נידעריקערן טאָן זיך געענטפערט: — הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל — און ער האָט פאַרענדיקט — ואמרו אמן.

— אמן! — האָט די עדה מתפללים אויסגעשריגן און געדאַנקט דעם שליח־ציבור, וואָס ער האָט פאַר זיי געבעטן. די יידן האָבן אָפּגעאָטעמט, זיי האָבן זיך באַפרייט פון דער זאָרג.

דער חזן האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, מיט די הענט זיך אָנגעכאַפּט אין די ראַנדן פון טלית און מכריז געווען: עלינו לשבח לאדון הכל. — עלינו

לשבח — האָבן די ייִדן איבערגעחזרט דעם חזנס ווערטער. זיי האָבן זיך געררוקט צום טיש, אויף וועלכן עס זענען געלעגן די מלבושים.

ייִדן האָבן אונטערגעבונדן זיך די טליתים אונטער די גאַרטלען, איילִיק אויף זיך אַרויפגעצויגן די פּאַלטנס און זיך געשטופּט צו דער טיר.

— גוט־שבת! גוט־שבת! — דער דורכגאַנג אין דער טיר איז געווען פאַרשטאָפּט מיט ייִדן. די קעלט פון דרויסן האָט אַריינגעדרונגען אין בית־המדרש אַריין. כוואַליעס קעלט און וואַרעמקייט האָבן אין דורכגאַנג זיך צונויפגעטראָפן.

פּייוול האָט געהאַלטן דעם זון ביי דער האַנט און זיך אַדורכגעשטופּט דורכן דורכגאַנג. זיי האָבן איינגעאָטעמט די פרישע קילע לופט. די שיין אינעם אויסגאַנג איז געווען העל פונעם שניי אין דרויסן. די טונקלקייט אינעם פּאָדערהויז איז געווען גרוי. ליכט און שאָטן האָט זיך געקרייצט.

— גוט־שבת! גוט־שבת! — דער פּלאַץ אַרום דעם בית־המדרש איז געווען פול מיטן ניגון פון די צוויי ווערטער. די טרוקענע קעלט האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם ווידערקול. דער קלאַנג „שבת, שבת" האָט זיך געקאָלערט ביז אין דער ווייט.

פּייוול איז געגאַנגען שנעל. די פּאָלעס האָבן געפּלאָסקעט זיינע כאַ־לעוועס, אים אונטערגעאיילט. אַ שטיק טלית האָט אים אַרויסגעשטאַרט פון הינטערן קאָלנער אַפּער. אַ טלית־שפּיץ איז אים אַפּערגעהאַנגען פון היג־טער דער באַנדע. דער הימל איז געווען ראָזעווע. אַ געפרוירענער נעפּל האָט פאַרשטעלט די זון. דער פאַרמיטאָג־פראָסט האָט געלאָזט. ייִדן זענען געגאַנגען אַהיים עסן.

טו

עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק, ווי נאָך אַן אַרויסגעצויגענעם קאָרק פון אַ פלעשל. יאַכעט, וואָס איז געזעסן אויף אַ בענקל אַפּגערוקט פון טיש, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ שאַרפער סוואָנד האָט זיך פונאַנ־דערגעטראָגן איבער דער שטוב. די צעגליטע קוילן אין אויוון האָבן זיך צעפלאַקערט.

די צוויי מיידלעך האָבן אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער און ווייטער געשפּילט זיך. אין ווינקל, צווישן צוויי ווענט הינטער דער טיר, האָבן

זלאַטעלע און רבקהלע זיך געשפּילט אין קלאַסן. זלאַטעלע האָט פּריער מיט אַ פינגער איבערגעצויגן צוויי ליניעס איבער די טראָטשעוּעס צע־שיטע איבער דריי ברעטער פון פּאָל. זי האָט אָנגעצייכנט די זעקס קלאַסן. יעדע איינע האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן אַריינגעשטעלט אַ פוס אין אַ קלאַס און געפרעגט די אַנדערע: גוט? דערהערנדיק דער שוועסטערס ענטפער: יאָ, האָט דאָס מיידל געשטעלט אַ פוס אין אַ ווייטערער קלאַס. יעדע האָט זיך די מי געגעבן צו קומען צום סוף און ווינקל אַריין. האָט ווער פון זיי אַרויפגעטרעטן אויף אַ ליניע פון אַ קעסטל־קלאַס, האָט זי אָנגעהויבן פון ס'ניי.

יאָסעלע איז געשטאַנען אין דער זייט און געקוקט ווי די שוועסטערן שפּילן.

די פייערשיין אונטער דער פייערקע האָט געפירט שאָטנס איבער דער ליידיקער צעוואַרעמטער אויוונבלעך. די היץ איז לאַנגזאַם זיך צעגאַנגען איבער דער שטוב. די אויסגעקילטע לופט איז כסדר פולער און מילדער געוואָרן, די גרויקייט אין שטוב — העלער, דאָס אייז אויף די פענצטער־שייבלעך האָט גענומען טייען.

יאַכעט האָט גערוט. זי האָט געהערט ווי דאָס בלוט פליסט אין אירע אָדערן, געפילט אין זיך די ליבע מידקייט, געהערט די שטילקייט אַרום זיך. יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער, אַרויפגעשטעלט אַ פויסט אויפן טיש, זיך אָנגעלענט אויף אַן עלנבויגן און לאַנגזאַם פויל זיך אויפ־געשטעלט.

יאַכעט האָט צונויפגענומען פון טיש די קאַווע־טעפלעך און אַריינ־געשטעלט איין טעפל אין אַנדערן. זי האָט מיט איין האַנט אָנגענומען דאָס קרומע, ווי אַ קוימען, שטייסל טעפלעך, זיך אָנגעבויגן און מיט דער אַנדערער האַנט אָנגענומען ביים אויער און אויפגעהויבן פון פּאָל די ליידיקע קאַווע־קרוג. זי האָט די כלים צוגעטראָגן און זיי אַריינגעשטעלט אין מולטער אַריין. יאַכעט האָט זיך אויסגעגליכן און זי איז אַוועק צום טירל פון אַלקערל מיט אַ קליינעם פאַמעלעכן טריט. איר געשטאַלט האָט זיך געוויגט. זי האָט זיך נאָכגעגעבן איר געזעטיקטער פרויען־פוילקייט. זי האָט אָפגעלענט דאָס טירל און זי איז אַריין אין אַלקערל, ווי זי זאָל איבערשפּרייזן אַ שוועל.

יאַכעט האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן. די טונקלקייט האָט פֿאַרטושט איר ראיה. אַ חנוודיקער שמייכל האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט איבער איר פּנים. אירע אויגן־לעפּלעך זענען געווען פֿייכט. אירע לאַנגע ווימערן האָבן געציטערט.

— זלאַטעלע — האָט רבקהלע אַ זאָג געטאָן און זי איז שטיין געבליבן מיט אַ פֿוס אין אַ קלאַס.

די שוועסטערן האָבן זיך אָנגעקוקט. די שטילקייט אין שטוב האָט זיי אַדורכגענומען. פֿון אַלקערל אַרויס האָט זיך דערהערט אַ שאָרך פֿון אַן איבערגעלייגט איבערבעט.

— גענוג! די מאַמע וועט באַלד קומען. זי וועט שרייען — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן. זי האָט אויפֿגעהויבן די אַקסלען און זי איז אַוועק צום טיש. רבקהלע איז איר נאָכגעגאַנגען און געשוויגן. יאָסעלע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט נאָכגעקוקט די שוועסטערן.

די מיידלעך איז געוואָרן אומהיימלעך. זיי האָבן דערפֿילט דעם חלל איבער זיך.

— קום אַרויסקוקן דורכן פֿענצטער — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן דער שוועסטער.

— גוט — האָט רבקהלע איר געענטפֿערט.

ביידע מיידלעך האָבן אָנגענומען די באַנק, יעדע פֿון איר זייט, און זיי זענען מיט דער באַנק אַוועק צום פֿענצטער. יאָסעלע איז זיי נאָכ־געגאַנגען.

— קום! — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אָנגענומען דאָס ברודערל אונטער די אָרעמס. זי האָט אים אויפֿגעהויבן און אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. ביידע שוועסטערן האָבן זיך צו אים צוגעזעצט. די מיידלעך האָבן אַרויפֿגעלייגט די עלנבויגנס אויפֿן פֿענצטער און זיך איבערגעבויגן. רבקהלע האָט צוגעדריקט איר נעזל צום שייבל. זיי האָבן אַרויסגעקוקט. יאָסעלע איז געזעסן מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ און אַן אָפֿן מויל. ער האָט אויך געוואָלט זען.

דאָס טירל פֿון אַלקערל האָט זיך אַ וויג געטאָן ווי אַ ווינט זאָל עס האָבן אַ טרייסל געטאָן. אינעם דורכגאַנג איז שטיין געבליבן יאַכעט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער. איר גרינלעך אָוואַל־פּנים איז געווען דורכזיכטיק.

די קינדער האָבן זיך נישט אומגעקוקט. די מיידלעך האָבן געקוקט

דורכן פענצטער. זיי זענען געזעסן שטיל: קיינע פון די מיידלעך האָט נישט געוואָלט, די מאַמע זאָל זי אַ רוף טאָן.

— טפו! טפו! — האָט די מוטער אויסגעשפּיגן צוויי מאָל. אַ ווײַלע דערנאָך איז זי אַוועק אין ווינקל, צום שעפּל. יאַכעט האָט אַראָפּגענומען פון קיבל וואַסער דאָס האַנטעך. זי האָט מיטן האַנטעך זיך אַרומגענומען די לענדן און פאַרבונדן פון הינטן די שפּיצן. איר אַרומגעהילטער בויך האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיין פאַרפּאַקט. זי האָט געוואָלט אָפּשווענקען איר שבת־קלייד.

יאַכעט האָט אָנגעגאָסן אַ האַלבע שיסל וואַסער און אַוועקגעשטעלט די טעפּ. זי האָט פונעם מולטער אַרויסגענומען די פלאַכע טעלער, דאָס באַ־שטעק און זיי אַריינגעלייגט אין דער שיסל מיט וואַסער, אָפּרערגענומען דאָס שטשערקעלע, וואָס זי באַנוצט נאָר שבת, ווען זי רייבט נישט די כלים מיט זאַמד. זי האָט זיך געשטעלט וואַשן די כלים.

די פענצטער־שייבלעך זענען געווען נישט דורכזיכטיק, פאַרפרוירן, נאָר דאָס אָרט, ווו רבקהלע האָט געהאַלטן דעם קאָפּ, איז אָפּגעגאַנגען. די פראָסט אויף די שייבלעך איז געווען געמוסטערט, די שייבלעך זענען געווען באַצירט מיט בלומען און מיט צווייגן.

— די יידן גייען פון דאַווענען. דער פּאָליציאַנט גייט איבער די גאַסן און זאָגט די גויים זיי זאָלן נישט שלאָגן די יידן. דער פּאָליציאַנט האָט אַ שווערד און אַ גרויסן שוואַרצן הונט — האָט זלאַטעלע דערציילט דער שוועסטער, ווי זי זאָל זען דורכן פענצטער, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

רבקהלע האָט אָפּגעריסן איר נאָז פון שייבל.

— שבת שלאָגן נישט די גויים קיין יידן. די יידן זענען אין דער היים — האָט רבקהלע איר אָפּגעענטפערט.

יעדעס מאָל, ווען יאַכעט האָט איינגעטונקען דאָס שטשערקעלע און עס צוריק אַרויסגענומען פון וואַסער, האָט זיך דערהערט אַ פּליוך. אין שטוב איז כסדר וואַרעמער געוואָרן, די לופט — וואָס אַ מאָל מילדער. יאַכעט האָט געוואַשן די כלים און פון מאָל צו מאָל האָט זי אויסגעגליכן איר פּלייצע. איר גרויסע געשטאַלט איז געווען צו הויך פאַר דעם נידעריקן שעפּל. די טראָפּנס וואַסער אויף אירע לאַנגע, דיקע פינגער האָבן געבלאַנקט ווי טרערן.

יאַכעט האָט אָפּגעשאָקלט די הענט איבערן שעפּל. די וואַסער־טראָפּנס זענען אַריינגעפאַלן אין שעפּל. זי האָט אַ נעם געטאָן די שטשערקע אין

האַנט און געווישט די טעלער. יעדן אויסגעווישטן טעלער האָט זי אַרויפ־געשטעלט אויפן עק באַנק.

אַז יאַכעט איז פאַרטיק געוואָרן מיט די טעלער, האָט זי אייליק גענומען אויסווישן דאָס באַשטעק. יעדן אויסגעווישטן גאָפל אָדער לעפל האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן שטייסל טעלער. אַז זי האָט געענדיקט, האָט זי דאָס שטשערקעלע אויסגעקוועטשט אין דער האַנט און עס נישט אויס־געדרייט. זי האָט נישט געוואָלט שבת טאָן אַן איבעריקע אַרבעט. דאָס וואַסער פון דער שיסל האָט זי אַריינגעגאָסן אין שעפל אַריין, דאָס נאַסע שטשערקעלע אַריינגעלייגט אין דער שיסל, די שיסל און דאָס ברעטל צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט. זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס האַנ־טעך און אין דעם זעלבן האַנטעך אַריינגעווישט די הענט. זי האָט אַוועק־געלייגט דאָס האַנטעך און מיט ביידע הענט זיך אָפּגעצויגן דאָס שייטל. איר שרונט איז געוואָרן בולטער. זי האָט זיך אָנגעבויגן. איר בוזעם האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען דאָס שטייסל טעלער און זיי אַוועקגעטראָגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אויסגעדרייט, געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי זי זאָל נאָך האַלטן די טעלער.

— קינדערלעך, וואָס זעט איר דאָרט? — האָט זי זיי אַ פרעג געטאָן.

— מיר גייען שפּאַצירן — האָט זלאַטעלע געענטפערט דער מוטער, נישט אָפּרייסנדיק איר קאָפּ פון פענצטער.

יאַכעט האָט זיך צעשמייכלט. אירע ווימערן האָבן אַ ציטער געטאָן ווי אַ טוי זאָל זיך האָבן אויף זיי אַוועקגעשטעלט. זי האָט אַ וואַרף געטאָן פון דער זייט אַ בליק אויפן אויוון. די שיין פון די פייער־צונגען האָט אַדורכגעשיינט דורך די בלעך־שפּאַרעס, די בלעכן האָבן זיך צעגליט. יאַכעט האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב, גענומען גיין לאַנגזאַם. זי האָט אַוועקגעשטעלט אַ פוס, און מיטן צווייטן לייכט צעשאַרט די טראַטשענעס אויפן פאָל. שבת האָט זי נישט געוואָלט נעמען דעם בעזעם אין האַנט.

— זעסט, רבקהלע? — האָט זלאַטעלע זי אַ פרעג געטאָן. זי האָט נישט געוואַרט אויף ענטפער און זי האָט גענומען דערציילן: — יענקל פעלדשער גייט מיטן רענצל. ער גייט צו אַ קראַנקן — אירע אויגן זענען געווען אויפגעריסן פון אימה. רבקהלע האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט איר נאָז צו דער שויב. זי האָט געוואָלט זען דעם פעלדשער מיטן רענצל.

יאַכעט איז געבליבן שטיין ביים בעט. מיט דער האַנט האָט זי אויסגע־גלייכט דאָס בעטגעוואַנט: זי האָט געוואָלט, דאָס בעט זאָל זיין פּירקאַנטיק.

זי האָט נאָך שטאַרקער אויסגעבויגן דעם קאָפּ, אים ווי אַוועקגעלייגט אויף אַן אַקסל, פאַרמרוזשעט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויפן בעט פון דער זייט. דער קאַנט פון בעטגעוואַנט איז געלאָפן גלייך.

די קינדער האָבן געקוקט אין די שויבן אַריין און געשוויגן. ביידע מיידלעך זענען געווען אונטערן פחד פונעם פעלדשער, זיי האָבן מורא געהאַט זיך אומקוקן.

— קום שפּילן „שטראַלקעס" — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן דער שוועסטער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך אונטערגעהויבן, ווי זי זאָל ווענלן גיין.

— טאַכטער, שבת ? — האָט די מוטער זי אַ פרעג געטאָן.

די היץ אין אויוון האָט געשלאָגן אין שטוב אַרײַן. די לופט אין דער נידעריקער שטוב איז כסדר געדיכטער געוואָרן.

יאַכעט איז אַוועק צום אויוון. ביידע מיידלעך האָבן אויסגעדרייט זייערע קעפּ. זיי האָבן נאָכגעקוקט דער מוטער. יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן, אַפּערגענומען דאָס האַקברעטל און דאָס העקל פון אונטערן אויוון, אַ נעם געטאָן פון שענקל אַ שטשערקעלע און דאָס אַלץ אַרויפגעלייגט אויפן טיש.

זלאַטעלע איז אַראָפּגעשפּרונגען. זי האָט אַ נעם געטאָן דאָס ברודערל אונטער די אָרעמס און אים אַראָפּגעשטעלט אויפן פּאָל. רבקהלע האָט איר נאָכגעטאָן. אויך זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער באַנק. זלאַטעלע האָט אַ שטופּ געטאָן פאָרויס אירע אַקסלען. זי האָט געוואָלט לויפן. זי איז אָבער שטיין געבליבן.

— נעם די באַנק — האָט זי אַ באַפעל געטאָן דער שוועסטער. ביידע מיידלעך האָבן אַ נעם געטאָן די באַנק פון ביידע זייטן און זי צוריק אַוועקגעשטעלט ביים טיש.

יאַכעט האָט מיט אַ שטשערקעלע אָפּגעווישט דאָס האַקברעטל און דאָס העקל. מיט דעם העקל האָט פּיוול צעהאַקט אַ שטיקל קויל, צעשפּאָלטן אַ שטיקל קין אָדער האָלץ און אַרײַנגעקלאַפּט אַ טשוואָק.

די קינדער זענען געשטאַנען מיט אָפענע מײַלער און באַטראַכט דאָס „משחית" — ס'העקל. דאָס העקל איז געווען די פרעמדע כלי אין שטוב.

— איך גיי מאַכן די ציבל — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן און אַ שמייכל געטאָן צו די קינדער. זי האָט געוואָלט זיי באַרויִקן. די צוויי מיידלעך

האָבן אָפּגעאָטעמט. יאַכעט איז אַוועק צום שענקל. די קינדער זענען איר נאָכגעגאַנגען און געשוויגן.

יאַכעט האָט מיט איין האַנט אָנגענומען די צינענע שיסל. די שיסל איז אויף איין אָרט געווען איינגעקנייטשט. מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי אָנגענומען און אַרויפגעלייגט אויף דער שיסל צוויי אויסגעקאָכטע האַרטע אייער. זי האָט פון דער אונטערשטער פּאָליצע אַראָפּגענומען און אַרויפגעלייגט אויף דער שיסל דריי גרויסע ציבל, אַראָפּגענומען פון שענקל און אַרויפגעשטעלט אויף דער שיסל דאָס טעפּל מיט זאַלץ און זי איז אַוועק צום אַלקערל.

— די מאַמעשי נעמט אַ שטיקל פלייש — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן און זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

יאַכעט איז אַרויס פון אַלקערל. דאָס טירל איז געבליבן אָפן. זי איז פאַרבייגעגאַנגען די קינדער, ווי זי זאָל זיך דורך זיי אַדורכשלייכן און איז אַוועק צום טיש. די קינדער זענען איר נאָכגעגאַנגען.

יאַכעט האָט אַרויפגעשטעלט די שיסל אויפן טיש.

זלאַטעלע האָט אויפגעהויבן דעם ברודער. זי האָט אים אַוועקגעזעצט אין מיטן דער באַנק. די שוועסטערן האָבן זיך ווידער צוגעזעצט צו אים פון ביידע זייטן.

— איר זאָלט זיצן שטיל — האָט די מוטער זיך אַ ווענד געטאָן צו זיי.

דער מוטערס אויגן האָבן געשמייכלט. זי האָט דאָס שטיקל פלייש אַרויפגעלייגט אויפן ברעטל, אָנגענומען די צוויי אייער און זיי צונויפגעקלאַפּט אין דער פויסט. עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק. די שאָלן האָבן זיך געשפּאָלטן.

יאַכעט האָט איבערגעפּירט די הענט איבער דער שיסל. זי האָט מיט די פינגער געשיקט אויסגעשיילט די אייער. די שאָלן זענען אַריינגעפאַלן אין דער שיסל אַריין. יאַכעט האָט אַרויפגעלייגט די אייער אויפן ברעטל און מיטן מעסער זיי צעהאַקט. זי האָט דאָס מעסער געהאַלטן מיט דער גאַנצער האַנט און מיט שנעלע קורצע קלעפּ געהאַקט די אייער. די אייער־צויטן האָבן זיך געלייגט איבערן ברעטל.

ביידע מיידלעך האָבן אויסגעשטרעקט די קעפּ, געקוקט אויפן ברעטל. די געל־ווייסע אייער־קופּע אויפן טונקעלן ברעטל איז כסדר גרעסער געוואָרן. יאַכעט האָט אַוועקגעשטעלט דאָס מעסער מיטן שפּיץ אויפן ברעטל. דאָס מעסער האָט זיך אַריינגערוקט איר אין דער פויסט.

ביידע מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן באַוווּנדערט דער מוטערס געשיקטקייט. יאָסעלע האָט זיך אויפגעשטעלט. די מיידלעך האָבן אים אַרומגענומען, אים געהאַלטן.

יאַכעט האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ נעם געטאָן אַ ציבל. די ציבל איז געווען קיילעכיק און האָט געהאַט אַ באָרד פון פּאַרטריקנטע וואָרצלען. יאַכעט האָט אָפּגעשניטן די באָרד און אָפּגעשיילט די ציבל. די שאָל פון דער ציבל האָט געשאָרכט, ווי פּאַפּיר זאָל זיך קנייטשן. אויך די צווייטע ציבל, וואָס איז געווען בייכיק, האָט זי אַזוי אָפּגעשיילט און אָפּגעשניטן דעם שפּיץ, וואָס איז געווען גרין, ווי ער זאָל נאָך וואַקסן. זי האָט די ציבל אַרויפגעלייגט אויפן ברעטל. די דריטע ציבל, וואָס איז געווען אָוואַל לענגלעך, אַ סך גרעסער ווי יענעביידע, האָט זי אויסגעשיילט, אָבער מיט דער האַנט. די שאָל איז געווען געפּלאַצט, געהאַנגען אויף דער ציבל.

די מוטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן הענטל פון מעסער אין ברעטל. זי האָט דאָס מעסער צוריק אַריינגערוקט אין האַנט אַריין זיך. זי האָט געוואָלט, אַז די מעסערשאַרף זאָל זיין לענגער. יאַכעט האָט אַ נעם געטאָן אַ ציבל אין האַנט און זי געשניטן. רעדלעך ציבל זענען געפאַלן אויפן ברעטל. עס האָט זיך דערפילט דער האַרבער זאַפטיקער ציבל־ריח.

יאָסעלע האָט זיך אָנגעלענט מיט די הענט אויף די שוועסטערס אַקסלען און צוריק זיך אַוועקגעזעצט. די קינדער האָבן געקוקט. זייערע אויגן האָבן געפינטלט.

יאַכעטס אויגן זענען געוואָרן רויט. יאַכעט האָט געשניטן די צווייטע ציבל. די ציבל איז געווען פעסטער. פון דער ציבל זענען געפאַלן אויפן ברעטל גאַנצע ניסט־צענומענע פלאַכן. דער ריח אין שטוב איז געוואָרן נאָך שאַרפער. די קינדער זענען געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן. יאַכעטס אויגן האָבן געטרערט, אָבער זי האָט שוין געשניטן די דריטע ציבל. די ציבל האָט געהאַט אַ גרינעם אויסגעוואַקסענעם יאָדער. די רעדער פון דער ציבל זענען זיך צעפאַלן יאַכעטן אין דער האַנט. יאַכעט האָט זיך אויסגעווישט די אויגן מיט אַן אַרבל און אַ קוק געטאָן אויף די קינדער. לויטערע טרערן זענען גערינען איבער זייערע באַקן. יאַכעט איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט טיש. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס מעסער, וואָס האָט געגלאַנצט פון פייכטקייט, מיט דער

אַנדערער האַנט האָט זי אויפגעהויבן אַ קלייד־פּאָלע און יעדן קינד אויסגע־ווישט די אויגן.

יאַכעט איז צוריק צוגעגאַנגען צום ברעטל. גייענדיק האָט זי ווייטער מיט די אַרבל זיך געווישט די אויגן. יאַכעט האָט זיך אָוועקגעשטעלט און גענומען שניידן דאָס שטיקל פלייש. זי האָט געשניטן דאָס פלייש, ציִענדיק דאָס מעסער צו זיך. דאָס פלייש האָט זי געשניטן אין דער לענג. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס מעסער. זי האָט אויפגעהויבן די שטיקלעך פלייש און זיי אַרויפגע־וואָרפן אויף דער קופּע ציבל.

— אוף! — האָט די מוטער אָפּגעזיפצט און אַ שטעל געטאָן אַ פּוס, אָבער זי איז נישט אַוועק. זי האָט מיט דער האַנט אַרויסגענומען צוויי זשמעניעס זאַלץ, איינע נאָך דער אַנדערער. דאָס זאַלץ האָט זי אַרייַנ־געוואָרפן אויף דער קופּע אויפן ברעטל. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל זאַלץ און זי איז מיט דער שיסל אַוועק פון טיש. גייענדיק האָט זי מיט דער צווייטער האַנט צוגעהאַלטן דאָס ציבל־שאָלעכץ עס זאָל זיך נישט צעפליִען. זי האָט די איי־ און ציבל־שאָלן אַרייַנגעוואָרפן אין שעפל.

יאַכעט איז צוריק אַוועק צום טיש. זי האָט אויסגעווישט די שיסל און זי אַרויפגעשטעלט אויפן טיש. שפּעטער האָט זי אָנגענומען מיט דער האַנט דאָס העקל, אַרייַנגעהאַקט די שאַרף פון העקל אין דער קופּע אויפן ברעטל.

די ציבל־האַרבקייט איז זיך צעגאַנגען איבער דער שטוב. די קוילן אין אויוון האָבן געפלאַקערט. די ליידיקע אויוון־פּייערקעס זענען געווען אָנגעליט.

יאַכעטס רעכטער אַקסל איז געווען אויפגעהויבן. זי האָט געקלאַפּט מיטן העקל ריטמיש, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ. די קלעפּ זענען געווען ווייכע. די שאַרף פונעם העקל איז נישט דערגאַנגען ביז דעם ברעטל.

די קינדער האָבן געקוקט, ווי די קופּע ענדערט זיך נאָך יעדן קלאַפּ מיטן העקל. אַ מאָל זענען אַ שפּרונג געטאָן עטלעכע שטיקלעך פלייש און זיי האָבן איבערגעקערט די קופּע. אַ צווייט מאָל זענען אָפּערגעקומען און זיך צעשפּרייט די געלע און ווייסע שטיקלעך איי. אַ דריט מאָל האָבן צע־האַקטע רעדלעך ציבל פאַרדעקט אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ברעטל. די שטיקלעך אויפן ברעטל זענען כסדר קלענער געוואָרן. די קלעפּ פונעם העקל זענען איצט געווען שטאַרקער און הילכיקער. די שאַרף פון העקל

איז דערגאַנגען ביזן ברעטל. פון מאָל צו מאָל האָט זי מיט דער שאַרף פון העקל צונויפגעשאַרט די צעמישטע קופּע און געהאַקט ווייטער.

יאַכעט האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, געקוקט אויפן ברעטל, ווי אַ הון אויף אַ שיסל וואַסער. איצט האָט איר אָרעם זיך געוואָרפן. זי האָט מיטן העקל געהאַקט שנעל, זי האָט געוואָלט ענדיקן. די קופּע איז געוווען שוין אַ גרינטלעכע מאַסע. איצט איז דאָס ברעטל, ביי יעדן קלאַפּ מיטן העקל, אויפגעשפּרונגען, ווי עס זאָל טאַנצן.

יאָסעלע האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט. מיט דער אַנדערער האַנט איז ער געבליבן אָנגעלענט אויפן טיש. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי ער זאָל אומפאַלן, ער האָט אָבער באַוויזן אַריינשטעקן די האַנט אין די ציבל און אַרויסגעכאַפּט אַ גאָרשטש ציבל.

— יונגאַטש! — האָט די מוטער זיך צעשריגן אויף יאָסעלען אָבער אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן געגלאַנצט און געשמייכלט.

יאָסעלע האָט אַריינגעשטופּט זיך אין מויל אַריין די האַנט מיט די ציבל. זיינע בעקלעך האָבן זיך אויסגעדענט, געוואָרן קיילעכיק.

די וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען איבער דער שטוב און צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט — דער ריח פון די שבתדיקע ציבל. יאַכעט האָט מיטן מעסער אַראָפּגענומען פונעם העקלשאַרף די אָנגעקלעפּטע ציבל און אַוועקגעלייגט אין אַ זייט דאָס העקל.

די קינדער זענען געזעסן און באַטראַכט דער מוטערס יעדע באַ־וועגונג. די מוטער האָט עטלעכע מאָל אָנגענומען מיטן מעסער די ציבל און זיי אַרויפגעלייגט אויף דער צינענער שיסל. צום סוף האָט זי מיטן מעסער צונויפגעקראַצט אויפן ברעטל די רעשטלעך. זי האָט מיטן מעסער צעשפּרייט די ציבל איבער דער גאַנצער פלאַך פון דער שיסל און אַדורכ־געפּירט דאָס מעסער איבער דער לענג און דער ברייט פון די ציבל.

די קינדער זענען געזעסן מיט פאַרריסענע קעפּ. זיי האָבן געוואָלט זען די ציבל־פלאַך, ווי די מוטער טיילט זי פונאַנדער אין קעסטלעך.

די מוטער האָט אַוועקגעלייגט דאָס מעסער, האַלטנדיק די שיסל ציבל אויף דער האַנטפלאַך. יאַכעט איז אַוועק צום אַלקערל. זי האָט די האַנט געהאַלטן ווייט פון זיך, געטראָגן די ציבל, ווי זי זאָל זיי ווייזן. זי האָט זיך באַרימט פאַר זיך אַליין.

יאַכעט איז צוריק אַרויס פון אַלקערל. זי איז געגאַנגען פאַמעלעך. זי האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם איר „קרבן מנחה" סידור. צוקומענדיק

צום שפיץ טיש האָט זי זיך אָנגעבויגן. זי האָט געעפנט דעם אָרעם. דער סידור האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן טיש. זי האָט נישט געוואָלט מיט די אויסגעפּעטסטע הענט אָנרירן דעם סידור.

יאַכעט איז אַוועק צום שעפל. זי האָט אויסגעוואַשט די הענט, יעדן פינגער באַזונדער, אין דער שטשערקע. איצט איז זי אַוועק צום טיש. זי האָט מיט צוויי פינגער אָנגענומען און אַראָפּגעצויגן זיך דאָס שייטל. אַ נעם געטאָן דעם סידור, אים אַ קוש געטאָן און אַ שפּרייז געטאָן צום פענצטער.

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. זלאַטעלע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער באַנק. זי האָט אָנגענומען יאָסעלען אונטער די אָרעמס און אים אַראָפּגעשטעלט אויפן פּאָל. רבקהלע איז איר נאָכגעשפּרונגען. אַלע דריי זענען אַ לויף געטאָן צו דער מוטער. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער מוטער אין אַ האַלבראָנד.

יאַכעט האָט מיטן גראָבן פינגער אָנגענומען די מ״ט פון סידור און אים געעפנט. זי האָט אָפּגעלעקט זיך די פינגער און גענומען מישן די בלעטער. די עקן פון די בלעטלעך, וועלכע זי האָט געמישט מיטן פינגער, זענען געווען אויסגעפּעטסט. אירע אויסגעשפּיצטע אויגן האָבן געקוקט אין סידור אַריין. זי האָט געזוכט. זי האָט מיט צוויי פינגער אַרומגעוואַשט זיך די מוילווינקלען און זי האָט גענומען זאָגן:

— יהי, עס זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר, גאָט, גאָט, אונדזער גאָט און דער גאָט פון אונדזערע עלטערן, דו גרויסער און שטאַרקער און פאָרכ־טיקער גאָט, אַז דו זאָלסט דערפילט ווערן מיט דערבאַרעמקייט אויף אונדז פון דיינעטוועגן, און וועגן דעם הייליקן מזמור און די הייליקע שמות, וואָס ווערן דערמאָנט אין אים, און דאָס הייליקייט פון זיינע פסוקים און ווערטער און אותיות און טראָפּ און רמזים און סודות. און דאָס הייליקייט פון דיין הייליקן נאָמען, וואָס גייט אַרויס פון דעם פסוק.

די קינדער זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און פאַרגאַפטע געקוקט אויף דער מוטער. יאַכעטס פּנים איז געווען אָפּגעצויגן, פאַר־גליווערט, נאָר אירע ברעמען און ווימערן האָבן זיך באַוועגן. איר שטערן האָט זיך געקנייטשט און זיך צוריק אויסגעגליכן. זי האָט זיך אונטער־געררוקט דעם סידור אונטער די אויגן און זי האָט געזאָגט ווייטער:

— והריקותי לכם ברכה עד בלי די — דאָס איז טייטש, גאָט זאָגט: איך וועל אייך לייטזעליקן מיט ברכות ביז גענוג, און פון דעם פסוק נסה עלינו אור פניך ה׳, צי אויף אונדז דאָס ליכטיקייט פון דיין פנים, וכתבנו און שרייב אונדז אין דעם ספר פון פרנסה און שפייז היינטיקס יאָר און אַלע יאָר, אונדז און אַלע אונדזערע בני בית ביז וואַנען מיר וועלן לעבן — יאַכעט האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן, ווי זי זאָל אַריבערקוקן איבערן סידור. איר קערפּער איז געווען שטייף אויסגעצויגן.

יאַכעט האָט געבעטן, אָבער איר געבעט איז גלייכצייטיק געווען לויב. זי האָט נאָך העכער אויפגעהויבן דעם סידור, אים צוגעטראָגן צו די אויגן זיך און זי האָט געטענהט — און ווען איך בין נישט ווערט, אַז איך זאָל מתפלל זיין על עצמי, מכל שכן אויף מיין מאַן און מיינע קינדער, פאַרזיכער איך מיך אויף דיר, דו טוסט חסד לאלפים, דיין גענאָד קער צו פיל.

יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. זי האָט איצט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אין סידור אַריין. זי האָט אַ צעשפּרייט געטאָן די עלנבויגנס און זי האָט געזאָגט ווייטער:

— לאָזן מיינע טרערן ניט לער אָפּלויפן. דער מידת־הדין זאָל ווערן געאיינציקט מיט מידת־הרחמים, און עס זאָל דאָס יאָר קומען דער גואל־צדק און גאָט זאָל געבן, מיר זאָלן אויך דערלעבן, אַז אין אונדזערע טעג און אין אונדזערע קינדערס טעג זאָל דער בית המקדש געבויט ווערן. און איך, יאַכעט בת פראדל, מיט אַלע נשים צדקניות, זאָלן מיר דערלעבן דאָרטן מתפלל זיין בזכות די אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה, און מיין מוטער לאה זאָל אויך בעטן פאַר מיר און פאַר כל ישראל.

יאַכעט האָט זיך צוגעלייגט דעם סידור צום פנים. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זי האָט פאַרענדיקט: במהרה בימינו אמן סלה.

יאַכעט האָט זיך אַ וויג געטאָן, געעפנט די אויגן און אַוועקגענומען דעם סידור פון פנים. די הויט אויף איר פול פנים איז געווען אָנגעצויגן. אַ ווײַלע האָט זי געקוקט און נישט געזען. זי האָט איבערגעפירט די צונג איבערן גומען, עס איז איר געווען טרוקן אין מויל. יאַכעט האָט אַ קוש געטאָן דעם סידור און אים פאַרמאַכט, אויסגעשטרעקט די האַנט און דעם סידור אַרויפגעלייגט אויפן פענצטער. זי האָט זיך אויסגעדרייט און זי איז צוגעפאַלן צו די קינדער, זיי אַרומגענומען. די קינדער האָבן זיך

צוגעטוליעט צו איר, זיך געשטופּט, ווי זיי זאָלן וועלן אַריינקריכן צו איר אין שויס.

רבקהלע האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ אין אַ זייט:

— מאַמע, קום מיט אונדז אין גאַס אַריין.

יאַכעט האָט מיט בײדע הענט אָנגעצויגן פון אַלע זייטן דאָס טישטעך איבערן טיש.

— שפּאַצירן — האָט זלאַטעלע אונטערגעהאַלטן די שוועסטער, צע־ציִענדיק דאָס וואָרט.

— קינדערלעך — האָט די מוטער זיי אַ זאָג געטאָן און זיך אויס־געדרייט צו זיי. זי איז שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט — אין דרויסן איז אַ קרירה, קינדער טאָרן נישט אַרויס אין גאַס. עס איז אַ קעלט, אַז די אויערן און די נעז פרירן אָפּ — האָט זי געוואָרנט די קינדער. זי אַליין האָט זיך איינגעקאָרטשעט ווי זי זאָל פילן די קעלט אויף זיך. איצט איז יאַכעט אַוועק צום שענקל.

די מוטער האָט זיך אָנגעבויגן און פון שענקל אַרויסגענומען צוויי חלות. זי האָט פאַרמאַכט צוריק די טירלעך פון שענקל, אַ נעם געטאָן פון שענקל דאָס חלה־טישטעכל און זי איז געגאַנגען צום טיש. גייענדיק האָט זי זיי אַ זאָג געטאָן: — שבת מאַכט גאָט גרויסע פרעסט.

די קינדער האָבן געקוקט איר אין פּנים אַריין און זענען איר נאָכ־געגאַנגען.

— שבת זענען די יידן אין שטוב. מען האַנדלט נישט און מען וואַנ־דלט נישט — האָט יאַכעט ממשיך געווען. די חלות האָט זי געהאַלטן פון פאָרנט, ווי זי זאָל זיי אָנלענען אויף דער ברוסט.

אויבן אָן, ווו פּיוול זיצט, האָט יאַכעט אַוועקגעלייגט די חלות אין דער ברייט. זי האָט פונאַנדערגעשפּרייט דאָס טישטעכל און איבערגעדעקט די חלות. יאַכעט האָט זיך אָפּגערוקט אַ שריט פון טיש, אַוועקגעצויגן דעם קאָפּ — זי האָט באַטראַכט דעם אויסגעהאַפּטענעם מיט זיידענעם אָראַנזש־פאָדעם „שבת־קודש" אויפן טישטעכל.

— דאַנקען גאָט — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן און זי איז צוריק אַוועק צום שענקל.

די מיידלעך האָבן זיך אַ ריס געטאָן נאָך איר, זיך אויסגעגליכן מיט דער מוטער. זיי האָבן ווייטער געוואָלט הערן, וואָס די מוטער וועט זיי דערציילן.

די מוטער האָט צוגערוקט צום ראַנד פון שענקל דאָס שטייסל טעלער, צונויפגענומען די גאָפּל, לעפל און דאָס קיכמעסער און זיי אַרויפגעלייגט אויף די טעלער. זי האָט אויך אַרויפגעשטעלט דאָס זאַלצמעסטל און אַ נעם געטאָן דאָס שטייסל טעלער אויף זיך. זי איז געגאַנגען צום טיש. גייענדיק, האָט זי ממשיך געווען רעדן. זי האָט באַלערנט די קינדער, אַז ווען ס'איז אַ שטאַרקער ווינטער מיט אַ סך שניי, איז זומער אַ גערעטעניש.

יאַכעט האָט פּאַרזיכטיק אַרויפגעשטעלט די טעלער אויפן טיש, אַ שטיקל באַשטעק זאָל נישט אַראָפּפאַלן. זי האָט זיך אויסגעדרייט און אַ זאָג געטאָן: — דער שניי וואַרעמט אויס די פעלדער.

די מוטער האָט דאָס שטייסל טעלער אַריינגערוקט אין מיטן טיש. דאָס קיכמעסער האָט זי אַרונטערגערוקט אונטערן חלה־טישטעכל, דאָס זאַלצ־מעסטל אַרויפגעשטעלט אויפן טיש. זי האָט מיט אַלע פינגער פון דער האַנט אָנגענומען דאָס באַשטעק און עס אַוועקגעלייגט ביי די טעלער. דער מעטאַלקלונג פון די צעשיטע גאָפּל־לעפל איבערן טיש האָט אָפּגע־הילכט איבער דער שטוב.

— מאַמע, דערצייל ווייטער — האָט זלאַטעלע זיך אַ בעט געטאָן ביי איר. איר בקשה איז געבליבן אָן אַן ענטפער.

די מוטער האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען אַרומגיין אַרום דעם טיש. זי האָט צוגערוקט די בענקלעך צום טיש, די באַנק האָט זי אַוועקגעשטעלט גלייך.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן טיש: דער שבת־טיש איז געווען גע־גרייט. אין שטוב איז געווען שטיל. די וואַרעמקייט האָט זיך געסדרט שיכטנווייז, דער קאַלך אויף די ווענט האָט שוין געגלאַנצט.

די מיידלעך האָבן געקוקט אויף דער מוטער, געוואַרט די מוטער זאָל דערציילן ווייטער, אָבער זיי האָבן שוין געפילט די ריחות פון די מאכלים.

— מאַמע! מאַמע! — האָט יאָסעלע זיך צעשריגן און געוואָרפן מיט די הענט. ער האָט געוואָלט די מוטער זאָל אים נעמען אויף זיך.

יאַכעט האָט זיך אָנגעבויגן, אַ קוש געטאָן יאָסעלען אין די אויגן, זיך אויסגעגליכן און מיטביידע הענט אַ גלעט געטאָן די מיידלעך איבער די קעפּ.

— קינדער, איך גיי ברענגען דאָס טשאָלנט, זלאַטעלע, איר זאָלט

נישט צוגיין צום אויוון, צום פייער — האָט די מוטער איר אַ זאָג געטאָן, ווענלדיק זיין זיכער, האָט די מוטער צוגעגעבן: היינט איז שבת.

יאַכעט האָט זיך אַרומגעהילט מיטן טיכל. זי האָט אויפגעהויבן די אַקסלען. זיי זענען געוואָרן שפּיציק, ווי זי זאָל שוין פילן די קעלט אין די גלידער. — טאַכטערשי, היט די שטוב — האָט זי אַ זאָג געטאָן זלאַטעלען און זי איז אַוועק צו דער טיר. זי איז אַרויס פון שטוב און איילִיק נאָך זיך פאַרמאַכט די טיר.

יאָסעלע האָט זיך צעוויינט: — מאַמע, מאַמע — האָט ער נאָכגעשריגן דער מוטער. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. אַ טרער איז אים אַראָפּגעפאַלן און הענגען געבליבן אויף אַ באַק.

זלאַטעלע איז צוגעגאַנגען צו אים. זי האָט אָנגעלענט אויף זיך זיין קאָפּ. — שאַ, שאַ, — האָט זי אים באַרויִקט, אַזוי ווי די מוטער פריִער.

רבקהלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער שוועסטער אַנטקעגן און געקוקט אויף ביידן.

— קום זיך שפּילן, זלאַטעלע — האָט זי אַ זאָג געטאָן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן און צוגעגעבן — אין באַהעלטערלעך. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אַ שלעפּ געטאָן דאָס ברודערל צו זיך.

יאָסעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף זלאַטעלען און זיך באַרויִקט. רבקהלע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט נאָר געקוקט אויף דער שוועסטער. זלאַטעלע האָט צוגעפירט יאָסעלען ביזן ווינקל, צווישן בעט און דעם פענצטער און אים אָפּגעלאָזט.

— איך שלאָף, באַהאַלט אייך — האָט זי אַ זאָג געטאָן. זלאַטעלע האָט אַ שטופּ געטאָן יאָסעלען, אים געשיקט זיך באַהאַלטן. זי האָט איבערגעלייגט זיך דעם עלנבויגן איבער די אויגן, אָנגעלענט דעם קאָפּ אין ווינקל און זיך אַ פרעג געטאָן — שוין? שוין?

יאָסעלע איז אַריינגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט בעט. ער האָט זיך אַריינגערוקט אין ווינקל.

רבקהלע איז אַריינגעקראָכן אין ווינקל פון יענער זייט אויוון. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט און אַ שריי געטאָן — שוין!

זלאַטעלע איז אָפּגעגאַנגען לאַנגזאַם און זיך געוויגט, ווי זי זאָל מורא האָבן שטעלן די פיס. אין מיטן שטוב איז זי שטיין געבליבן, אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, געזוכט.

רבקהלע האָט אונטערגעהויבן איר קאָפּ.

— רבקהלע! — האָט זלאַטעלע אַ שריי געטאָן. זי איז צוגעלאָפן און אָנגעקלאַפּט אין בעט מיט דער האַנט און דערביי געציילט: איינס, צוויי, דריי.

ביידע, רבקהלע און יאָסעלע, זענען אָפּערגעקראָכן פון די באַהעל־טענישן. יאָסעלע איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב. רבקהלע איז צו־געגאַנגען ביז דעם בעט. איצט האָט זי זיך פאַרשטעלט די אויגן מיטן עלנבויגן און זיך אַריינגעשטעלט אין דעם זעלבן ווינקל, וווּ זלאַטעלע איז געשטאַנען.

זלאַטעלע האָט אַ צי געטאָן דאָס ברודערל ביי דער האַנט און זי האָט אים שטיל אַ זאָג געטאָן: — קריך אַרונטער. יאָסעלע איז אַרונטער־געקראָכן אונטערן טיש.

— שוין? — האָט רבקהלע אַ פרעג געטאָן.

זלאַטעלע איז צוגעלאָפן אויף די שפּיץ פינגער אין ווינקל אַריין ביים שענקל און זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט.

רבקהלע האָט געהערט אירע טריט. זי האָט זיך אויסגעדרייט.

— זלאַטעלע! — האָט זי אַ שריי געטאָן און מיט דער האַנט זיך אָנגעקלאַפּט אין בעט.

זלאַטעלע איז אָפּערגעלאָפן און זי איז שטיין געבליבן אין מיטן שטוב.

— האָסט געמאַכט שקרות, איך וויל נישט — האָט זי געשריגן צו דער שוועסטער און געהויבן די אַקסלען, אַז זי באַשטייט נישט.

רבקהלע האָט געקוקט אויף איר מיט אויסגעשראָקענע אויגן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די שוועסטער וויל פון איר. יאָסעלע איז געזעסן אונטערן טיש און אָפּערגעקוקט.

— האָסט געזען יאָסעלען דעם ערשטן — האָט זלאַטעלע איר פאַר־געוואָרפן. זי איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענעם אַקסל, ווי זי זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר דער שוועסטער.

— דיך האָב איך געזען! דיך האָב איך געזען! — האָט רבקהלע זיך צעשריגן און אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט.

יאָסעלע איז שטיין געבליבן אויף אַלע פיר און אַזוי אָפּערגעקראָכן פון אונטערן טיש. די דריי קינדער זענען געשטאַנען זיך אַנטקעגן און זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. די וואַרעמקייט איז געלעגן איבער

זיי. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז זיי זענען אַליין. זייער נידעריקע שטוב איז פֿאַר זיי איצט געווען ריזיק און ליידיק.

אַ ווײַלע זענען די קינדער געשטאַנען און געהאָרכט. די צייט איז פֿאַר זיי געווען אומענדלעך, פֿול מיט זאָרג. זיי האָבן געוואַרט די מוטער זאָל שוין צוריקקומען. רבקהלע האָט געשוויגן. זי האָט באַטראַכט די שוועסטער. איר בליק איז געווען קינדיש, תמימותדיק, פֿול מורא. אויך זלאַטעלע איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טיר און אַ זאָג געטאָן:

— מירן זיך שפּילן אין כאַפּעלעך.

— יאָ, — האָט רבקהלע שטיל און אומגערן איר געענטפֿערט און גענומען לויפֿן אַרום די בענקלעך, אַרום דעם טיש. זלאַטעלע האָט זי נאָכגעיאָגט. יאָסעלע איז געשטאַנען און גענאָגט דעם פֿינגער. ער האָט געקוקט ווי די שוועסטערן לויפֿן.

די מיידלעך האָבן זיך געיאָגט. יעדעס מאָל ווען רבקהלע איז פֿאַרבייגעלאָפֿן אַ בענקל, האָט זי אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויפֿן אַנלען. זי האָט אַזוי אַרום זיך געהאָלפֿן לויפֿן. פֿון אָנפֿאַנג זענען זיי געלאָפֿן פּאַמעלעך, אָבער נאָך דעם, ווי זיי האָבן עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט דעם טיש, האָבן זיי פֿאַרשנעלערט דאָס טעמפּאָ פֿון לויפֿן. זיי זענען געלאָפֿן מיט אימפּעט, נישט ווײַל זיי האָבן געוואָלט, נאָר פֿאַר מורא וואָס זיי זענען אַליין. זיי זענען געלאָפֿן און געסאָפּעט. זלאַטעלע איז געלאָפֿן הינטער דער שוועסטער, אָבער זי האָט נישט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו כאַפּן. זיי האָבן נישט געוואָלט דאָס געיעג זאָל זיך איינשטעלן.

מיט אַ מאָל איז רבקהלע שטיין געבליבן אַ פֿאַרסאָפּעטע. זלאַטעלע איז אַרויפֿגעלאָפֿן אויף איר אויך אַ פֿאַרסאָפּעטע. רבקהלע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ. דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט.

אַז זיי האָבן איבערגעכאַפּט דעם אָטעם האָט רבקהלע אַ זאָג געטאָן:

— לויף! איצט וועל איך דיך יאָגן.

זלאַטעלע האָט זיך געלאָזט לויפֿן. זיי זענען געלאָפֿן אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג און לאַנגזאַם. די ראיה אין שטוב איז געווען גרוי, נאָר דעם פֿענצטער אַנטקעגן איז די שיין געווען העלער. די מיידלעך האָבן זיך געיאָגט, אָבער אָן כּוח, דער אימפּעט האָט זיי געטריבן. לויפֿנדיק האָט פֿון מאָל צו מאָל ווער פֿון זיי איינגעבויגן אַ קני ווי זיי זאָלן פֿאַלן און געלאָפֿן ווייטער.

די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. דורך דער אָפענער טיר, צוזאַמען מיט דער קעלט, האָט זיך אַדורכגעשטופּט יאַכעט. זי האָט מיטן פוס פאַר־האַקט די טיר און זי איז שטיין געבליבן אַ פאַרסאַפּעטע. זי איז אויך געלאָפן. איר פּנים איז געווען אויסגעפרוירן. זי האָט אַ קוק געטאָן, וואָס די קינדער טוען. איין זייט טיכל איז פון איר אַראָפּגעהאָנגען, נאָר איר צווייטער אַקסל איז געווען איבערדעקט. אירע שפּיץ אויערן האָבן געגליט פון קעלט. אירע ביידע הענט האָבן געהאַלטן די אויערן פון דער דיניצע.

— שבת! — האָט זי כּעסיק אַ שריי געטאָן.

יאָסעלע האָט אַרויסגענומען דעם פינגער פון מויל. די מיידלעך זענען שטיין געבליבן. פאַרשעמטע האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי זיך איבערגעקוקט. זייערע אויגן האָבן געלאַכט. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס די מוטער איז שוין געקומען. די טראָטשענעס אַרום דעם טיש זענען געווען איינגעטרעטן. דער טיש מיט די בענקלעך זענען געווען אַרומגעקרייזט מיט אַ ראָד ווי אַן אויסגעטרעטענער שטעג.

יאַכעט איז צוגעגאַנגען און זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן שפּיץ פון אויוון די דיניצע מיט טשאָלנט. זי האָט נישט געוואָלט ס׳טשאָלנט זאָל זיך, חלילה, וואַרעמען אויפן שבתדיקן פייער.

די מיידלעך האָבן דערפילט דעם ריח פון טשאָלנט און זיי זענען אונטערגעלאָפן צו דער מוטער.

יאַכעט האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער דיניצע. אַ ווײַלע האָבן אירע פינגער זיך געפּאַרעט. זי האָט געוואָלט אָפּבינדן דאָס שטריקל פון דער דיניצע. די קינדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר. דער קניפּ איז געווען פאַרטריקנט, ער האָט זיך נישט געלאָזט אויפבינדן. יאַכעט האָט אַראָפּגענומען פון דער דיניצע די שטאַרץ מיטן פּאַפּיר צוזאַמען ווי אַ קאַפּל. יאַכעט האָט אַ שניפּ געטאָן מיט דער נאָז און אַ זאָג געטאָן.

— מיין מזל זאָל מיר אַזוי גראָטן, ווי דאָס טשאָלנט איז געגראָטן.

אַ זיסלעכער, פעטער ריח פון אויסגעבאַקענע קאַרטאָפל איז זיך צער־גאַנגען איבער דער שטוב. יאָסעלע האָט גענומען מלאַסקען מיט די ליפּן. זלאַטעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די פינגער אין ראַנד פון אויוון, זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און אַ קוק געטאָן אין דער דיניצע אַריין.

יאַכעטס נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט. יאַכעט האָט שנעל צוריק איבערגעדעקט די דיניצע מיטן פּאַפּירענעם קאַפּל. זי האָט אויסגעשטרעקט

די הענט און אַרומגענומען די קינדער. די קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט צו איר.

עס האָבן זיך דערהערט שווערע שטיוול־טריט און לייכטע טריט, וואָס זענען ווי נאָכגעלאָפן.

די מוטער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס טיכל, עס איילִיק צונויפגעלייגט און אַ שליידער געטאָן אויפן בעט אַרויף. דאָס טיכל איז ליגן געבליבן אויפן עק בעט מיט אַן איבערגעוואָרפענעם שפּיץ איבערן בעטאָנלען.

טז

די טיר האָט אַ קאַרץ געטאָן, ווי זי זאָל זיך קעגנשטעלן, און זי האָט זיך אויפגעפּראַלט. דוד איז אַריין אין שטוב דער ערשטער און צוזאַמען מיט אים — די קעלט. די קעלט האָט אַ שפּאַציר געטאָן איבער דער שטוב, ווי זי זאָל פונאַנדערטרייבן די וואַרעמקייט.

פּייוול איז שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר, האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער זאָל אַריינקוקן אין שטוב אַריין. זעענדיק די משפּחה, ווי זי שטייט ביים אויוון, האָבן זיינע שוואַרצע אויגן אַ גלאַנץ געטאָן, ער האָט אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט דעם פוס, ווי ער זאָל אַריינשפּרונגען אין שטוב אַריין, און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

ביידע, דער טאַטע און דער זון, האָבן אויסגעזען אין זייערע לאַנגע, דיקע פּאַלטענעס אָנגעבאָנצעט. זייערע אָנגעפּרוירענע אויערן און נאָז זענען געווען רויט און האָבן געגליט.

יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויף פּייוולען פון אונטערן שטערן אַפּער. נישט פילנדיק האָט זי אָנגעצויגן אויף זיך איר קלייד און זי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן. די קינדער זענען צוגעפאַלן צום פאָטער. זיי האָבן זיך געטוליעט צו די פּאָלעס פון זיין באָנדע.

— קינדער, גענוג! — האָט דער פאָטער זיי אַ זאָג געטאָן און פאַרמעלעך זיך אָפּגערוקט פון זיי. די קינדער זענען שטיין געבליבן אין אַ ליידיקייט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

ביידע מענער האָבן זיך צעקנעפּלט, אַ טאַנץ געטאָן, אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט און אַראָפּגעלאָזט אַן אַקסל. אונטערשפּרינגענדיק האָבן זיי פון זיך געצויגן די ווינטער־בגדים.

פּייוול האָט זיך אויסגעדרייט. זיין פּנים האָט געגלאַנצט. די קעלט

האָט געטאַיעט אוי אים. פייוול איז געשטאַנען אַן אַרומגעהילטער אין טלית. זיין באָרד איז געלעגן איבערן טלית.

— מאַך קידוש, ס׳האַרץ חלשט דיר — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן פייוולען. פייוול האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט אַ שפּרייז געטאָן צוויי טריט, אויסגעשטרעקט די הענט, אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית און אים אַריבערגעהאָנגען איבערן בענקל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און ער איז אַוועק צום שעפל.

פייוול האָט אָנגענומען די שעפּ און זי איינגעטונקען אין קיבל. די שעפּ איז ליגן געבליבן אויף דער וואַסערפלאַך. עס האָט זיך דערהערט אַ טויבער וואַסערפליוך.

יאַכעט האָט אַדורכגעשטופּט אַן אַקסל דורך דעם דורכגאַנג און זי איז איילעק אַרויס פון אַלקערל. זי האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דאָס טעפּל אין די שיסל ציבל אויפן טאָפּ.

פייוול האָט אָנגענומען מיט דריי פינגער דאָס חלה־טישטעכל אין דער מיט און עס אויפגעהויבן אין דער הייך. דאָס טישטעכל האָט זיך צונויפ־געלייגט ווי אַ שערעם. ער האָט דאָס טישטעכל אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, אויסגעשטרעקט די הענט און מיט די האַנטפלאַכן איבערגעדעקט די חלות. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיך אַ וויג געטאָן איבער די חלות און אָנגע־הויבן: זכור את יום השבת לקדשו —

ער האָט אויפגעהויבןביידע חלות אין דער הייך, ווי ער זאָל זיי וועגן, דערנאָך האָט ער זיי צוריק אַוועקגעלייגט. איינע פון די חלות האָט ער אויפגעשטעלט אויפן טיש. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער שפּיץ חלה, אַריינגעשטאָכן דאָס מעסער אין דער חלה און די חלה אַרומגעדרייט איבער דער שאַרף פון מעסער. די חלה האָט זיך איבערגעשניטן, פון דער אונטערשטער טייל וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט האָט ער אָפּגעשניטן אַ מוציא. אויך די טייל חלה איז ליגן געבליבן אויפן טיש. ער האָט אַרויס־געלייגט דאָס מעסער פון האַנט, דעם שפּיץ פון דער מוציא איינגעטונקט אין זאַלץ און אים איינגעביסן.

זלאַטעלע האָט אויפגעהויבן יאָסעלען און אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. דוד מיט די מיידלעך האָבן זיך אויך אַוועקגעזעצט, יעדער אויף זיין אָרט, אַזוי ווי זיי זענען געזעסן פרייטיק צו נאַכטס.

יאַכעט האָט זיך געפּאָרעט אַ געבוקטע איבערן טיש. זי האָט מיט

אַ גאָפּל, וואָס זי האָט געהאַלטן אונטן ביי די ציין, אויסגעטיילט די פיש. זי האָט געטיילט אין די טעלער אַריין, וואָס זי האָט צעשטעלט פריִער.

פייוול האָט געגעסן און געשניטן מוציאס. ער האָט אָנגעשניטן אַ מוציא, זי איינגעטונקען אין זאַלץ און זי אַוועקגעלייגט דעם ווייב. דערנאָך האָט ער אָנגעשניטן פיר מוציאס און זיי אָנגעלייגט איינע אויף דער אַנדערער אַ שטיסל. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער יעדן קינד אונטערגעטראָגן אַ מוציא.

יאַכעט האָט זיך אויסגעגליכן. אַ ווײַלע האָט זי באַטראַכט די פּאַרציעס אויף די טעלער. אירע ליפּן זענען געווען פאַרצויגן. יאַכעט האָט מיט איין האַנט אָנגעבויגן דעם טאָפּ מיט די פיש. אַלץ, וואָס איז נאָך געווען אינעם טאָפּ, האָט זי צוגעלייגט צו איינעם פון די טעלער. זי האָט אָפּגעלאָזט דעם טאָפּ, אַרויסגעלייגט דעם גאָפּל פון האַנט און גענומען דערלאַנגען די פיש. דעם ערשטן טעלער פון פאַרנט האָט זי צוגערוקט פייוולען. פייוול האָט אַ קוק געטאָן אויפן טעלער, דערנאָך אויף יאַכעטן. יאַכעט האָט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן. אירע לאַנגע ווימערן האָבן אַ ציטער געטאָן און זי האָט געטיילט די פאַרציעס ווייטער.

אין שטוב איז געווען שטיל. מען האָט נאָר געהערט דעם קלאַפּ פון די צינענע גאָפּל, ווען זיי האָבן אָנגערירט די עמייל־טעלער. די צוויי ליידיקע מיט חלב באַטריפטע לייכטער זענען געשטאַנען אויף דער טאַץ, זיי האָבן באַוואַכט דעם שבת־טיש.

פייוול האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַכעטן און ער האָט זיך אָנגעבויגן. ער האָט אָפּגערוקט פון הינטער זיך דאָס בענקל און זיך אויפגעשטעלט. פייוול האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ, ווי ער זאָל זיך וועמען גריסן, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אַראָפּגערוקט דאָס קאַפּל אויף דער פאַזעכע און ער איז אַוועק אין אַלקערל. די קינדער זענען זיצן געבליבן שטיל. זיי האָבן געוווּסט נאָך וואָס דער פאָטער איז אַוועק אין אַלקערל.

פייוול איז געגאַנגען פאַמעלעך און געטראָגן דאָס פלעשל אָקאָוויט. דאָס גלעזל אויפן פלעשל האָט זיך געשאָקלט, געקלונגען. דאָס היטל האָט פייוול געלאָזט אין אַלקערל.

די מיידלעך האָבן געשמייכלט. דער גלאָזקלאַנג האָט זיי געמאַכט פריילעך.

פייוול האָט אַראָפּגענומען דאָס גלעזל פון פלעשל און עס אַוועק־

געשטעלט אויפן טיש. ער האָט אויפגעשטאָפּט דאָס פלעשל און עס איבער־געבויגן איבערן גלעזל. עס האָט זיך דערהערט אַ דינער כליפּ. ער האָט אונטערגעשטעלט דאָס מויל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ צוזאַמען מיט דעם גלעזל אויף הינטן.

פּייוול האָט אָנגענומען מיט דער האַנט דאָס קנעפּל פון קאַפּל און עטלעכע מאָל עס אונטערגעהויבן, ער האָט זיך געקילט דעם קאָפּ. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָנגעבראָכן אַ כזית חלה, אַרײַנגעלייגט זיך אין מויל און דעם ביסן אַראָפּגעשלונגען אַ גאַנצן. ער האָט זיך פאַרריבן די הענט און געשמייכלט צו אַלע.

פּייוול האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן סידור און זיך צעזונגען: — ברוך אדני יום יום יעמס לנו ישע ופדיום — טאָג־טעגלעך וועלן מיר דיך בענטשן, גאָט. דו וועסט אויף אונדז אָנלאָדענען פרייד און דערלייזונג, און אין דײַן נאָמען וועלן מיר זיך פרייען.

דוד האָט זיך צוגעבויגן צום פאָטער. דאָס בענקל איז שטיין געבליבן אויף די צוויי זייטיקע פיס. דוד האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אין שפּיץ טיש. דער פאָטער האָט אים אונטערגערוקט דעם סידור. קרן לעמו ירים תהלה לכל חסידיו — האָט דוד אונטערגעכאַפּט דעם פאָטערס ניגון. זײַן אַלט האָט געקלונגען, זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטוב.

— נאַ, נאַ, נאַ, נאַ, — האָט אַ ווייכע פרויען־שטימע מיטגעברומט. דאָס האָט די מוטער, וואָס איז געשטאַנען ביים שעפּל, מיטגעזונגען מיטן זון. אַ דין ריטשקעלע האָט פון מאָל צו מאָל זיך אַ גאָס געטאָן אין שעפּל אַרײַן. יאַכעט האָט געוואַשן יעדן טעלער באַזונדער.

זלאַטעלע האָט אָנגעקוקט דודן. זי האָט אַ ווײַז געטאָן רבקהלען מיטן פינגער, ווי זי זאָל דיריגירן. די מיידלעך האָבן געעפנט די מײַלער און זיך צעזונגען צוזאַמען מיטן פאָטער.

יאַכעט האָט איבערגעהאַנגען די שטשערקע איבערן קיבל. זי האָט אַ נעם געטאָן פון עק באַנק די אָפּגעוואַשענע כלים. דאָס שטייסל טעלער מיט די גאָפּל אויף זיי האָט זי ווי אָנגעלענט אויפן בויך זיך. זי איז מיט זיי אַוועק צום טיש. איר טריט איז געווען אַ קורצער און לייכטער.

די מוטער האָט אויסגעטיילט די ציבל און יעדן אונטערגערוקט אַ טעלער. די קינדער האָבן זיך איבערגעבויגן איבער די טעלער און גע־נומען עסן.

יאַכעט האָט אָנגענומען די שיסל ביי דער ראַנד. זי האָט אַ שטעל געטאָן אַ פוס. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן פוס און זי האָט אַ שליידער געטאָן די שיסל אין מולטער אַריין. זי האָט זיך אויסגעגליכן און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

נאָכן אויפעסן די ציבל איז יאַכעט אַוועק צום אויוון. זי האָט זיך אָנ־געבויגן און מיטביידע הענט אָנגענומען די איינגעפּאַקטע אין פּאַפּיר שטאַרץ. דאָס פּאַפּיר איז געווען פאַרברוינט און טרוקן פון דער היץ. אַ געדיכטע טונקעלע פּאַרע האָט אַ זעץ געטאָן פון דער דיניצע. יאַכעט האָט אַוועקגעבויגן דאָס פּנים און באַלד זיך צוריק איבערגעבויגן איבער דער דיניצע.

— אַ גביריש טשאָלנט — האָט זי אַ זאָג געטאָן און פאַרמרוזשעט די אויגן. זי האָט מיט צוויי פינגער פון ביידע הענט אָנגעכאַפּט די ראַנדן פון קוגל־פענדל און עס אַ צי געטאָן אַרויף. זי האָט אַרויסגעצויגן דעם קוגל פון טשאָלנט און אים אַוועקגעשטעלט אין דער זייט אויפן אויוון.

יאַכעט איז געגאַנגען צום טיש און געטראָגן די דיניצע ביי די אויערן, איר ברוסט אַנטקעגן, ווי זי זאָל טראָגן אַ בעכער. מיט אַ מאָל האָט זי אַראָפּגעלאָזט איין האַנט. די דיניצע איז ווי הענגען געבליבן איר אין דער צווייטער האַנט. זי האָט זיך אָנגעבויגן, איבערגעוואָרפן אַ שטיקל טישטעך און אַוועקגעשטעלט די דיניצע אויפן שפּיץ טיש. די טשאָלנט־פּאַרע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, געבליבן הענגען איבערן טיש.

יאַכעט האָט גענומען איר לעפל און אים אַריינגעשטעקט אין דער שפּאַרע צווישן דער דיניצע און דעם טשאָלנט. מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי אַ נעם געטאָן פּיוולס טעלער. זי האָט אונטערגעהויבן דעם לעפל, אָנגענומען און אַרויפגעלייגט אויפן טעלער דעם טשאָלנט. יעדער קאַרטאָפל האָט געהאַט אַן אַנדערע צורה, לויט ער איז געווען אויסגעשיילט. געווען קאַנטיקע און קיילעכיקע קאַרטאָפל, לאַנגע און ברייטע. די גרויסע קאַר־טאָפל, וואָס זענען געווען אַדורכגעשניטן, האָבן אויסגעזען ווי פּיראַמידן און טראַפּעזן. די גאַנצע און געשניטענע קאַרטאָפל האָבן זיך געפּאַסט איינער צום אַנדערן און זיי האָבן געבויט די פּאַרציע אויפן טעלער. יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויפן טעלער און זי האָט אים אַוועקגעשטעלט פּיוולען. די גאַנצע טיף פון טעלער ביז דער ראַנד איז געווען אָנגעפילט מיט אַן אויפגעשטאַפּלטע, ברוינע און גלאַנציקע קאַרטאָפל־פּיראַמידע.

יאַכעט האָט צונויפגערוקט אַלע טעלער אין מיטן טיש אַריין און זי האָט געטיילט ווייטער.

פון דער פּאַרע פון דער דיניצע איז יאַכעטס פּנים געווען פייכט. איר הויט האָט געגלאַנצט. זי איז שטיין געבליבן מיטן לעפל אין האַנט. זי האָט אַ קוק געטאָן, צי אַלע עסן. איצט האָט זי גענומען אַנלייגן אויפן טעלער אַ פּאַרציע פאַר זיך.

פּײַוול האָט געגעסן שנעל. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַרײַנגענומען דעם לעפל מיטן עסן אין מויל, האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן טעלער און אַ כליניע געטאָן. ער האָט אַרײַנגעכאַפּט דאָס עסן. זיינע ליפּן זענען געווען קוים צוגעלענט, זיין גאָמבע האָט זיך געוואָרפן. ער האָט דעם הייסן קאַרטאָפל געקוילערט אין מויל, אים געקילט, צעקייעט און אַראָפּ־געשלונגען. זיין טעלער איז געווען כמעט שוין ליידיק, נאָך עטלעכע קאַרטאָפל זענען געלעגן אויפן טעלער אין דער זייט.

די קינדער זענען געזעסן מיט איבערגעבויגענע אַקסלען איבער זייערע טעלער. זיי האָבן געזוכט די קליינע קאַרטאָפל, זיי זאָלן קענען זיי אַרײַנ־נעמען אין מויל גאַנצע. זיי האָבן יעדן קאַרטאָפל אַרויפגענומען אויפן לעפל, אים אַראָפּגענומען מ'ט די ציין און געקוילערט אין מויל. דער הייסער קאַרטאָפל האָט זיי געבריט. זיי האָבן די קאַרטאָפל נישט צעקייעט, נאָר צעריבן מיט די ציין. ביי יעדן שלונג האָבן זיי אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, ווי זיי זאָלן זיך שטיקן.

יאָסעלע האָט געהאַלטן אין האַנט דעם לעפל איבערן טעלער. אַן איבערגעבויגענער האָט ער אַרומגעביסן פון אַלע זייטן דעם קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן לעפל. יעדע ווײַלע האָט ער צוגעלייגט דעם קאָפּ. ער האָט אַ ביס געטאָן און זיין מויל האָט זיך געטרייסלט, ווי ער זאָל בלאָזן. ער האָט געשלונגען און זיך געקרעקט. עס האָט אים געבריט.

יאַכעט האָט געגעסן לאַנגזאַם. זי האָט זיך גענומען די גרויסע איבער־געשניטענע קאַרטאָפל. זי האָט זיך אָנגעזעטיקט מיטן טעם ווען זי האָט געטיילט.

דער טיש מיט די קעפּ פון די מענטשן אַרום אים זענען געווען פאַרהילט אינעם פּעטן, זיסן, געבאַקענעם פּאַרע־נעפּל. די שטוב, דער חלל הינטער זיי איז געווען ווי ליידיק.

פּײַוול האָט אַרויסגעלייגט דעם לעפל פון האַנט און זיך אָוועקגע־בויגן פון טיש. ער האָט זיך צוגעבויגן צום טיש און אויסגעשטרעקט די

האַנט. מיט איין האַנט האָט ער אַראָפּגענומען דאָס איבערגעהאַנגענע גלעזל איבערן פלעשל און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אויפגעשטאָפּט דאָס פלעשל. דער אָקאָוויט האָט געבליפּעט. ער האָט דאָס גלעזל זיך צוגעטראָגן צום מויל, אַ פאַרוואָרף געטאָן דעם קאָפּ אויף הינטן און פאַרמאַכט די אויגן.

יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן: זי האָט נישט געוואָלט פייוול זאָל זען איר שמייכל. פייוול האָט צוריק אָנגעטאָן דאָס גלעזל אויפן פלעשל. ער האָט איינגעקלאַפּט זיך איין האַנט אין דער אַנדערער און איינגעריבן זיך די הענט, ווי עס זאָל אים קאַלט זיין.

פייוול האָט גענומען דעם סידור און אַוועקגעלייגט אים פאַר זיך. ער האָט מיטן גראָבן פינגער אים געעפנט אין דער מיט. פייוול האָט זיך צעזונגען. ער האָט געזונגען אַ ניגון פון אַ מארש מיט צוויי טענער, וואָס האָבן געהילכט ווי פּויקן־קלעפּ: טאַם! טאַם! זיין קול איז געווען דיק, עטוואָס הייזעריק.

יאַכעט האָט צונויפגענומען די טעלער פון טיש. די געבליבענע קאַרטאָפל האָט זי צוריק אַריינגעלייגט אין דער דיניצע. פאַרענדיק זיך האָט זי מיטגעברומט מיט פייוולען. זי האָט מיט איין האַנט אָנגענומען די דיניצע און זי איז אַוועק מיט איר אין אַלקערל אַריין.

יאַכעט איז צוריק אַריין. זי האָט דאָס טעפל מיט פלייש אַוועקגעשטעלט אויפן שפּיץ טיש, אויף דעם זעלבן אָרט, ווו עס איז געשטאַנען די דיניצע.

יאַכעט האָט טיפער אַריינגעשטאָכן דעם גאָפּל און אַרויסגעצויגן פון טאָפּ דריי אויפגעשטאָכענע שטיקלעך פלייש, איינס אויף דעם אַנדערן. יאַכעט האָט איבערגעפירט איר האַנט. זי האָט אַראָפּגעשטופּט די שטיקלעך פלייש אויף פייוולס טעלער און מיטן גאָפּל פונאַנדערגעסדרט איבערן טעלער די שטיקלעך פלייש. זי האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט און אַ קוק געטאָן אויף דער פאַרציע. די דינע, שמאָלע, ווי צויטן שטיקלעך האַלדזפלייש זענען געווען שוואַרץ אויסגעטריקנט, די זייטן פון די שטיקלעך פלייש זענען געווען פאַרבויגן.

יאַכעט האָט געטיילט, אויף יעדן טעלער אַוועקגעלייגט אַ שטיקל פלייש. די קינדער האָבן געוואַרט און זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי זענען געווען מיד, זייערע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן און קליין. די

וואַרעמקייט אין שטוב איז געווען אָנגעדראָלן מיט די ריחות פון די מאכלים.

— קינדער, עסט! — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן. זי איז שטיין געבליבן מיט פאַרלייגטע הענט פון פאַרנט, ווי זי זאָל זיך ווערן מיטן גאָפּל וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

זלאַטעלע האָט אַ זיפץ געטאָן און אויסגעשטופּט איר בויך. ער איז געווען קיילעכיק און גרויס. דוד האָט אָפּגעפּראַכט. קיינער פון די קינדער האָט נישט אויסגעשטרעקט די האַנט. די טעלער זענען געשטאַנען, די גאָפּל זענען געלעגן אויפן טיש.

— וואָס, איר ווילט נישט? — האָט די מוטער אַ פאַרציטערטע אָנגעקוקט די קינדער. אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן זענען איצט געווען נאָך גרעסער.

די מיידלעך האָבן אָנגעקוקט די מוטער פון אונטערן שטערן אַפּער. זייער קוק איז געווען פול געבעט די מוטער זאָל זיי לאָזן גיין.

— גאָטס גוב — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן. — אַן עברה — האָט זי צוגעגעבן. זי האָט אָנגעקוקט די מיידלעך. — גאָט צו דאַנקען — האָט זי אַ ווײַלע שפּעטער זיך שטיל אַ זאָג געטאָן און זי האָט אָפּגעזיפצט. זי איז געווען גליקלעך, וואָס אירע קינדער זענען זאַט. די שטיקלעך פלייש אין טעלער זענען געלעגן און געוואַרט, אַ האַנט זאָל זיך צו זיי צורירן.

פּייוול האָט אויפגעשטאַכן אויפן גאָפּל אַ שטיקל פלייש און עס צוגעטראָגן יאָסעלען צום מויל. דאָס יינגל האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

יאַכעט האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די פיס אין דער זייט, ווי זי זאָל זיצן אויף דערוויל. זי האָט אַריינגעשטעקט איר גאָפּל אין טאָפּ, אים אײַנגעשטאָכן און אים צוריק אַרויסגעצויגן מיט אַ שטיקל פלייש. זי האָט איבערגעדרייט דעם גאָפּל מיט די ציין אַרויף. די עקן פון דעם שטיקל פלייש האָבן זיך איבערגעלייגט, ווי אויערן ביי אַ שטוב־חיה. יאַכעט האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און אײַנגעביסן דאָס שטיקל פלייש. דעם גאָפּל האָט זי געהאַלטן איבערן טעלער. זי האָט געגעסן לאַנגזאַם, אָבער מיט חשק. נישט נאָר אירע קינבאַקן האָבן געביסן, נאָר אויך אירע שלייפן האָבן זיך באַוועגן.

יאַכעט איז געבליבן זיצן מיטן עלנבויגן איבערן טיש. זי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל ווי זי זאָל זיך איילן. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און אַרויסגעלאָזט דעם גאָפּל פון האַנט. „מ׳זאָלס דערלעבן,

מאָרגן וועט איר זיך בעטן" — האָט זי געזאָגט און אויסגעשטרעקט די הענט. זי האָט צונויפגענומען פון איין טעלער נאָכן אַנדערן דאָס פלייש און עס צוריק אַרײַנגעלייגט אין טאָפּ אַריין. זי האָט יעדן צוריק אַוועקגע־שטעלט זיין טעלער און די מיידלעך האָבן געקוקט אויף דער מוטער. זייערע אויגן זענען געווען גרויס, קיילעכיק און האָבן געגלאַנצט.

— ווער עס האָט נישט געגעסן קיין פלייש, דער וועט נישט באַקומען קיין קוגל — זי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, זיך געררייצט מיט די קינדער.

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט.

— יאָ, יאָ, דער טאַטע וועט קריגן דעם גאַנצן קוגל — האָט זי זיי אַ זאָג געטאָן און זי איז אַוועק פון טיש.

יאַכעט איז נישט צוגעגאַנגען ביז צום אויוון. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און פון ווייטנס אַנגענומען ביים אויער דאָס קוגל־פענדל. די קוילן אין אויוון האָבן געגליט. דער פלאַם איז שוין געהאַט אויסגעגאַנגען.

— אַ קוגל ווי ביים קייסער — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן.

— דו ביסט די מלכה — האָט פייוול איר אָפּגעענטפערט אונטער דער נאָז, ווי ער זאָל אַריינרעדן אין דער באָרד אַריין.

ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט יאַכעט אַ נעם געטאָן איר גאָפּל אין האַנט און אַ קוק געטאָן אויף פייוולען. זי האָט אַרייַנגעשטאָכן דעם גאָפּל אין דער שפּאַרע צווישן דעם פענדל און דעם קוגל.

דוד און די מיידלעך האָבן אונטערגערוקט דער מוטער זייערע טעלער, צוהאַלטנדיק זיי.

יאַכעט האָט אַרומגעפירט דעם גאָפּל אַרום דעם קוגל. זי האָט אַ קוק געטאָן אין פענדל אַריין צו זען וויפל זי האָט און ווי זי זאָל טיילן. זי האָט אַנגענומען אַ גאָפּל מיט קוגל און אים אַרויפגעלייגט אויף יאָסעלעס טעלער. יאָסעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אַ קרישקע קוגל און אַריינגעשטופּט זי אין מויל זיך. יאַכעט האָט אים צוגעלייגט נאָך צוויי גאָפּל קוגל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יינגלס טעלער און זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו די טעלער, וועלכע די קינדער האָבן געהאַלטן. איצט האָט זי געגעבן דודן. זי האָט זיך צוגעאיילט: זי האָט שוין געהאַט אַ מאָס.

די מוטער האָט געטראָגן פאָרזיכטיק די פולע גאָפּל צו די טעלער, אַ ברעקל זאָל נישט אַראָפּפאַלן, און איינגעטיילט אַלעמען די פּאָרציעס.

יאַכעט האָט זיך אָפּגעבויגן פון פענדל. זי האָט אויף איר טעלער אַרויפגעלייגט צוויי גאָפּל קוגל און אַ קוק געטאָן אין פענדל אַריין. זי האָט געוואָלט זען וויפל עס איז איר געבליבן. צו יעדן טעלער האָט זי צוגעלייגט אַ ווייך שטיקל רענדל. יאַכעט האָט אָנגענומען מיט איין האַנט דאָס פענדל, מיט דער צווייטער האַנט האָט זי מיטן גאָפּל אויסגעקראַצט אַלץ, וואָס עס איז געבליבן אין פענדל. זי האָט דאָס פענדל איבערגעדרייט איבער פּייוולס טעלער.

אַלע קינדער האָבן געגעסן לאַנגזאַם און געקוקט אין די טעלער אַריין. עס איז זיי אַ שאָד, זיי ווילן וואָס לענגער עסן, יעדער פון זיי נישטערט מיט די אויגן זיין פּאָרציע, יעדער וויל געפינען אַ ראָזשינקע. די וואַרעמקייט אין שטוב איז געדיכט, די היץ פון ריחות פון די מאכלים מישן זיך צונויף, די לופט איז פייכטלעך.

אַלע ביים טיש זענען געווען פול פון זעט. פּייוול האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ צי געטאָן דעם סידור צו זיך. אויך ער איז פויל געווען אויפצוהייבן דעם סידור. ער האָט מיט ביידע הענט געעפנט דעם סידור, געמישט לאַנגזאַם, איבערגעלייגט איין בלעטל נאָכן אַנדערן, ווי יעדעס בלעטל זאָל זיין אַ משא. מיט אַ מאָל איז ער זיצן געבליבן. זיינע אַקסלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. אַ ווייַלע שפּעטער האָט ער זיך אויסגערענקט. ער האָט זיך אַ וויג געטאָן איבערן טיש און זיך צעזונגען: יום זה מכבד מכל ימים.

די קינדער האָבן אונטערגעכאַפּט דעם פאָטערס טאָן און אים באַגלייט. דוד האָט געצויגן דעם ניגון מיט זיין אַלט. די מיידלעך האָבן אים נאָכגעזונגען. יאַכעט האָט מיט איין האַנט זיך אונטערגעהאַלטן ס׳האַרץ, מיט די פינגער פון דער צווייטער האַנט — געקלאַפּט אין טיש אַריין צום טאַקט.

— יום זה מכבד מכל ימים — האָט פּייוול ווידער איבערגעחזרט.

— האַ! האַ! האַ! — האָט דוד געצויגן הויך דעם ניגון מיט זיין אַלט. ער האָט געזונגען העכער, ווי דער פאָטער. זיין אָנגעשטרענגט קול האָט געציטערט. יום זה מכבד מכל ימים — האָבן ביידע, דער טאַטע מיטן זון אויסגעלאָזט.

יאַכעט האָט זיך אָנגעלענט אויפן עלנבויגן און פאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט. זי האָט אַ שטעל געטאָן אַ טראָט אויף היינטערוויילעכץ, זיך אָנגעלענט מיט אַ האַנט אין איר בענקל־אָנלען און אַ קוק געטאָן אויף

די קינדער: זייערע באַקן האָבן געפלאַמט, די אויגן זייערע האָבן געגלאַנצט, זייערע פּנימער זענען געווען פייכט.

— טפו! — האָט יאַכעט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל אויסשפּייען: אַ סגולה קעגן אַ נעהאָרע (עין רע). זי האָט זיך צוריק צוגערוקט צום טיש.

יאַכעט האָט גענומען זיך פּאָרען. מיט איין האַנט האָט זי צונויפגענומען די גאָפּל, מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי צונויפגענומען אויף אַ שטייסל די טעלער. זי האָט דאָס שטייסל כלים געהאַלטן ווייט פון זיך: זי האָט זיך נישט געוואָלט אויסשמירן דאָס שבת־קלייד. זי האָט געשטעלט קליינע טריט, נישט איינבייגנדיק די קניִען, געקוקט אויף די גאָפּל, זיי זאָלן זיך נישט צעשיטן. יאַכעט האָט זיך אַראָפּגעזעצט, די כלים אַריינגעשטעלט אין מולטער אַריין און זיך צוריק אויסגעגליכן. זי איז צוריק אַוועק צום טיש און זי האָט גענומען צונויפשטעלן די טעפּ.

די קינדער ביים טיש האָבן געלאַכט.

— קינדערלעך, קינדערלעך, איר האָט ערשט אָפּגעגעסן — האָט די מוטער זיך ביי זיי געבעטן.

יאַכעט האָט אַ נעם געטאָן דאָס טעפּל מיט פלייש און זי איז דערמיט אַוועק אין אַלקערל. דוד האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן טיש און ער האָט זי אונטערגערוקט דעם פאָטער. דוד האָט אים גערייצט. פּייוול האָט פאַרזשמורעט די אויגן, באַטראַכט דעם זונס האַנט און באַלד האָט זיך דערהערט אַ הוילער קלאַפּ פון אַ האַנטפלאַך, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ ברעט. דוד האָט באַוויזן אַוועקכאַפּן די האַנט, פּייוול האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַריין.

— אַ! — האָט זלאַטעלע אויסגעשריגן; זי האָט געמיינט, אַז דער קלאַפּ טוט וויי דעם פאָטער.

— איצט דו — האָט דוד אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער, און ער האָט זיך צוגעבויגן צום טיש. פּייוול האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן טיש און ער האָט אַוועקגעקוקט. דוד האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם פאָטער איבער דער האַנט. פּייוול האָט נישט אַוועקגעכאַפּט די האַנט; ער האָט געוואָלט דער זון זאָל מצליח זיין.

זלאַטעלע האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, געקוקט, ווי דעם ברודערס קליינע האַנט ליגט אויף דעם פאָטערס גרויסע האַנט.

— טאַטע, נאָך אַ מאָל — האָט דוד אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער.

פּייוול האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דעם עלנבויגן און געוואָלט אָוועקלייגן די האַנט.

דאָס טירל פון אַלקערל האָט אַ קאַרץ געטאָן. יאַכעט איז מיט אַ שנעלן טריט אַריין אין שטוב. „גענוג״ — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַן אָנגע־שטעלטן טאָן. אַלע ביים טיש האָבן זיך אָנגעבויגן ווי זיי זאָלן זיך האָבן דערשראָקן פאַר איר. יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— איך דאַרף ריין מאַכן דעם טיש, מען דאַרף גיין שלאָפן — האָט זי זיך פאַר זיי פאַרענטפערט און זי האָט זיך גענומען פּאַרען. זי האָט צונויפגענומען די ליידיקע טעפּ אויפן אויוון און אויפן פּאָל ביים טיש. אַז זי האָט זיך צוריק אויסגעגליכן, איז איר פּנים געווען רויט. דאָס בלוט איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין מער פון פאַרדרוס צו זיך, ווי פון אָנשטרענגונג: פאַר וואָס האָט זי זיך געבייזערט אויף די קינדער? זי האָט די טעפּ אָוועקגעטראָגן, אַרונטערגערוקט אונטערן שעפּל אַרונטער, זיך אויסגעדרייט און אַ קוק געטאָן נישט דרייסט צי די קינדער קוקן אויף איר. זי איז אַוועק צוריק צום טיש.

פּייוול האָט אָפּגערוקט מיט די פיס דאָס בענקל פון אונטער זיך, זיך אויפגעשטעלט. ער איז אַריבערגעגאַנגען פון דער צווייטער זייט בענקל אין מיטן שטוב אַריין. דוד האָט אים נאָכגעטאָן. יאָסעלע האָט זיך אַראָפּ־געקאַטשעט פון דער באַנק. ער איז אויך צוגעלאָפן צום פאָטער. פּייוול האָט זיך אָנגעבויגן און ער האָט אַ נעם געטאָן אויף זיך יאָסעלען. די מיידלעך האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט, אויך זיי זענען צוגעגאַנגען צום פאָטער. דוד האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אין פאָטערס אָרעמס, זלאַטעלע האָט געטאָן דאָס זעלבע: זי האָט זיך אויפגעהאָנגען אויפן פאָ־טערס צווייטן אָרעם. רבקהלע איז געשטאַנען דעם פאָטער אַנטקעגן און געקוקט אויף אים. זי האָט נישט געהאַט שוין ווו זיך אויפצוהענגען אויפן פאָטער. דער פאָטער האָט זיך אָנגעבויגן און ער האָט אויך רבקהלען אַ נעם געטאָן אויף זיך.

— קינדער, איר האַלט זעך?! — האָט פּייוול זיי אַ פרעג געטאָן און ער האָט גענומען זיך אַרומדרייען. ער האָט מיט זיי געמאַכט אַ קאַ־רוזעלע.

זלאַטעלע האָט געקוויטשעט פון מורא. יאָסעלע האָט געצויגן דעם פאָטער ביי דער באָרד און געלאַכט.

פּייוול האָט זיך אַרויפגערוקט דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ און זיך אָפּגע־

צויגן, גלייך געמאַכט די באָרד. דער פּאָטער איז ביי די קינדער געווען דער גברן.

— דוד! מים אחרונים — האָט דער פּאָטער אים אַ זאָג געטאָן.

דוד האָט אויסגעשפּיצט די אַקסלען, ער האָט זיך געפּוילט גיין. די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף דודן: זיין פּנים איז געווען אָנגעדראָלן, ער איז געווען מיד. יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און אַ שפּרייז געטאָן צום טיש.

— איך גיי שוין ברענגען — האָט זי אַ זאָג געטאָן. זי האָט אַ נעם געטאָן דאָס גלעזל אין האַנט און זי איז אַוועק צום קיבל.

פּייוול האָט אַ נעם געטאָן דאָס גלעזל, זיך אָפּגעגאָסן די שפּיץ פינגער. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ זאָג געטאָן: ברוך הוא וברוך שמו — און ער האָט צונויפגעקלאַפּט די הענט. דער קלאַפּ האָט פונאַנדערגעריסן די שטילקייט אין שטוב.

יאָסעלע און זלאַטעלע האָבן געקוקט אויפן פּאָטער. יאָסעלע האָט געשמייכלט, ער האָט געמיינט, אַז דער פּאָטער שפּילט זיך מיט אים. זלאַטעלע האָט געקוקט אויפן פּאָטערס ליפּן, ווי זיי מורמלען. זי האָט געוואָלט פאַרשטיין, וואָס דער פּאָטער זאָגט.

יאַכעט האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן טיש, זיך אָנגעלענט אויף איר און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, פונאַנדערגעלייגט דאָס חלה־טישטעכל און אַריינגעלייגט דערין די גע־בליבענע חלה. זי האָט פאַרפּאַקט אַ פּעקל. אויף דעם פּעקל האָט זי אַרויפגעלייגט דאָס מעסער. זי האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען דאָס פּעקל, צוהאַלטנדיק דאָס מעסער, און זי איז אַוועק צום שענקל.

— דוד, קום שלאָפן — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן. דוד איז צוגעלאָפן און אויפגעפּראַלט דאָס טירל — ער איז אַריין אין אַלקערל.

יאַכעט האָט צונויפגעלייגט די בעט־איבערדעק. דעק־טראָלדן האָבן געגלעט אירע באַקן. זי האָט אַרויפגעלייגט די צונויפגעלייגטע דעק אויף דער באַנק, איבערגעקלאַפּט און איבערגעלייגט די קישנס פון ביידע זייטן בעט און פונאַנדערגעלייגט דאָס איבערבעט.

— נו, ווער פון אייך וועט זיין דער ערשטער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן די קינדער. פּייוול האָט זיך אויסגעדרייט פּאַמעלעך. זיין קערפּער איז געווען שווער און פול. ער איז אַוועק אין אַלקערל מיט קליינע און שווערע טריט.

די קינדער האָבן נאָכגעטאָן דעם פאָטער, זיי האָבן זיך געאיילט.

— יעדער לייגט זיינע זאַכן באַזונדער — האָט יאַכעט זיי אַ זאָג געטאָן.

רבקהלע האָט אַרויפגעוואָרפן איר קלייד אויף אַ בענקל.

איצט איז יאַכעט צוגעגאַנגען צו יאָסעלען. זי האָט אים אַרומגעווישט דאָס פּנים, דערנאָך די הענט, און דאָס האַנטעך אַוועקגעלייגט אויפן שפּיץ פון טיש. זי האָט יאָסעלען אַרויפגעשטעלט אויף דער באַנק, פון אים אַראָפּגעצויגן דעם שפּענצער און אים אַוועקגעזעצט.

זלאַטעלע און רבקהלע זענען געזעסן יעדע אויף איר בענקל און האָבן אויסגעטאָן זיך די שיך. יאָסעלע האָט געגראַבלט מיט די פינגער ביי די שיך. ער האָט געוואָלט העלפן דער מוטער, עס האָבן זיך דערהערט קלעפּ: צוויי שיך זענען אַראָפּגעפאַלן.ביידע מיידלעך זענען געשטאַנען אין דער אונטערוועש און אין די שטרימפּ. אַ ווײַלע שפּעטער זענען זיי אין איינעם אַריינגעשפּרונגען אין בעט.

יאַכעט האָט אויפגעהויבן יאָסעלען און צוגעלייגט איר באַק צו זיין קאָפּ. זי האָט אים צוגעטראָגן און צוגעלייגט צו זלאַטעלען.

— מאַמע, קום שלאָפן — האָט זלאַטעלע איר אַ זאָג געטאָן און זיך איינגעלייגט עס זאָל איר זיין באַקוועם און וואַרעם.

רבקהלע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. זי האָט געקוקט, צי די מוטער גרייט שוין צו דאָס חלק ליידיקע בעט אין דער זייט ביי איר.

יאָסעלע האָט זיך צוגעטוליעט צו זלאַטעלען. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איר די הענט. די אויגן זייערע האָבן גענומען זיך קלעפּן. פּאַמעלעך, אַ שפּאַרע נאָך אַ שפּאַרע, האָבן זיי זיך פאַרמאַכט.

יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויף די קינדער: זיי האָבן רויִק געאָטעמט, זיי זענען געשלאָפן. יאַכעט האָט אַפּערגענומען זיך פון אונטערן קישן אַ ווייס קאָפּטיכל, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס שייטל. אירע פעך־שוואַרצע קורצע האָר האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. זי איז געבליבן שטיין מיטן שייטל אין האַנט און האָט געקוקט, צי קיינער זעט ניש. זי האָט דאָס שייטל שנעל אַוועקגעלייגט אויף אַ בענקל און עס אַרונטערגערוקט אונטערן טיש, מען זאָל עס נישט זען. זי האָט שנעל אַרומגעבונדן דאָס טיכל איבערן קאָפּ, פונאַנדערגעקנעפּלט און אונטערגעהויבן זיך דאָס קלייד און אַריבערגעצויגן עס איבערן קאָפּ. דאָס קלייד האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט מיט די צוויי נונטן אין דער ברייט און זי האָט עס איבערגעהאָנגען איבער אַ בענקל־אָנלען. איצט האָט זי זיך אויסגעטאָן ווייטער. אַנהאַלטנדיק זיך

מיט אַ האַנט אין בענקל, האָט זי יעדעס מאָל אויפגעהויבן אַ פוס און מיט דער אַנדערער האַנט זיך אויפגעשנורט און אויסגעטאָן די שיך. גייענדיק אויף די פּיאַטעס, איז זי צוגעקראָכן צום בעט. זי האָט אונטער־געהויבן דעם עק פון איבערבעט און פּאַמעלעך זיך צוגעלייגט צו רבקהלען. זי איז געבליבן ליגן אַ גלייכע און געקוקט אויף דער סטעליע. זי האָט דערהערט די שטילקייט אין שטוב און געפילט די וואַרעמקייט אין אירע גלידער. לאַנגזאַם האָט זי זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט.

פייוול איז שטיין געבליבןביים טירל מיט אַן אויסגעצויגן פּנים און אויפגעריסענע אויגן. ער האָט געמיינט, אַז דער זון טוט זיך ערשט אויס.

דוד איז שוין געלעגן אין בעט. ער האָט געוואָרפן מיט די פיס, ווי ער זאָל שליידערן, זיך שפּילן מיטן איבערבעט און געלאַכט.

פייוול האָט פונאַנדערגעבונדן דעם גאַרטל, צעקנעפּלט די איביצע און דעם שפּענצער און אין איינעם אַראָפּגעצויגן פון זיך די צוויי מלבושים.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, אַראָפּגעצויגן די שטיוול, אָפּגעוויקלט די צילקעס און זיך אַרונטערגערוקט אונטערן איבער־בעט. ער האָט דערפילט אונטער זיך דעם שעניק. פייוול האָט אַרויפגע־לייגט די באָרד אויפן איבערבעט. די רויטע האָר זיינע אויף דעם ווייסן איבערבעט האָבן געגליס.

פייוול האָט זיך אַריבערגערוקט דאָס קאָפּל איבערן קאָפּ. ער האָט פאַרלייגט זיך די הענט אונטערן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן. די וואַרעמקייט האָט אַרומגענומען זיין גוף. די שטילקייט און די גרויקייט אין אַלקערל האָט אים איינגעשלעפערט.

די לעצטע קוילן אין אויוון האָבן געקנאַקט, זיי זענען זיך צעפאַלן אין אַש. די וואַרעמע שטילקייט אין שטוב האָט געווירן אין חלל אונטער דער נידעריקער סטעליע. די שיין אין שטוב איז געוועזן גרוי. אין דער שטוב, ווו עס איז נישט געוועזן קיין זייגער, האָט געהויזט דער שבת־נאָכמיטאָג. אַלע זענען געשלאָפן.

יז

יאַכעט איז געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן. זי האָט אָפּערגענומען און אַריבערגעלייגט איבערן איבערבעט אירעביידע הענט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן צום אויוון. ס'פייער איז געוועזן אויסגעלאָשן, די לופט אין שטוב איז געוועזן דעמפּיק, גרווילעך, כאָטש ס'איז געוועזן ערשט

פריַע נאָכמיטאָג־שעה. די פֿאַרפּרוירענע פֿענצטער־שויבן האָבן פֿאַרשטעלט דאָס טאָגליכט. מען האָט געהערט ווי די שלאָפֿנדיקע אָטעמען.

יאַכעט האָט אונטערגעהויבן דעם עק פֿון איבערבעט, מיט וועלכן זי איז געווען צוגעדעקט, און זי איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט. זי האָט פֿונאַנדערגענומען דאָס קלייד און עס זיך איבערגעצויגן איבערן קאָפּ, אַראָפּגענומען פֿון קאָפּ דאָס טיכל און זיך אָנגעטאָן דאָס שייטל. זי האָט אָפּגעשעפּט אַ ביסל וואַסער, זיך אָפּגעגאָסן די פֿינגער און זי איז מיט קליינע טריט אַוועק אין מיטן שטוב. פֿאַרבייגייענדיק דאָס בעט, האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס טיכל, עס פֿונאַנדערגעלאָזט און זיך איבערגעוואָרפֿן איבער די אַקסלען.

זי איז צוגעגאַנגען צום שענקל, אַ נעם געטאָן די פֿון פֿריַער שוין צוגעגרייטע כלי. דאָס איז געווען אַ הויכער און שמאָלער בלעך־געצינקטער טאָפּ, דער באָדעם איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שוואַרצער, אייזערנער רייף. זי האָט זיך אַרומגעהילט מיטן טיכל און זי איז אַוועק צו דער טיר. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין שטוב אַריין: אַלע זענען געשלאָפֿן. זי האָט אָנגעדריקט דעם סקאָבל, די טיר איז אויפֿגעשפּרונגען.

רבקהלע האָט זיך אויפֿגעזעצט. אירע אויפֿגעריסענע פֿאַרשלאָפֿענע אויגן האָבן דערשטוינט געקוקט. זי האָט איבערגעוועקט זלאַטעלען.

יאָסעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און ער האָט זיך צעשריגן: מאַמע! ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אין בעט און זי געזוכט. רבקהלע האָט אים אַרומגענומען, אים געטוליעט צו זיך און אים באַרויִקט:

— די מאַמע קומט שוין, זי איז געגאַנגען צום בעקער ברענגען טיי.

זלאַטעלע האָט זיך אויפֿגעזעצט. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט אַראָפּ, און זיך צוגעשאַרט די שיך. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די פֿיס, זיי אַריינגעשטעלט אין די שיך און זי איז געבליבן שטיין אין זיי.

זלאַטעלע האָט אַ נעם געטאָן יאָסעלען אונטער די אָרעמס, אים אַרויפֿ־געלייגט אויף זיך און אים צוגעטראָגן צו דער באַנק. זי האָט אים אַוועק־געזעצט און גענומען אים אָנטאָן. רבקהלע איז אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט, געגאַנגען צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שפּיץ בענקל זי זאָל זיך נישט צעקנייטשן דאָס קליידל און גענומען זיך אָנטאָן.

זלאַטעלע האָט געלאָזט זיצן יאָסעלען און זי איז צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער. אָן צו זאָגן אַ וואָרט האָט זי רבקהלען אונטערגעהויבן די פֿיס און מיט דער האַנט אַראָפּגעשאַרט פֿון אירע סטאָפּעס די אָנגע־

קלעפּטע אויף זיי טראַטשענעס. איצט איז זי צוריק אַוועק אַנטאָן דעם ברודער.

פּייוול האָט גענומען זיך אָנטאָן. דעם בעט צופוסנס האָט זיך אָנגעטאָן דוד. ער האָט מיטביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן די הויזן, זיי פונאַנדערגע־בומען און ער איז אין די נאָגאַוויצעס אַריינגעשפּרונגען.

דוד איז אַוועק צום קיבל. ער האָט אָנגענומען די שעפּ און זיך אָפּ־געגאָסן די פינגער מיט דעם ביסל וואַסער, וואָס איז דאָרט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט, זיך אַראָפּגעבויגן און אַ ווײַלע זיך דאָרט געפּאָרעט. די שוועסטערן האָבן ווייטער זיך אָנגעטאָן. זיי האָבן געוווּסט וואָס דוד זוכט. דוד האָט זיך אויסגעגליכן. זײַן פּנים איז געווען רויט פון אָנשטרענ־גונג, זײַן לינקע פויסט איז געווען פול. ער איז אַוועק צום טיש.

פּייוול האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעשטרעקט די אָרעמס, זיך איבערגעבויגן און מיט די הענט געגלייכט דאָס בעטגעוואַנט אויפן בעט. ער האָט אונטערגעהויבן די קישנס און אָנגעצויגן די איבערבעטן, געצויגן אַהין און צוריק אומבאַלומפּערט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער שאַנק, אַראָפּגענומען פון דער שאַנק דאָס היטל, מיט דער האַנט אָפּגע־ווישט דעם ראַנד פון היטל און עס זיך אָנגעטאָן.

פּייוול איז געבליבן שטיין פון דער זייט טיר, און האָט געקוקט, וואָס עס קומט פאַר אין שטוב.

— ווו איז די מאַמע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז זי איז ביים בעקער, ווי יעדן שבת נאָך מיטאָג.

— זי איז געגאַנגען צום בעקער ברענגען טיי — האָט דוד אים געענטפערט און געפּאָרעט זיך ווייטער ביים טיש. דאָס טישטעך אויפן שפּיץ טיש איז געווען איבערגעוואָרפן. ער האָט ווידער אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געפּרוווט אַוועקלאָזן דעם „באַנק". דער „באַנק" איז געווען קרום, נישט פּאַרקיילעכיקט. דוד אַליין האָט אים אויסגעשניצט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אים געלאָזט אין גאַנג, איז ער גלייך אומגעפאַלן.

פּייוול האָט אָנגענומען די שעפּ ביים אויער און זי אַרויפגעלייגט אויף דער וואַסערפלאַך אין קיבל. ער האָט די שעפּ לאַנגזאַם אונטערגע־טונקען. דאָס וואַסער האָט אַ ריזל געטאָן, אָנגעפילט די שעפּ. דערפילנדיק די שווערקייט פון דער פולער שעפּ, האָט ער זי אַרויסגעצויגן. דאָס איבער־גיסנדיקע זיך וואַסער איבער דער שעפּ האָט אַ פליוך געטאָן.

זלאַטעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי קינדער — זייערע קעפּ

זענען געווען צעשויבערט. זי איז צוגעגאַנגען צו יאָסעלען און זי האָט מיט די פינגער אים צעקעמט, איינגעלייגט די האָר. יאָסעלע האָט כסדר געדרייט מיטן קאָפּ — ער האָט געוואָלט זען וואָס דער ברודער טוט. זלאַטעלע איז צוגעגאַנגען צו רבקהלען. זי האָט דאָס זעלבע איצט געטאָן מיט דער שוועסטערס האָר. רבקהלע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ עס זאָל דער שוועסטער זיין באַקוועמער. רבקהלעס לענגלעכע האָר האָבן זיך איבערגעלייגט, ווי צעפּעלעך.

זלאַטעלע האָט מיט די פינגער פון ביידע הענט פונאַנדערגענומען זיך די האָר — אום שבת האָט מען ביי פּייוולען אין שטוב זיך נישט באַנוצט מיט קיין קאַם. זלאַטעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. זי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל זוכן אַ שפּיגל. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי צוגעגאַנגען צום בעט. זי האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, זי זאָל דערגרייכן וואָס העכער. זי איז געלאָפן פון איין עק בעט צום אַנדערן, זי האָט פונאַנדערגעסדרט די קישנס, דערנאָך אויסגעצויגן און איבערגעוואָרפן איין העלפט איבערבעט איבערן אַנדערן, אָבער נישט גלייך — אירע הענט זענען געווען צו קורץ. זי האָט זיך אומגעקוקט, גע־זוכט הילף. רבקהלע, קום — האָט זלאַטעלע זי אַ רוף געטאָן.

ביידע מיידלעך האָבן אָנגענומען די באַנק פון ביידע זייטן און זי צוגעטראָגן צום בעט. זלאַטעלע איז אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק און גענומען אָנגלייכן דאָס איבערבעט. זי האָט זיך געמאַטערט און געסאַפּעט, געצויגן אַהין און צוריק דאָס איבערבעט. דער פאָטער האָט פון מאָל צו מאָל אַ צי געטאָן, ווי בגניבה, דאָס איבערבעט, איר געהאָלפן.

די טיר איז אויפגעשפּרונגען. אינעם דורכגאַנג איז געשטאַנען יאַכעט. אירע באַקן זענען געווען רויט, אַדורכגעפּרוירן, דאָס פאַרוואָרפענע אויף איר טיכל פונאַנדערגעלאָזט, אירע הענט זענען געווען פאַרנומען, זי האָט געהאַלטן אַ פולן טאָפּ.

יאָסעלע האָט זיך צוגערוקט צו דער מוטער.

— עס בריט — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן און אים אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער אויפן טאָפּ. זי איז אַוועק צום שענקל, זי האָט געבערענגט און אַוועקגעלייגט אויפן טיש צוויי טיטלען. זי האָט אָפּגעדעקט דעם טאָפּ און שנעל, ווי זי זאָל זאַלצן פלייש, האָט זי אַריינגעוואָרפן אין טאָפּ אַריין עטלעכע זשמענקעס טיי. דערנאָך האָט זי געעפנט דאָס צווייטע טיטל, אַ קוק געטאָן מיט איין אויג אין טיטל אַריין, אויסגעבויגן און

אַ טרייסל געטאָן דאָס טיטל. זי האָט צונויפגעשיט אין ווינקל אַריין דאָס ביסל צוקער, איבערגעקערט איבערן טאָפּ און אים שנעל צוריק צוגעדעקט.

יאַכעט האָט צוגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די טעפּלעך און אַוועקגעלייגט אַ גרויסן לעפל. דער לעפל האָט אַ קלינג געטאָן, ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן טיש.

— שוועלבעלעך, קומט צום טיש — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן.

יאַכעט האָט עטלעכע מאָל איבערגעמישט מיטן לעפל די טיי אין טאָפּ. זי האָט אָנגעגאָסן דאָס ערשטע טעפּל טיי און צוגעטראָגן דאָס טעפּל זיך צום מויל. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן מיטן קאָפּ — די טיי האָט איר געשמעקט. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל טיי און אַרויסגענומען דעם לעפל פון טאָפּ.

יאַכעט האָט אויפגעהויבן דעם טאָפּביים אויער און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי צוגעהאַלטן דאָס שטאַרצל, עס זאָל נישט אַראָפּפאַלן. צוזאַמען מיטן טאָפּ האָט זי זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און איינגעגאָסן פיר טעפּלעך טיי, איינס נאָכן אַנדערן.

— ווער וויל אַ קיכל? — האָט זי אַ פרעג געטאָן נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון טיש.

קיינער האָט איר נישט געענטפערט.

די טיי איז געווען העל ברוין. גיסנדיק די טיי, האָבן כסדר זיך מיטגעגאָסן מיט דעם טיי־שטראָם אויפגעשוואָלענע טייבלעטלעך. יאַכעט האָט אויפגעהויבן דעם טאָפּ און אים איבערגעבויגן — ער איז געווען שוין גרינגער. זי האָט געגאָסן פון דער הויך, אָנגעפילט פּיוולס גרויסע טעפּל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַרונטערגערוקט די פיס אונטערן טיש. זיינע ליפּן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן: „שהכל נהיה בדברו". ער האָט צוגעטראָגן דאָס טעפּל צום מויל, גלייכצייטיק האָט ער דערנענטערט זיין מויל צום טעפּל.

יאַכעטס ליפּן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי זיי זאָלן ציטערן. זי האָט שטיל געמאַכט די ברכה. זי האָט צוגעטראָגן זיך דאָס טעפּל צום מויל און זי האָט אַ זופּ געטאָן און ערשט איצט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט. יעדעס קינד האָט געהאַלטן זיין טעפּל, זייערע אויגן האָבן ווי אַריבערגעקוקט איבער די טעפּלעך. זיי האָבן געטרונקען הויך, געזופּט און געשלונגען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. פון מאָל צו מאָל, אַז עס האָט ווען

פון זיי פאַרפּעלט אָטעם, האָט ער אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן ס׳טרינקען. דעמאָלט האָט דאָס קינד אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טעפּל.

פּייוול האָט אַרײַנגעשטעלט אַ האַנט אין דער באָרד אַרײַן און די פינגער אַדורכגעפירט דורך דער באָרד, ווי ער זאָל זי קעמען.

— יאַכעט — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווי ער זאָל זי רופן.

יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך אויפגעשטעלט. זי האָט געוווּסט וואָס פּייוול וויל, ווי יעדן שבת נאָך דער טיי. זי האָט צונויפגענומען די טעפּלעך אויפן טיש, איין האַנט פינגער אַרײַנגעשטעקט אין דריי טעפּלעך און זיי צונויפגעקלאַפּט אין דער האַנט, די אַנדערע האַנט פינגער האָט זי אַרײַנגעשטעקט אין די אַנדערע דריי טעפּלעך, אַוועק צום שעפּל און די טעפּלעך אַרײַנגעשטעלט אין מולטער.

— קדיש מײַנער! פאַרהער זיך — האָט פּייוול זיך געווענדט צו דודן.

דוד האָט זיך אַנגעבויגן, אַרויסגעצויגן דאָס שופלאָד פון טיש און אַרויסגענומען דאָס חומש. דאָס חומש איז געווען געבונדן אין אַ ברוינעם לעדער, וואָס איז געווען אָפּגעריבן און האָט אויסגעזען ווי זאַמש.

יאַכעט האָט אָפּגערייניקט מיט די הענט דאָס טישטעך, די עטלעכע קרישקעס אויפן טיש אַראָפּגעשאַרט, אַ נעם געטאָן אין האַנט דעם טאָפּ און די צוויי טיטלען און זי איז אַוועק מיט זיי צום שענקל.

דוד האָט אָנגענומען מיטן גראָבן פינגער די טאָוול פון חומש צוזאַמען מיט עטלעכע בלעטער און געעפנט דאָס ספר. ער האָט אָפּגעזוכט דאָס אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען „שני״ פון דער וואָך־סדרה. די בלעטער פון חומש זענען געווען געל, די אותיות — שוואַרץ אײַנגעגעסן אין פּאַפּיר, דאָס פּאַפּיר האָט געגלאַנצט פון אַלטקייט, דער אונטערשטער שפּיץ בלעטל איז געווען אײַנגעקנייטשט אַ פינגער ברייט.

דוד האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם חומש, זײַן יונגע פּלייצע האָט זיך אויסגעבויגן: ויהי ממחרת וישב משה לשפט את העם ויעמד העם על משה מן הבקר עד הערב — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער, ווי ער זאָל אים פרעגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעבויגן פון חומש און ער האָט געטייטשט דעם פסוק: איז געווען אויף מאָרגן, האָט משה זיך אַוועקגעזעצט משפּטן דאָס פאָלק, איז דאָס פאָלק געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג. מאַכט רש״י, דאָס איז געווען מוצאי יום הכיפור, ווען ער איז אַראָפּ פון באַרג צומאָרגנס.

דוד האָט זיך ווידער איבערגעבויגן איבערן חומש. שאָקלענדיק זיך

איבערן ספר אַזוי ווי דער טאַטע שאָקלט זיך האָט ער געלערנט ווייטער: ויראּ חתן משה את כל אשר הוא עשה לעם, און משהס שווער האָט געזען אַלץ, וואָס ער טוט מיט זיין פאָלק, — האָט דוד געטייטשט און ער האָט אַ פרעג געטאָן — פאַר וואָס פירסט דו זיך אַזוי קעגן דיין פאָלק? פאַר וואָס זיצסט דו, און דאָס פאָלק שטייט? מאַכט רש״י — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיין גראָבן פינגער, ווי דער רבי אין חדר — דער דיין, וואָס משפט דאָס פאָלק איז גאָטס שליח.

יאַכעט האָט זיך צוגערוקט. זי איז שטיין געבליבן הינטער דודן.

— ויאמר משה לחתנו כי יבא אלי העם לדרש אלהים — האָט דוד געלערנט און זיך געשאָקלט איבערן חומש. באַלד דערנאָך האָט ער זיך פאַרטייטשט — האָט משה געזאָגט צו זיין פאָלק, אַזוי צו זאָגן, — ווען ס׳פאָלק קומט צו מיר פאָדערן גאָט זאָל זיך פאַר זיי אָנטפּלעקן.

פייוול האָט זיך אָנגעבויגן. ער האָט אַריינגעכאַפּט צווישן צוויי פינגער דודס באַק, אים אַ קניפּ געטאָן.

דוד האָט אַ קוויטש געטאָן און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט מיט דער האַנט געריבן זיך די באַק, זי איז געוווען רויט.

יאַכעט האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און דריי מאָל אויסגעשפּיגן. ביי יעדן שפּיי האָט זי אויסגעריבן די אויגן מיט די גראָבע פינגער. אירע ליפּן האָבן געציטערט, זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל, אָן ווערטער, געבעטן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף פייוולען — צוויי לויטערע טרערן זענען געהאָנגען אין אירע אויגן־ווינקלען.

— גיב אים שבת־אויבס — האָט פייוול אַ זאָג געטאָן פול גאווה. ער האָט זיך אָנגעבויגן צום טיש און פאַרמאַכט דאָס חומש.

— שבת־אויבס, שבת־אויבס! — האָבן די מיידלעך געשריגן.

יאַכעט האָט לאַנגזאַם זיך אויסגעדרייט, ווי די פיס זאָלן זי נישט טראָגן און זי איז אַוועק צום שענקל.

דוד האָט אַרויסגעצויגן דאָס שופלאָד, אַריינגעלייגט דאָס חומש און צוריק פאַרמאַכט דאָס שופלאָד. פייוול האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַוועקגעלייגט דעם סידור פאַר זיך. ער האָט אויף דער אונטערשטער ליפּ איינגענעצט זיין רעכטן גראָבן פינגער און געמישט די בלעטער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך איבערגעבויגן, אַ קוק געטאָן אין סידור אַריין: ברכי נפשי — ער האָט זיך צעוויגט איבערן סידור.

די מוטער איז געגאַנגען צוריק, אירע הענט זענען געווען פאַרנומען.

זי האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ פּעקעלע, פאַרפּאַקט אין אַ גרין פּאַפּיר, אין דער צווייטער האַנט אַ פאַרוויקלטן טיטל.

יאַכעט האָט פונאַנדערגעפּאַקט דאָס פּעקעלע. אויפן צעקנייטשטן פּאַפּיר זענען געבליבן ליגן אַכט קאָלירטע צוקערלעך און פיר מאַרמאַ־לאַדקעס. דאָס איז געווען די פּאָרציע, וואָס די קרעמערקע האָט איר איינגעפּאַקט יעדן דאָנערשטיק ערב־שבת. זי האָט גענומען דאָס טיטל אין האַנט, פונאַנדערגעפּאַקט און אַרויסגעשיט אויף דער האַנט זיך די רע־בעלעך.

יאַכעט האָט אָנגעבויגן איר קאָפּ און פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף די פונאַנדערגעטיילטע פּאָרציעס. יעדע פון די פיר פּאָרציעס איז באַשטאַנען פון צוויי צוקערלעך, איין מאַרמאַלאַדקע און פיר רעבעלעך.

— נעמט — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו די קינדער.

— מיין מאַרמאַלאַדקע איז גרעסער. זי האָט זעקס שפּיצן. דיינע האָט נאָר פיר — האָט רבקהלע זיך גערייצט מיט דודן.

— די שענסטע קאָלירן האָבן מיינע צוקערלעך — האָט זלאַטעלע אַ זאָג געטאָן.

— מיינע זענען שענער — האָט רבקהלע איר אָפּגעענטפערט.

זלאַטעלע האָט גערעדט צו רבקהלען, אָבער זי האָט געמיינט דודן.

יאָסעלע האָט גענאָגט אַ צוקערל, דאָס צווייטע האָט ער געהאַלטן אין האַנט. זיינע ליפּן זענען געווען אַרומגעקלעפּט מיט זיסקייט.

די קינדער האָבן געקנאַקט די רעבעלעך, אָבער זיי האָבן נאָך געהאַט דעם זיסן טעם אין מויל. די שאָלן פון די רעבעלעך זענען געווען גרין, די יאָדערן ברוין.

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט און ער איז אַוועק צום אויוון. ער האָט אַרויסגענומען דעם „באַנק" פון טאַש און מיט צוויי פינגער אים אַ לאָז געטאָן. דער „באַנק" האָט זיך צוויי מאָל אַרומגעדרייט און ער איז געבליבן ליגן אויף דער בלעך פון אויוון. דוד האָט איילִיק אַוועקגעשטעלט דעם „באַנק" אויפן אויוון און אים באַטראַכט. זיינע אויגן זענען געווען שטאַר. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער „באַנק" דרייט זיך נישט, פאַלט אים ווייל ער איז נישט קיילעכיק.

— פּע! — האָט פייוול אַ זאָג געטאָן דודן און געקוקט ווייטער אין סידור אַריין. ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן.

דוד האָט גענומען דעם „באַנק" און ער איז אַ פאַרשעמטער אַוועק צום

פענצטער. ער האָט דעם „באַנק״ באַטראַכט אין ליכט, צי ער איז טאַקע נישט קיילעכיק.

— דוד, קום צו מנחה — האָט פייוול אַ זאָג געטאָן דעם זון.

ביידע, דער טאַטע און דער זון, זענען צוגעגאַנגען צו דער טיר. דער פאָטער האָט אַראָפּגענומען די פּאַלטנס פון האָק.

דוד האָט אַ נעם געטאָן דעם סידור פון טיש. ער האָט אויפגעקנעפּלט אַ קנאָפּ פון פּאַלטן און אַ האַלבער סידור איז געבליבן אין דרויסן, אַ האַלבער אונטערן פּאַלטן.

— אַ גוטן שבת! — פייוול האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יאַכעטן און איז אַוועק צו דער טיר.

— אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר! — האָט יאַכעט געענטפערט און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

די שטילע וואַרעמקייט אונטער דער נידעריקער סטעליע האָט אויס־געפילט דעם חלל פון די פיר ווענט. די וואַרעמקייט האָט מען געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט, אָבער די שטוב איז געבליבן ווי ליידיק.

יח

דוד איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס דער ערשטער. די קעלט האָט אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם. ער האָט אַ צעפיר געטאָן די הענט, ווי ער זאָל זיך גרייטן אַ פלי טאָן, און ער איז געלאָפן ווייטער.

פייוול האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער פוטרינע און ער האָט איבערגע־שטעלט דעם פוס איבער דער שוועל. זיינע נאָזלעפלעך האָבן אַ פלאַטער געטאָן. דער איבערגאַנג פון דער שטוביקער וואַרעמקייט צו דער קעלט אויף דער גאַס האָט אים פונאַנדערגעשפרייט די לונגען. פייוול האָט זיך אומגעקוקט, זיינע אויגן זענען געווען פאַרלאָפן. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם זון.

דוד איז געלאָפן און געוואָרפן מיטן קאָפּ, ווי אַ זשרעבאַק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער צוים. דער שניי אונטער זיינע פיס האָט גע־סקריפּעט.

— דוד! — האָט פייוול אַ שריי געטאָן. די טרוקענע קעלט האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם אָפּהילך, דער ווידערקול האָט זיך געקאָלערט איבער דער שטילקייט פון דער גאַס.

פייוול האָט פאַרשנעלערט זיין טראָט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אונ־

טערגעיאָגט דעם זון. דאָס געסל איז געווען ליידיק. די פראָסט איז כסדר שטאַרקער געוואָרן. די קעלט האָט דאָס געסל ווי אויסגעצויגן, פאַרשמע־לערט. די פאַרשנייטע כאַטעס זענען געשטאַנען אַריינגעוואַקסן אין שניי. די קעלט האָט זיי געקלעמט, ווי זי זאָל די כאַטעס האַלטן אויף דער פלאַך.

פּייוול האָט זיך פאַרנומען אויף לינקס. ער איז אַריינגעגאַנגען צווישן צוויי כאַטעס און אַרויס אויף אַ גרוימען, פאַרשנייטן פלאַץ — פּייוול האָט זיך פאַרקירצט דעם וועג. דוד איז אים נאָכגעגאַנגען.

דער פלאַץ איז געווען שמאָל און לאַנג. נידעריקע, בייכיקע כאַטעס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן פלאַץ. דער פלאַץ איז געווען דער דורכ־גאַנגסהויף פאַר די איינוווינער פון די כאַטעס. די פאַרשנייטע דעכער האָבן געבלאַנקט. דער הימל איבער דעם הויפּפלאַץ האָט אויסגעזען ווי אַ דורכ־געלעכערטער זאַק.

— גוט־שבת! — האָט אַ שפּיציקע פרויען־שטימע פונאַנדערגעריסן די קאַלטע שטילקייט.

— גוט־שבת! —האָט פּייוול איילִיק אָפּגעענטפערט.

אַ נידעריקע דאַרע יידענע, אַרומגעהילט מיט אַ שווער טוך, האָט אַדורכגעקרייצט פּייוולען דעם וועג. דאָס טוך איז געלעגן אויף אירע שמאָלע אַקסלען ווי אַ משא. פּייוול האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין טראָט און אַדורכ־געלאָזט די יידענע. די יידענע איז אַריין אין טויער אַנטקעגן.

— דער פעלדשער! — האָט דוד אַ זאָג געטאָן. זיין קול איז געווען אויסגעשראָקן. דאָס יינגל האָט זיך צוגעטוליעט צום פאָטער.

פון ווייטנס איז געגאַנגען מיט אַ לאַנגזאַמען אויסגעצויגענעם טראָט יענקל פעלדשער. ער האָט געטראָגן אין האַנט אַ לענגלעך קיילעכיק רענצל מיט אַ ניקלענעם שלאָס.

— גוט־שבת — האָט פּייוול אַ זאָג געטאָן די יידן, וואָס זענען אים אַנטקעגנגעקומען.

די גאַס האָט געווימלט מיט יידן. דיקע, אויסגערוטע האָפערדיקע קולות האָבן זיך איבערגערופן: „גוט־שבת! — גוט־שבת״! דער פריילעכער אָפּ־הילך פון די ווערטער האָט געריסן די גרויע קעלט. פון אַלע טויערן און געסלעך זענען געקומען יידן, זיי זענען זיך אַנטקעגנגעקומען און זיך איבערגעיאָגט. אַלע זענען זיי געגאַנגען אין איין ריכטונג — צו שאַלע־שידעס (שלוש סעודות).

— אַהה — האָט פּייוול אַ זיפץ געטאָן פון נחת — יידן, יידן! האָט ער

פריידיק אַ זאָג געטאָן. אַ טריט ווייטער האָט ער צוגעגעבן — עס זאָל נישט פאַרשטערט ווערן.

דער טאַטע מיטן זון זענען געגאַנגען צוזאַמען מיטן שטראָם יידן, דאָ און דאָרט, לענג־אויס דער גאַס האָט דורך אַ שפּאַרע פון אַ פאַרפרוי־רענע פענצטער־שויב נייגעריק אַרויסגעקוקט אַ פרויען־קאָפּ. געקוקט האָט אַ באָבע, אַ מאַמע אָדער אַ טאָכטער — אַ מיידל.

יידן מיט פאַרקנעפּלטע פּוטערס אָדער פּאַלטענעס, מיט אַרויפגערוקטע איבער די קעפּ היטלען, האָבן געשפּרייזט בנעימותדיק. זיי איז נישט קאַלט געווען: די מיטגענומענע פון שטוב שבתדיקע וואַרעמקייט האָט זיי אויך געוואַרעמט אין גאַס. יעדער ייד האָט געשפּרייזט איבער דער ברייט פון דער גאַס ווי אַלץ זאָל אים געהערן. זייערע בערד זענען געווען אויס־געצויגן, צעקעמט. זיי האָבן זיך נישט געאיילט. זיי האָבן דעם שבת, מיט וועלכן זיי זענען געגאַנגען זיך געזעגענען, געפירט דורך דער גאַס.

די גאַס, דורך וועלכער די יידן האָבן געשטראָמט אין די בתי־מדרשים אַריין, איז געווען די ברייטע גאַס אין שטעטל. זי איז געווען דאָפּלט ברייט, ווי אַ שטעטיש געסל. פייוול איז נישט אַריין אין שולגעסל, ער איז גע־גאַנגען ווייטער, ער האָט וואָס לענגער געוואָלט זיך געפינען אינעם יידן־שטראָם. ערשט ביים צווייטן געסל, אין וועלכן עס זענען געווען כאַטעס מיט שטרויענע דעכער, איז ער אַריין. דאָס סטאַקגעסל איז געלאָפן באַרג אַראָפּ. אויבן, אויפן באַרג, איז דאָס געסל געווען ברייט; אונטן, ביים אויס־גאַנג, איז דאָס געסל געווען שמאָל. ווער עס האָט אַראָפּגעקוקט, האָט דאָס געסל געזען ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. ביים אַריינגאַנג אין געסל אין דער לינקער זייט האָבן זיך געפונען די „סטאָקלעך". אַ פירקאַנטיקער, צונויפגעשלאָגענער פון געטעסעטע פאַרפרוירענע בעלקעס האָט געצוימט דעם שטח פון אַ חדר גרויס. דער שניי אויף די בעלקעס האָט געשימערט ווי פערל אויף אַ פרויען־האַלדז.

דוד האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די סטאָקלעך. ביים ראַנד פון די סטאָק־לעך האָט ער פאַרקלענערט זיין אימפּעט. זיינע פּלייצעס האָבן זיך איבער־געבויגן אויף פאָרנט, ווי ער זאָל קלעטערן אויף טרעפּ. די פלאַשטשאַדקע אַרום די סטאָקלעך איז געווען באַגלייט מיט אייז, דאָס אייז דורכזיכטיק און גליטשיק. דוד האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אינעם ראַנד, ווו דער פלויט איז געווען אָפן, זיך צוגעצויגן, צוגעדראַפּעט ביזן פלויט, גע־

בליבן שטיין און געקוקט, דאָס וואַסער פון די זיבן קליינע אָבער טיפע קוואַלן האָט געררוזשלט.

דאָ אַהער זענען געקומען די איינוווינער פון דער סביבה נעמען וואַסער צום טרינקען. ווינטער איז דאָס וואַסער געווען קאַלט און דורכזיכטיק. יידן מיט אָנגעווייטיקטע אויגן זענען געקומען אַהער און זיך געלייגט קאָמפּרעסן פון סטאַקאָווע וואַסער. דאָס וואַסער איז געפלאָסן שטעג־אַראָפּ אין טייך אַריין פאַרבייפליסנדיק די מקווה.

פּייוול איז געשטאַנען און געוואַרט אויפן זון. — דוד! האָט פּייוול אים ווידער אַ רוף געטאָן און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן גיין.

דוד איז פּאַמעלעך אַראָפּגעקראָכן פונעם אייז, ווי ער זאָל גיין אויף די שפּיץ פינגער, און נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער.

דער שניי אויף דער ערד איז געווען צעשניטן מיט רעדער־קאָליעס, אָנגעלעגן און איינגעטרעטן, אָבער אין די זייטן איז ער געבליבן נישט באַרירט, ווייס. אויף דער רעכטער זייט פון געסל זענען געשטאַנען נידעריקע, שמאָלע ווי אויסגעדאַרטע הייזלעך. דער פראָנט פון די הייז־לעך, די ווענט אין געסל אַריין, זענען געווען באַלייגט מיט שניי. ווינטן פון די אָפענע פעלדער האָבן אָנגעטראָגן דעם שניי. די ווענט פון אונטן זענען געווען פאַרפרוירן. צווישן הויז און הויז האָבן געטאַנצט די ווינטן, געפּיפן, ווי זיי זאָלן וועלן אַראָפּטראָגן די שיפע, שטרויענע דעכער. פון מאָל צו מאָל האָט דער אימפּעט פון אַן אָנגעלאָפענעם ווינט אַ קלאַפּ געטאָן אין די שמאָלע, נידעריקע פענצטער, ווי אַ הונגעריקער פויגל מיטן שנאָבל. פון דער צווייטער זייט געסל לענג־אויס דעם וואַסער־פלוס האָבן זיך גע־פונען די געשמידטע פאַרשלאָסענע קאַסטנס, דורך וואַנען דאָס וואַסער איז געפלאָסן, די „סאַדזעס", אין וועלכע די יידישע פישערס אין שטעטל האָבן געהאַלטן זייערע קאַרפּן פאַר די יידן אויף שבת. נאָך די סאַדזעס, אויף דעם שיפן ברעג פונעם וואַסער־פלוס, האָט זיך געפונען איסערס גאַר־באַרניע. דער ריח פון געווייקטע לעדער האָט זיך געפילט אויף ווי ווייט. די פאַרבייגייער האָבן נאָר געזען דעם שיפן שינדל־דאַך פון זיין גאַר־באַרניע. אַריבער, איבער די סטאַקלעך, אויף דער צווייטער זייט, האָט גע־שטאַרט אַ פאַרשנייטער הילצערנער פּאַרקן. דאָס איז געווען דער פּאַרקן פון אַלטן בית־הקברות.

דאָס געסל איז געלאָפן אַראָפּ דעם בית־המדרש אַנטקעגן. אויף דער רחבה, דעם גלייכן ליידיקן שטח פאַרן בית־המדרש, האָט פּייוול אָפּגע־

אָטעמט און זיך אויסגעגליכן. אַרום דעם בית־המדרש האָט געווימלט מיט יידן. די יידן זענען געקומען מיט אַלע געסלעך.

די יידן איילן זיך, ווי איינער זאָל אַרומגיין דעם אַנדערן. דער אויסגע־טרעטענער שניי גרויט זיך, דער געדיכטער הימל ווערט כסדר טונקעלער, די קאָנטורן פון די דעכער גייען זיך שוין צונויף. יידן שאָקלען מיט די קעפּ, זיי זאָגן זיך אייליק „גוט שבת״!, די טרוקענע לופט נעמט אויף דעם ניגון. די יידן פאַרשווינדן אינעם אַריינגאַנג פון בית־המדרש.

אינעם אָנגעפּרוירענעם פאָדערהויז האָבן זיך באַוויזן אויסגעצויגענע שאָטנס. פּייוול האָט מיט ביידע הענט אָנגעטאַפּט דעם סקאָבל אין דער טיר, אויפגעפּראַלט די טיר און אַ שטופּ געטאָן דעם זון פאָרויס. טוכלע וואַ־רעמקייט האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין.

יט

דער הויכער לאַנגער היכל איז געווען פול מיט יידן. פון אַלע עקן האָבן זיך געטראָגן קולות. די קולות האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין דער הויך, זיך אָנגעשלאָגן אין דער סטעליע. דער ווידערקול האָט זיך געקאָלערט, געקלונגען אין די אויערן פון די מענטשן. אַ גרויער, פייכטלעכער, דינער נעפּל האָט געשוועבט איבער די יידנס קעפּ.

קורצע און דינע ליכטשטראַלן האָבן אַדורכגעשיינט דורך די האַלב־רונדע פאַרפרוירענע פענצטער, ווי זיי זאָלן זיך ראַנגלען מיט דעם אויס־גייענדיקן ליכט. אין חלל האָט די העלקייט זיך געמישט מיט גרוי — דער טאָג האָט זיך געאַמפּערט מיטן אָוונט. די ברוינע הילצערנע סטעליע איז געווען נאָענט, ווי זי זאָל ליגן אויף די קעפּ פון די יידן. די בענק און די טישן אַרום האָבן אויסגעזען, ווי זיי זאָלן אַרויסשטאַרן פון אַ טיפענייש. נאָר דער הויכער, שמאָלער קאַפּל־אויוון איז אויפן הינטערגרונט פון די ווייס־געקאַלעכטע ווענט געווען נאָך בולט.

די לופט איז געווען אַדורכגעוואַרעמט מיט דער וואַרעמקייט פון מענטשלעכן אָטעם. נישט אַלע יידן האָבן אויסגעטאָן די פּאַלטנס. געווען יידן, וואָס האָבן זיך אַרומגעגאַרטלט מיט דעם גאַרטל איבער דעם פּאַלטן. פון מאָל צו מאָל האָט דורך אַ שפּאַרע אין טיר אָדער פענצטער זיך אַדורכגעשטופּט די קעלט.

אַ ייד איז געשטאַנען לעבן אַ ייד, ווי איינער זאָל זיך אָנלענען אין אַנדערן. אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן די עדה. איינצלנע יידן האָבן געטאָ־

רעוועט זיך אַ וועג. געבוקטע געשטאַלטן האָבן געזוכט אַן אָרט, ווו זיי זאָלן קענען אַוועקשטעלן דעם פוס. יידן האָבן זיך געשלייכט דורך דער עדה, יידן האָבן זיך אָפּגערוקט, אַדורכגעלאָזט די, וואָס האָבן זיך געשלייכט.

די עדה האָט געזאָגט „תהילים״. דינע און דיקע קולות פון איינצלנע יידן האָבן געזאָגט צעצויגענע און אָפּגעהאַקטע פּסוקים ווי די יידן זאָלן זיך איבעררעדן — שבטי יה עדות לישראל — עזרנו בשם ה׳ — אשרי כל ירא ה׳ ההלך בדרכיו.

אַ ייד האָט זיך אַ שאָקל געטאָן איבער אַ ספרל אַן טאָוולען און אַ זאָג געטאָן: על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו. אַ שטאַרק און דיק קול וואָס האָט זיך אַריבערגעריסן איבער אַ סך קולות האָט ממשיך געווען: בזכרנו את ציון — — —

פייוול האָט אָפּערגענומען דעם סידור פון אונטער דעם זונס פּאַלטן. ווי נאָר דער פאָטער האָט געענדיקט זיין טרחה, האָט דוד זיך אַ שליידער געטאָן, אַריינגעלאָפן אין המון אַריין. פייוול האָט אים נאָכגעקוקט, גע־וואָלט זען ווו אַהין דער זון גייט. אַ ווייילע שפּעטער האָט פייוול זיך גע־שטופּט דורכן עולם, זיך דערנענטערט צו דעם זעלבן טיש, ביי וועלכן ער האָט געדאַוונט פאַר מיטאָג.

דוד האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין ווינקל צווישן אויוון און דער ספרים־שאַנק.

— אים צי דראָעט? — האָט אַ יינגל מיט אַ פאַרמאַכטער פויסט אַ פרעג געטאָן. די אויגן ביי די עלטערע יינגלעך אַרום האָבן אַ גלי געטאָן.

דאָס יינגל, וואָס האָט געפרעגט, האָט אויפגעמאַכט די פויסט. ער האָט געוויזן דעם צווייטן יינגל דאָס איינציקע קנעפּל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער פאַרמאַכטער האַנט.

דוד איז געשטאַנען און געקוקט. ער האָט זיינע קנעפּ געהאַט אין שטוב.

די טיר האָט זיך אויפגעפראַלט. וויזילע האָט אַריינגעטאַנצט אין בית־המדרש אַריין. די טיר האָט זיך אַליין צוגעמאַכט. וויזילע האָט געסאַפּעט פון קעלט און איילעניש. זיין דאַר קנאָכיק פּנים איז געווען גרין פון קעלט. זיין שוואַרץ אָבער שוין גרוי פון אַלטקייט פוטער איז געווען צעקנעפּלט. מעלשטויב פון יאָרן איז געווען איינגעגעסן אין דעם מלבוש. די שפּיצן פון די פּאָלעס האָט ער געהאַלטן אין די הענט מיט דער שעפּסן־פעל אַרויף. זיין אויבערשטע ליפּ איז געווען פאַרשאַרצט, מען האָט געזען זיינע נידער־ריקע ציין. זיין ווייסע, שפּיציקע באָרד האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

פסח שמש איז געשטאַנען אָן אָנגעלענטער אין דער טיר און געוואַרט אויף אים. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַרויפגעצויגן זיין קורצן פוס און אונטערגעשטעלט די הענט.

ווייזילע האָט אָפּגעלאָזט די פּאָלעס. די פינף חלות וואָס ער האָט ‚גע־ברענגט, האָבן זיך אַריינגעשיט אין פּסחס הענט. ביידע יידן, ווייזילע און דער שמש, זענען אַוועק אין דער זעלבער ריכטונג.

יידן האָבן געזאָגט „תהילים". די ווערטער האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ ניגון־זשום. אַ מאָל איז דער ניגון געוואָרן העכער און שטאַרקער, אַ מאָל איז דער ניגון געוואָרן שטילער. די ענגשאַפט אין היכל איז געווען אַ גרויסע, דאָך זענען נישט אַלע יידן איינגעשטאַנען אויף אָן אָרט: די יידן האָבן געשפּרייזט און זיך געזעטיקט מיט דעם אינהאַלט פון די ווערטער.

ווייזילע איז געשטאַנען אַ געבוקטער אויפן בעלעמער. זיין לאַנגע, ווייסע באָרד איז געלעגן אויפן בעלעמער. די פאַרזשמורעטע אויגן האָבן געקוקט אינעם עין־יעקב אַריין. ער האָט זיך אונטערגעברומט, ווי ער זאָל נישט וועלן שטערן די תהילים־זאָגער.

ווייזילע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ ווייילע שפּעטער האָט זיין ברייטע, אויסגעאַרבעטע האַנטפלאַך אַ זעץ געטאָן אין בעלעמער און ער האָט פאַרמאַכט דאָס ספר. דער אָפּהילך פונעם קלאַפּ האָט זיך פונאַנדער־געטראָגן איבער דער היכל־וואַרעמקייט.

די יידן, וואָס האָבן געשפּרייזט, זענען שטיין געבליבן, די וואָס זענען געזעסן, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. זייערע הענט האָבן פאַרמאַכט די תהילימלעך. דער זשום פון די ווערטער האָט זיך איינגעשטעלט.

דער ייד נישט ווייט פון עמוד האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אומ־געקוקט, אַ ווייילע שפּעטער געמאַכט אַ שריט אין דער ברייט, זיך צוגערוקט צום עמוד, דער עולם זאָל נישט באַמערקן.

ער האָט אַרויסגענומען פון אונטער דער עמוד־פּאָליצע דעם טלית, אים אָנגענומען מיט ביידע הענט און פונאַנדערגעלאָזט. ער האָט דעם טלית איבערגעוואָרפן זיך איבער די אַקסלען און זיך אָנגעלענט אויפן עמוד. דאָס איז ‚געווען ישראל דוד דער זייגערמאַכער.

— אשרי יושבי ביתך — האָט ישראל דוד א זאָג געטאָן הויך, די עדה זאָל הערן, אַז ער איז דער בעל־תפילה. ער האָט געהאַט אַ קול, וואָס איז געקומען פון דער טיף. ער האָט איבערגעלייגט זיך די פּאָלעס פון טלית איבער די אַקסלען.

די ליכטשיין אין די פענצטער איז געווען אַ שיטערע. זי איז הענגען געבליבן אויף דער וואַנט הינטערן פענצטער. די גרויקייט אין היכל איז געדיכטער געוואָרן.

דער בעל־תפילה איז געשטאַנען אַ שטראַמער פאַרן עמוד מיט אַ פאַר־ריסענעם קאָפּ, געקוקט אַרויף, מיט בײדע פויסטן געהאַלטן די ראַנדן פון טלית, ווי ער זאָל דעם טלית ציִען אַראָפּ.

דער מורמל איז כסדר שטילער געוואָרן, ביז מען האָט געהערט נאָר דעם ליפּן־פּלויש. דער פלויש האָט זיך געשלייכט איבערן היכל און געשאַרט אין אַלע ווינקלען.

שכנא איז צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש. דער בעל־תפילה האָט אויס־געשטרעקט דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף דער עדה. ער האָט געזוכט נאָר די קעפּ פון די יידן. דער בעל־תפילה האָט זיך איבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ.

שכנא האָט פונאַנדערגערוקט דאָס פּרוכת.

— הערש צבי! — האָט ער אַ שריי געטאָן און שטיל האָט ער צוגע־געבן — דער רימער. שכנא האָט זיך אָנגעבויגן. ער האָט אַראָפּגענומען פון אונטערן אָרון־קודש אַ טלית.

אַ ייד מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָט זיך גערוקט דורך קהל. ביים אָרון־קודש איז הערש־צבי שטיין געבליבן. שכנא האָט אים דערלאַנגט דעם טלית.

שכנא האָט מיט בײדע הענט אויפגעפּראַלט די טירלעך פון אָרון־קודש און זיך אָנגעבויגן. ער האָט אַ קוש געטאָן דאָס קלענסטע אין דער רייע „ספר". דאָס „ספר" איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט סאַמעטן מענטעלע, אַרומגעלאַמעוועט מיט אַ גאָלדענער טאַשמע.

הערש־צבי האָט אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע הענט און גענומען דאָס „ספר" צו זיך. ער האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ צום ספר, צוגעטוליעט צו זיך און האָט גענומען גיין.

— בריך שמה דמרא עלמא — האָט דער בעל־תפילה אַ זאָג געטאָן דער עדה.

הערש־צבי איז אַרויף אויף די טרעפּ פון בעלעמער. שכנא איז אים נאָכגעגאַנגען. זיין קורצער קערפּער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פולער זאַק, האָט זיך געטרייסלט. ער איז געגאַנגען און מיט בײדע הענט זיך

אָנגעהאַלטן אין די באַריערעס, ווי ער זאָל פאַרשטעלן דעם וועג. זיין שטאָ־לענע בריל איז געזעסן אים אויף דער שפּיץ נאָז.

הערש־צבי האָט זיך אָנגעבויגן און ער האָט פאָרזיכטיק, פּאַמעלעך, ווי ער זאָל זיך היטן, ער זאָל עפּעס נישט צעברעכן, אַרויפגעלייגט דאָס ספר אויפן טיש. שכנא און וויזילע האָבן זיך דערנענטערט, זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן דאָס ספר. אָנגענומען די עצי־חיים פון ביידע זייטן און געוויקלט דאָס ספר, געוויקלט און געקוקט אין ספר אַריין.

— דאָ! — האָט שכנא אַ זאָג געטאָן און ער האָט אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער.

— יעמוד! רב עוזר בן מנשה — האָט ער אויסגערופן. ער האָט שוין פריִער געהאַט זיך צוגעגרייט די דריי יידן, וואָס האָבן געדאַרפט עולה לתורה זיין.

דער בעל־עליה האָט איילִיק פאַרוואָרפן אויף זיך דעם טלית, וואָס איז געהאָנגען אויף דער באַריערע. ער האָט מיט די הענט אָנגענומען די לאַצן פון טלית, אַ שפּרייז געטאָן צום „ספר". ער האָט צונויפגערוקט די פיס, פאַרמאַכט די אויגן און שנעל געזאָגט: ברכו את ה' המבורך —

וויזילע האָט שנעל אַ קוש געטאָן די ציצה פון טלית, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן „ספר". ער האָט זיך אַוועקגעבויגן אין אַ זייט, ער זאָל נישט שטערן דעם בעל־עליה, ער זאָל קענען זען.

— אם בגפו יבא בגפו יצא אם בעל אשה הוא ויצאה אשתו עמו — האָט וויזילע געלייענט.

נישט ווייט פון בעלעמער איז געשטאַנען אַ קרענצל יידן. זיי האָבן געהאָרכט.

— אַ ייד אין גלות איז ערגער ווי אַ עבד אַ מאָל — האָט אַ זאָג געטאָן חיים, אַ ייד מיט אַ לאַנג קנאָכיק פנים און טיפע שוואַרצע אויגן. די יידן האָבן זיך איבערגעקוקט. זייערע פנימער זענען געווען מאַט.

— נישט צו פאַרזינדיקן — האָט אָפּגעענטפערט אים אלי, אַ הויכער ברייטביייניקער ייד.

— ס'גייעס האָט אונדז פאַנט — האָט חיים ממשיך געווען. די יידן אין קרענצל האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט.

— אַ ייד מוז האָבן בטחון — האָט אלי אַ זאָג געטאָן. די יידן האָבן אַ שאָקל געטאָן מיט די קעפּ.

דער בעל־עליה האָט אָנגעכאַפּט מיט די הענט די עצי־חיים. ער האָט זיך איבערגעבויגן ווי ער זאָל אַריינקוקן אין „ספר" און ער האָט געמאַכט די ברכה.

שכנא האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגערופן.

— יעמוד רב חנוך בן יעקב.

אַ דיקער ייד איז אַרויפגעלאָפן אויפן בעלעמער. עוזר האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית און דערלאַנגט אים חנוכן. חנוך האָט זיך איינגעהילט אין טלית און געמאַכט די ברוכה.

ווײַזילע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר". דער בעל־עליה האָט זיך אָוועקגעבויגן. ווײַזילע האָט געלייענט.

דער בעל־עליה האָט מיט אַ ציצה פון טלית אַ גלעט געטאָן די שטעלע פון דער פרשה אין „ספר", אַ קוש געטאָן די ציצה, פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט די ברכה.

— יעמוד! — האָט שכנא אויסגערופן — רב אשר בן משה הכהן — דעם טראָפּ האָט ער געלייגט אויף דעם לעצטן וואָרט.

אשר, אַ דאַרער מיטלוווקסיקער ייד מיט אַ גרויסער שיטערער באָרד, איז געגאַנגען אַ טרעפּ נאָך אַ טרעפּ אויפן בעלעמער אַרויף פול מיט חשיבות. מיט איין האַנט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אין דער באַריערע. אויבן אויפן בעלעמער האָט אשר זיך אַ דריי געטאָן, אַלע זאָלן אים זען.

דער פריערדיקער בעל־עליה האָט דעם טלית דערלאַנגט אשרן און ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט.

אשר דער כהן האָט זיך איינגעהילט אין טלית און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט אַ שפרייז געטאָן צום „ספר", זיך אויסגעגליכן און געמאַכט די ברכה.

ווײַזילע האָט אָפּגעהוסט. ער האָט מיט ביידע הענט אָנגענומען די עצי־חיים. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן „ספר" און געלייענט: מכה איש ומת מות יומת — — —

צווישן דעם אויוון און דער טיר זענען געשטאַנען יידן און געהאָרכט ווי דער בעל־קורא לייענט.

אַ ייד מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן פנים האָט געזאָגט:

— אַ ייד איז הפקר, לית דין ולית דיין.

די יידן אַרום אים האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו אים.

— ברוכס פריץ האָט אַנומלט אָנגערייצט זיין הונט אויף אים — האָט דער ייד צוגעגעבן.

דער ייד האָט מיט דער צונג זיך איבערגעווישט די ליפּן און דער־ציילט: — דער הונט האָט צעריסן אויף אים די איביצע. קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. דער פריץ איז געשטאַנען און געלאַכט — דער ייד האָט גערעדט פּאַמעלעך, שטיל, ער זאָל נישט שטערן דעם בעל־קורא.

וויזילע האָט געלייענט: וגנב איש ומכרו ונמצא בידו מות יומת. אשר דער כהן איז געשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

שמערל דער קירזשנער, וואָס האָט דערציילט וועגן ברוכן, האָט ווייטער גערעדט:

— דער פריץ האָט געשיקט דעם „קאַרבאָווע" צו ברוכן אין שטוב אַריין. ער האָט אים געשיקט געלט, געוואָלט אים באַצאָלן — שמערל האָט איצט גערעדט נאָך שטילער ווי ער זאָל די יידן איינרוימען אַ סוד — ברוך האָט דאָס געלט נישט גענומען.

וויזילע האָט פאַרענדיקט. דער בעל־עליה האָט געמאַכט די ברכה. וויזילע האָט זיך אָפּגעווישט די האַנטפלאַכן אין דער איביצע, אָנגענומען די עצי־חיים און אויפגעהויבן דאָס „ספר" הויך איבערן קאָפּ. דער טלית האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף זיינע אַקסלען: „וזאת התורה" —

ער האָט געטראָגן דאָס „ספר" צו דער באַנק. שכנא איז אים נאָכגע־גאַנגען. וויזילע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. שכנא האָט אויפ־געהויבן זיינע קורצע הענט, גענומען צונויפוויקלען דאָס „ספר".

וויזילע האָט גענומען דאָס ספר אין די אָרעמס און אַראָפּ פון בעלע־מער. שכנא האָט צוגערוקט זיך די ברילן צו די אויגן און ער איז אים נאָכגעגאַנגען.

עטלעכע שווערע, אויסגעאַרבעטע הענט האָבן זיך צוגעלייגט צום „ספר", איין האַנט אויף דער אַנדערער, ווי זיי זאָלן זיך געבן שלום. וויזילע האָט זיך אָנגעבויגן, אַריינגעשטעלט דאָס ספר אין אָרון־קודש.

שכנא האָט פונאַנדערגערוקט דאָס פרוכת איבער דער ברייט פון אָרון־קודש. דער בלוי פון פרוכת איז געוועזן טונקל, דער אונטערגרוי איז געלעגן אויף אים. די גילדענע לייבן האָבן געשימערט.

אַ שטאַרקע האַנט האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין אַ טיש. די שטילקייט האָט געציטערט, ווי פינגער זאָלן זי האָבן אָנגערירט. דער בעל־תפילה האָט זיך אַריבערגערוקט דעם טלית איבערן קאָפּ.

שווערע שטיוול האָבן זיך אַ שאַר געטאָן איבערן פּאָל, פּיס האָבן זיך צונויפגערוקט. דער בעל־תפילה האָט זיך פאַרנייגט און זיך צעוויגט איבערן עמוד.

די שטילקייט האָט זיך געוועלבט איבער די קעפּ פון די מתפללים. די שבת־שכינה האָט געשוועבט איבער זיי. זיי האָבן געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן.

באַלד האָבן שווערע שטיוול זיך פונאַנדערגערוקט פּאַמעלעך, ווי זיי זאָלן זיך היטן נישט צו צעשטערן די שטילקייט. יידן האָבן אַ וואָרף געטאָן מיט די קעפּ אין די זייטן, ווי זיי זאָלן זיך אומקוקן, כאָטש זייערע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. זיי האָבן זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און געעפנט די אויגן.

אין היכל איז ווידער געוואָרן שטיל. די עדה האָט געוואַרט. די שאַטנס אין די ווינקלען זענען כסדר גרעסער געוואָרן. די געלע אותיות פון די לוחות־הברית אויפן אָרון־קודש האָבן אַריינגעלויכטן אין דער אָוונטגרוי.

כ

דער בעל־תפילה האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם טלית, אים פונאַנ־דערגעשפּרייט, דערנאָך האָט ער אים צונויפגעלייגט אין פיר און אַריינ־גערוקט אין דער פּאָליצע אין עמוד. ער האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין. ער איז אַוועק מיט די יידן וואָס האָבן זיך געאיילט אין איין ריכטונג. די טיר האָט כסדר זיך געעפנט און צוגעמאַכט: יידן זענען געגאַנגען זיך וואַשן.

עטלעכע יידן מיט גרויסע בערד האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט ביי די טישן, אָבער זיי האָבן געלאָזט פרייע פּלעצער פאַר די יידן, וואָס זענען זיך געגאַנגען וואַשן. יידן, וואָס האָבן געטראָגן לאַנגע פּאַלטענעס, טוכענע איביצעס, האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענק אַרום דעם בעלעמער. יידן מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן האָבן געשפּרייזט איבערן היכל, אַנדערע זענען געשטאַנען אָנגעלענטע אין די ווענט לעבן אויוון און גע־וואַרט.

פּסח שמש איז געשטאַנען ביי דער טישוואַנט און צונויפגענומען די ספרים פון טיש. דאָס שטייסל צונויפגענומענע ספרים האָט ער אַוועקגע־טראָגן און אַריינגעשטעלט אין דער ספרים־שאַנק. דאָס נידעריקע בענקל, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, האָט ער צוגערוקט צום טיש אויבן אָן.

פּיוּול האָט זיך אַדורכגעשטופּט דורך דער אָפענער טיר און איז איבערגעלאָפן דאָס פינצטערע שוין פּאָדערהויז. אויף דער גאַס, דער טיר אַנטקעגן, איז געשטאַנען איינגעפּרעסט אין שניי אַ ברייטע היל־צערנע קאַן, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט דריי אייזערנע רייפלעך. די נעץ אַרום דער קאַן איז געווען שוין איינגעפרוירן.

פסח שמש האָט זיך דערנענטערט צום טיש. אין זיין רעכטן אָרעם האָט ער געטראָגן די חלות, אין דער צווייטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ גאַפּן זאַלץ. צוקומענדיק צום טיש האָט ער געעפנט דעם אָרעם. די חלות זענען אַרויפגעפאַלן אויפן טיש. דעם גאַפּן זאַלץ האָט ער אַרויפגעשיט אויפן טישטעך נאָענט צום ראַנד פון טיש. ער האָט זיך אָנגעבויגן און פון דער כאַלעווע אַרויסגעצויגן צוויי קיכמעסערס.

יינגלעך האָבן מיט שנעלע טריט און צעפלאַשעטע פּאָלעס זיך גע־שלייכט צווישן די יידן. זיי האָבן באַוויזן, אַז זיי זענען פלינק, אַז זיי שטויסן זיך נישט אָן אין קיינעם. אַנדערע יינגלעך האָבן געשפּרייזט אַרום די טישן — זיי האָבן זיך געזוכט, איינער האָט געוואָלט כאַפּן דעם אַנדערן. עטלעכע יינגלעך האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם טיש. זיי האָבן געוואָלט זען ווי פסח גרייט דאָס שאַלעשידעס.

אַ יינגל מיט אַ קיילעכיק פּנים און צעפלאַמטע באַקן האָט אַ זאָג געטאָן: „פסח"! פסח האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יינגל. דאָס יינגל האָט אים אַ וויז געטאָן מיט אַ פינגער: — „דאָ"!

— שייגאַץ! — האָט ווילזילע, וואָס איז גראָד אונטערגעקומען, אָנגעשריגן אויפן יינגל. דאָס יינגל איז אַוועקגעלאָפן.

פּ—ס—ח! — האָט ווילזילע געגערופן, ווי ער זאָל צעדריקן דעם שמשס נאָמען צווישן זיינע נידעריקע ציין.

פסח האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער איז געשטאַנען און געשניטן די חלות אויף מוציאָס. יעדע מוציא האָט ער צעשניטן אויף כזיתן. אין מיטן טיש איז שוין געלעגן אַ קופּע מיט שטיקלעך חלה.

ווילזילע האָט אויפגעהויבן און אַוועקגעלייגט אויפן טיש אויבן אָן צוויי חלות. די חלות האָט ער איבערגעדעקט מיט אָן עק פון טישטעך. דאָס צווייטע מעסער האָט ער אַוועקגעלייגט אין דער זייט ביי די חלות.

די טיר האָט זיך כסדר געעפנט און צוגעמאַכט. די יידן זענען צוריק־געקומען, געבראַכט מיט זיך די קעלט. די וואַרעמקייט אין היכל איז געוואָרן שיטערער, אַדורכגעלופטערט. די צוריקגעקומענע פון גאַס יידן

האָבן געטאָפּטשעט אויפֿן אָרט און געוואָרפֿן מיט די הענט. ס׳איז זיי געווען קאַלט. זיי האָבן זיך דערוואָרעמט די פֿינגער, אַריינגעווישט די הענט אין האַנטעך, וואָס איז געהאָנגען אין דער זײַט ביי דער טיר. דאָס גרויִע האַנטעך איז געווען שטײַף און נאַס. אַ סך יידן האָבן נאָר אויס־געריבן זיך איין האַנט אין דער אַנדערער, ווי זיי זאָלן אַראָפּציִען הענטשקעס פֿון די פֿינגער.

אויך פּייוול איז צוריק אַריין. ער האָט די טיר נישט געדאַרפֿט פֿאַרמאַכן — אַ ייד איז אים נאָכגעגאַנגען. פּייוול האָט אויסגעאָטעמט די קעלט פֿון זיך. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך געווישט איין האַנט אין דער אַנדערער.

די יידן און פּייוול בתוכם זענען פֿאַרבייגעגאַנגען פּסחן. יעדער ייד האָט אַ נעם געטאָן אַ כזית חלה. די יידן האָבן דעם כזית איינגע־טונקען אין זאַלץ און זיי זענען אַוועק אויף זייער פּלאַץ. יעדער ייד האָט געטראָגן פֿאָרזיכטיק זיין כזית, געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אבן־טוב.

פּייוול האָט געשפּרייזט לאַנגזאַם, געשטופּט אַן אַקסל פֿאָרויס, ער זאָל נישט דאַרפֿן באַנוצן די הענט. ער האָט געקוקט אין ווינקל אַריין, געזוכט דעם זון. פּייוול האָט אין יעדער פֿון זיינע הענט געהאַלטן אַ כזית, אַן איינגעטונקטן אין זאַלץ. איין כזית האָט ער דערלאַנגט דעם זון. דוד האָט אַרונטערגענומען דעם סידור אונטערן אָרעם. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אָנגענומען דעם כזית. פּייוול האָט זיך צו אים צוגעשטעלט און געשוויגן.

דער שמש איז געשטאַנען און געשניטן די חלות.

— יואל! — האָט ווײַזילע אַ שריי געטאָן. ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן, ווי ער זאָל איינשלינגען זיין אויבערשטע ליפּ.

ווײַזילע האָט זיך אַוועקגעזעצט. די יידן וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פֿון יואלן, האָבן אים אָנגעקוקט.

יואל האָט זיך אַריינגערוקט צווישן דעם טיש אין דעם ליידיקן בענקל אויבן אָן און זיך אַוועקגעזעצט. די יידן האָבן געוואַרט.

יואל האָט אונטערגעהויבן דעם עק פֿון טישטעך און אָפּגעדעקט די חלות, אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף די חלות און געמאַכט די ברכה „המוציא לחם מן הארץ״.

געלעגנקן האָבן געקנאַקט. מיילער האָבן זיך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט. יידן האָבן געגעסן.

יואל האָט איבערגעשניטן די חלה, זיך אָנגעשניטן אַ קליינע, דיקע שפּיציקע מוציא. אַ שפּיץ פון דער מוציא האָט ער איינגעטונקען אין זאַלץ און אָפּגעביסן. יואל האָט געקייעט, זיין ברייטע, געדיכטע באָרד האָט זיך געטרייסלט. ער האָט געשניטן די חלה און געטיילט מוציאס. ער האָט יעדעס מאָל אַ דריי געטאָן די חלה איבערן מעסער. די אָנגעשניטענע מוציא האָט ער דערלאַנגט צוזאַמען מיטן מעסער. ער, יואל דער טיטמאַכער, וואָס וווינט אין אַ קעלערשטוב, ער, דער ייד, וואָס זעט דורכן פענצטער נאָר די שיך פון די פאַרבייגייער — פירט „טיש". ער האָט דערלאַנגט אַ „מוציא" שכנא מלמד, יעקב חזן, וויזילע בעקער און מנחמען, דעם ייד וואָס רעכט אָפּ „חצות". אויך מאָטע בלעכער, זיין שכן פון אַנטקעגן, האָט ער געגעבן אַ מוציא. די רעשט חלה האָט ער פונאַנדערגעשניטן אויף קלענערע שטיקלעך און זיי אַריבערגעלייגט אין מיטן טיש אַריין. גרויסע, אויסגעאַרבעטע, מיט אָדערן באַצויגענע הענט, האָבן זיך גע־שטרעקט איבער די קעפּ פון די טישזיצערס.

דער שמש האָט צוגעטראָגן יואלן אַ קליין בלעכן שיסעלע. אינעם שיסעלע איז געווען אַ ביסל וואַסער, וואָס האָט קוים איבערגעדעקט די פלאַך. יואל האָט איינגעטונקען זיינע שפּיץ פינגער אין שיסעלע און ער האָט אויסגעריבן איין האַנט אין דער אַנדערער.

— רבותי, מיר וועלן בענטשן.

— יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם — האָט קהל אים געענטפערט אין איינעם. פייוול האָט איבערגעשריגן אַלע — ער האָט דעם שבת ס׳ערשטע מאָל געבענטשט מיט מזומן.

יואל האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט איבערגעחזרט קהלס ווער־טער און אַ זאָג געטאָן — ברשות מרנן ורבנן ורבותי נברך שאכלנו משלנו.

די עדה יידן האָט זיך אַ וויג געטאָן און געענטפערט:

— ברוך שאכלנו משלו ובטובו חיינו.

יואל האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש. ער האָט ווידער איבער־געחזרט קהלס ווערטער און ער האָט זיי געענטפערט — נברך אלהינו שאכלנו משלו.

קהל האָט אָפּגעענטפערט:

— ברוך אלהינו שאכלנו משלו ובטובו חיינו.

דער בין־השמשות איז כסדר גרויער געוואָרן, פון די ווינקלען אין דער הויך האָבן גענומען אַפּערקריכן שאָטנס. יואל האָט אויסגעשטרעקט

דעם האַלדז און אַ זאָג געטאָן — עשה שלום במרומיו, הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן חזן, ער האָט געענדיקט בענטשן.

יעקב חזן האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש אַריין און ער האָט זיך צעזונגען: יגדל אלהים חי וישתבח נמצא ואין עת אל מציאותו — זיין הייזעריק קול איז געווען ווייך, האַרציק. ער האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט די הענט אין דער הויך.

יידן האָבן זיך געשטופּט צום טיש, זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם חזן.

דער חזן האָט אַ צעפּיר געטאָן זיין האַנט ווי ער זאָל מיט איר אָנווייזן און ער האָט געזונגען: אין לו דמות הגוף ואינו גוף. דער ניגון איז באַשטאַנען פֿון פֿיר טאַקטן, איין טאַקט העכער פֿון אַנדערן. ביי אַ קורצן פּסוק האָט ער פֿונאַנדערגעטיילט די טאַקטן, ביי אַ לענגערן פּסוק האָט ער צוגעגעבן אַ טאַקט. דער ניגון האָט אויסגעזונגען טיפֿע בענקשאַפֿט, אומבאַגרענעצטן בטחון און געצוימטע גאווה.

דאָס געזאַנג האָט געשאַלט. די עדה האָט געזונגען אָן ווערטער. עס האָבן געזונגען די זיידעס, די טאַטעס, די אייניקלעך און די אור־אייניקלעך. איינער האָט געוואָלט איבערשטייגן דעם אַנדערן, אָבער דער ניגון איז געווען איינהייטלעך.

די יידן האָבן געזונגען דעם ניגון אָן ווערטער, דער ניגון האָט זיי געוויגט. דער אָפּהילך האָט זיך געטראָגן איבערן היכל, זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט, די ווענט האָבן אים צוריק אָפּגעשלאָגן. די טאָגשיין איז פֿאַרגאַנגען, דער אָונטערגרוי האָט זיך אַרויסגערוקט, די העלקייט און די טונקלקייט האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן.

פּסח דער שמש האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין ווינקל הינטערן אויוון. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געשטעלט דאַוונען מעריב ביחידות.

איצט האָט דער חזן און די עדה גענומען אַ העכערן טאָן. זיי האָבן געזונגען: לפדות מחכי קץ מתים וחיה אל ברוב חסדו ברוך עדי עד שם תהלתו. דער חלל איז געווען פֿול מיט זייער געזאַנג. די יידן האָבן געזונגען דעם ניגון, דער חזן האָט געצויגן די ווערטער. געזונגען מיט קורצע טאַקטן און זיך באַגלייט. מיט אַ מאָל איז שטיל געוואָרן. דער ניגון האָט זיך איבערגעהאַקט, זיך געענדיקט. די שטילקייט האָט אַ ציטער געטאָן, אין היכל האָט אָנגעהויבן ווערן פֿינצטער. אויפֿן הינטערגרונט פֿון

די ווייס־געקאָלכטע ווענט האָבן די קעפּ פון די יידן זיך געשאָקלט, גע־טאַנצט זיך אַנטקעגן. מיט אַ מאָל האָט אַ ווייך קול פון המון אַרויס אַ צי געטאָן אַ ניגון:

— איי, איי, איי, איי!

די עדה האָט זיך פונאַנדערגעזונגען: איי, איי, איי!

די עדה האָט זיך געשאָקלט. דער ניגון, דאָס געזאַנג, האָט זיי געוויגט. יעדער ייד איז געווען אין זיין פאַרבענקטער וועלט, אָבער צוזאַמען איז זיי געווען גוט. אַ ייד האָט געפילט לעבן זיך אַ ייד. דאָ און דאָרט האָט אַ קול פון המון אַרויס איבערגעשטיגן דעם ניגון פון דער עדה, געזונגען ביחידות. די איינצלנע קולות זענען געווען פול בענק־שאַפט, יידן האָבן געוויינט אָן טרערן, זיי האָבן געזעגנט דעם שבת. פון מאָל צו מאָל האָבן אַ פּאָר שטאַרקע הענט זיך צונויפגעקלאַפּט — דער האַנטפּלאַך האָט באַגלייט די בענקשאַפט. פייוול איז געשטאַנען מיט פאַר־מאַכטע אויגן און זיך געוויגט. ער האָט געברומט דעם ניגון אַליין, באַ־זונדער. דוד איז געשטאַנען אָן איבערגעבויגענער, זיין קאָפּ איז געלעגן אָנגעלענט אין פאָטער, פייוול האָט זיך געוויגט און דוד האָט זיך מיט אים מיטגעוויגט.

פסח האָט אַ וואַרף געטאָן מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און זיך אויס־געדרוקט. די נאַכט האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. ער האָט אויס־געשטרעקט אַ האַנט, אָפּגענומען פון הינטערן אויוון די שוועבעלעך און זיך געלאָזט גיין.

די עדה האָט זיך געוויגט און געזונגען. דער ניגון איז איצט געווען נידעריקער, אָבער נאָך טיפער.

פסח איז געבליבן שטיין ביים עמוד. ס'האָט זיך דערהערט אַ קנאַק — פסח האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע. דאָס דינע פלעמל האָט אַ פלאַקער געטאָן, די פינצטערקייט אין היכל האָט אַ ציטער געטאָן, זיך פונאַנדער־געדרוקט. פסח האָט געמרוזשעט די אויגן, זיי כסדר געעפנט און צוגעמאַכט. ער האָט אָפּגענומען פון אונטערן עמוד די צוויי צוגעגרייטע ליכט און זיי אָנגעצונדן. ער האָט אָנגעטריפט די ליכט און זיי אַריינגעשטעלט אין די לייכטער אויפן עמוד. פסח האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם און אַרויפגעקלעטערט אויף אַ באַנק, אַראָפּגענומען דאָס גלעזל און אָנגעצונדן דעם נאַפטלאַמפּ, וואָס איז געהאָנגען אין מיטן היכל. די יידן האָבן פאַר־

מרוזשעט די אויגן — די שיין האָט זיי אַ בלענד געטאָן. אויף די ווענט האָבן געגומען זיך באַוועגן אויסגעצויגענע שאָטנס.

נישט ווייט פון עמוד איז געשטאַנען בערעלע גרייגער, דער איינ־ציקער טאַפּעצירער אין דער געגנט. בערעלע האָט פאַרמאַכט די אויגן און אויסגערופן: ברכו את ה׳ המברך.

— ברוך ה׳ המברך לעולם ועד — האָט קהל אים געענטפערט, כאָטש ער איז געשטאַנען ווייט פון עמוד.

די ליכטפלעמלעך אויפן עמוד האָבן אַ צאַנק געטאָן. די שאָטנס אויף די ווענט אַרום האָבן זיך איינגעקאָרטשעט און באַלד זיך צוריק אויס־געצויגן.

די יידן האָבן זיך געוויגט איינער צום אַנדערן, ווי די עדה זאָל גיין. דער שאָרך פון זייערע בגדים האָט זיי באַגלייט. דער לאָמפּנפּלאָם האָט זיך געצויגן אַרויף, ווי ער זאָל זיך וועלן אַרויסבאַקומען פון גלעזל.

דער בעל־תפילה האָט אָפּגעהוסט. ער האָט זיך אָנגעלענט אויף די הענט: יתגדל ויתקדש שמה רבא — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

די עדה האָט זיך לייכט געוויגט, ווי זיי זאָלן וועלן גיין, אָבער זיי זענען געשטאַנען, געגאַנגען זענען נאָר די שאָטנס אויף די ווענט אַהין און צוריק; די טונקעלע ליכטפלאַמען האָבן זיי געפירט. אַ שוואַרצער שפּיץ האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם לאָמפּנפלאַם, אַ שאָטן האָט זיך אַריבערגעשלייכט איבערן אויוון. די קעפּ פון די יידן האָבן זיך גע־שאָקלט, ווי זיי זאָלן נישט האָבן קיין ווידערשטאַנד, אויך זייערע אַקסלען זענען געווען אַראָפּגעלאָזט. פּיוולס אויגן זענען געווען שטאַר, ער האָט געקוקט אין דער ווייט: ער האָט געזען די דערפער, איבער וועלכע ער וועט שפּרייזן די גאַנצע וואָך, טאָג נאָך טאָג.

די וואָכעדיקייט איז געשטאַנען שוין אין דער טיר. יידן אויף די בענק אַרום דעם בעלעמער האָבן זיך געוויגט לאַנגזאַם, זייערע קני׳ען זענען גע־ווען צעגומען, די פּאָלעס פון זייערע איביצעס זענען אַראָפּגעהאָנגען. זיי זענען געזעסן, ווי מע זאָל פון זיי האָבן אַוועקגענומען די טישן. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט. די קעלט פון דער גאַס האָט זיך אַריינגעריסן אין היכל אַריין. די קעלט פון דער גאַס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די וואָ־כעדיקייט.

— גוטוואָך! גוטוואָך! — האָבן יידן זיך געבאָטן און זיך געשטופּט צו דער טיר.

— גוטוואָך! גוטוואָך! — האָט פּייוול געזאָגט און געענטפערט די יידן. ער האָט דעם זון אַ צי געטאָן ביי דער האַנט. אינעם פאָדערהויז איז געווען פינצטער ווי אין אַ הייל. פּייוול מיטן זון האָבן איבערגעשפּאַנט דאָס פאָדער־הויז, פון איין טיר ביז דער אַנדערער.

זיי זענען שטיין געבליבן אויף דער גאַס. די העלקייט פונעם שניי אויף דער ערד האָט זיי אַ האַק געטאָן אין די אויגן.

— קום! — פּייוול האָט דעם זון אַ צי געטאָן ביי דער האַנט.

דער טאַטע מיטן זון זענען אַוועק אַהיים. אַ מאָמענט האָבן צוויי שאָטנס, דער גרויסער און דער קליינער, זיך באַוויגן אין דער פינצטער. שפּעטער זענען ביידע געשטאַלטן פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינצטער.

כא

יאַכעט איז געשטאַנען נישט ווייט פון אויוון. די קינדער האָבן זיך געטוליעט צו דער מוטער און יאַכעט צו זיי. דאָס גרויסע לאַנגע, נידעריקע צימער איז געווען, ווי ליידיק. דאָס אייז אויף די פענצטער־שויבן איז כסדר האַרטער און גלאָזיקער געוואָרן. אין דער נידעריקער שטוב האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערזעצן דער אָונטגרוי, כאָטש אויף דער גאַס איז געווען נאָך טאָג.

יאַכעט האָט אויסגעגליכן איר פּלייצע, זי איז ווי גרעסער געוואָרן. זי האָט אַ קוק געטאָן פאַר זיך. זי האָט דערפילט לעבן זיך די קינדער.

— קינדערלעך — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן.

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. יאַכעט האָט זיך געלאָזט לויפן. די מיידלעך האָבן זיך צעשמייכלט.

— זלאַטעלע — האָט רבקהלע איר אַ זאָג געטאָן און געלאָפן די ערשטע.

יאַכעט האָט געהאַלטן יאָסעלען אויף די הענט און זי איז געלאָפן אַרום דעם טיש. די מיידלעך האָבן זי געיאָגט. יאָסעלע האָט געלאַכט צו זיי. זיין האַנט איז געווען איינגעקניפּט אין דער מוטערס האַלדז.

די מוטער איז עטלעכע מאָל אַרומגעלאָפן דעם טיש. די מיידלעך האָבן זי געיאָגט און נישט געכאַפּט. מיט אַ מאָל האָט זלאַטעלע זיך אויסגעדרייט, אַנטקעגנגעלאָפן דער מוטער און זי געכאַפּט.

די מוטער איז שטיין געבליבן אַ פֿאַרסאַפּעטע. די מיידלעך האָבן גע־אָטעמט שווער און געקוקט אויף איר. יאַכעט האָט זיך אָװעקגעזעצט אויף דער באַנק. די מיידלעך האָבן זיך צוגערוקט צום טיש. זיי זענען שטיין געבליבן איר אַנטקעגן.

— מאַמע, דערצייל אונדז אַ מעשה — האָט זלאַטעלע זיך אַ בעט געטאָן.

די מוטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און יאַסעלען אַװעקגעזעצט אין דער שויס. די מיידלעך האָבן אַרויפגעלייגט די עלנבויגנס אויפן טיש.

— קינדער — האָט יאַכעט זיך אַ װענד געטאָן צו זיי — איך װעל אייך דערציילן די מעשה מיטן פיש אויף שבת.

ביידע מיידלעך האָבן פון פרייד אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט אין טיש.

יאַכעט האָט זיך פונאַנדערגעװיגט, װי זי זאָל זיך שאָקלען ביים דאַװנען, און זי האָט דערציילט:

— פרייטיק פאַר נאַכט האָט אַ ייד זיך געדרייט אין מאַרק אַהין און צוריק. ער האָט געקוקט און געזוכט. אַלע יידן אין שטעטל האָבן אים גע־קענט און ער האָט געקענט אַלע. די יידן האָבן אים אַ פרעג געטאָן: נחום, װאָס מאַכסטו? — דאַנקען גאָט — האָט ער יעדן געענטפערט און אַװעקגעקוקט אין אַ זייט. ער האָט נישט געװאָלט די יידן זאָלן זען זיין פּנים. ער איז געװען שװאַך. אַלע יידן אין שטעטל האָבן געװוסט, אַז ער איז נאָך אַ דערקילונג. די קינדער זיינע זענען געװען מעבר לים.

דער ייד איז געגאַנגען און געקוקט ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פישער־קראָם. — נחום, שטיי! — האָט מאיר פישער אויף דער שװעל פון זיין קראָם אים אַ זאָג געטאָן. מאיר פישער האָט זיך אויסגעדרייט און ער איז אַריין אין קראָם. נחום איז שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער פישער איז באַלד צוריקגעקומען און ער האָט נחומען אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ פּעקל. — אַ גוטן שבת! — האָט ער אַ זאָג געטאָן נחומען און ער איז צוריק אַריין אין קראָם.

— מאיר! אַ גוטן שבת! גאָט זאָל דיר באַצאָלן! — האָט נחום אים אַ זאָג געטאָן. — אַ גוטן שבת! —האָט דער פישער אים געענטפערט פון קראָם אַרויס. נחום האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ער איז אַװעק אַ פאַרשעמטער. נחום איז געגאַנגען אַהיים. ער האָט זיך גענומען אונטעראײלן. נחום האָט צוגעשפּאַנט צום בעקער. פאַר די לעצטע פּרוטות, װאָס ער האָט

געהאַט אין טאַש האָט ער געקויפט חלות און ער איז געלאָפן אַהיים. אַ צופרידענער איז דער ייד אַרייַנגעלאָפן אין שטוב.ביילע זיין ווייב איז געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און געוואַרט אויף אים. — ביילע! געברענגט פיש און חלות! מאַך שבת! — האָט ער געשריגן אַ גליקלעכער. ביילע איז אויפגעשפרונגען פון דער באַנק — דערבאַרעמדיקער גאָט! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און זי האָט פאַרבראָכן די הענט. — ביילע, שטיי נישט! דער שבת איז הינטער דער טיר שוין — האָט נחום דער מאַן איר אַ זאָג געטאָן — — —

די טיר האָט אַ ציטער געטאָן און זיך געעפנט. אין שטוב איז אַריין אַ פרוי. זי האָט שנעל פאַרמאַכט די טיר. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַכעטן און די קינדער און זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר.

— ביילע האָט זיך גענומען פאָרען — האָט יאַכעט ווייטער דערציילט. נישט יאַכעט און נישט די קינדער האָבן געהערט, אַז עס איז ווער אַריין אין שטוב.

די פרוי, וואָס איז אַריין, איז געשטאַנען און געקוקט אויף יאַכעטן און די קינדער. אירע גרויסע אויגן האָבן געשמייכלט. איר קאָפּ איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ברוינער קופקע. אין דער קופקע איבערן שטערן האָט געשטעקט אַ שפילקע אַן אויסגעזעצטע מיט שוואַרצע שטיינער. די פרוי איז געווען אַרומגעהילט מיט אַ גרוי טוך אָן פראַנדזן, אַרומגעזיימט מיט אַ טאַשמע. זי האָט געטראָגן אַ לאַנג שוואַרץ קלייד און שוואַרצע, גע־שנירטע שיך.

יאַכעט האָט זיך אַ וויג געטאָן און זי האָט דערציילט ווייטער:

— דער פיש איז געווען אַ העכט פון אַ גרויסן טייך. ביילע האָט זיך געפּאָרעט. זי האָט אָפּגעשאָבן דעם פיש, אויפגעשניטן דעם בויך פון פיש און אַרויסגענומען פון פיש די קישקעס. אַ שטיינדל איז אַרויסגעפאַלן אויף איר טיש — — —

די יידענע לעבן דער טיר האָט אַראָפּגעלאָזט די ראַנדן פון טוך, און וועלכן זי איז געווען איינגעהילט. יאַכעט האָט זיך אָפּגעבויגן פון טיש. ציִענדיק די ווערטער האָט זי דערציילט:

— ביילע האָט אויפגעהויבן דאָס שטיינדל און עס אָנגעקוקט. — נחום, אַ בריליאַנט! — האָט זי זיך צעשריגן אַ דערשראָקענע. —

— אַ בריליאַנט? — האָט נחום זי אַ פרעג געטאָן. ער האָט זיך נישט

געגלויבט.ביידע, נחום און זיין ווייב, זענען געבליבן אָן לשון. אָבער עס איז שוין געווען ערב שבת. —ביילע, מאַך שבת — האָט נחום אַ באַפעל געטאָן דעם ווייב — מוצאי שבת וועל איך אָוועקטראָגן דעם אוצר דעם פישער.

יאַכעט האָט פאַרענדיקט:

— נחום און ביילע האָבן געהאַט אַ פריילעכן שבת.

זלאַטעלע האָט אַ גליקלעכע אַ שריי געטאָן. ביידע מיידלעך האָבן פון פרייד אַ קלאַפּ געטאָן מיט די הענט אין טיש. רבקהלע האָט נישט פאַר־שטאַנען דעם מוסר־השכל. זי האָט נאָר נאָכגעטאָן דער שוועסטער.

די יידענע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געהאָרכט, האָט געשטעלט אַ פוס, ווי זי זאָל זיך אונטערגנבענען.

— גוט שבת! — האָט זי אַ זאָג געטאָן און זי האָט זיך צעלאַכט — איר קול איז געווען ווייך און הילכיק.

יאַכעט האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און די קינדער נאָך איר.

— רעכע! גוט־שבת! וואָס מאַכט איר? קומט, זעצט אייך, ווען זענט איר אַריין? — האָט יאַכעט זיך געוווּנדערט.

— מומע! מומע! — האָבן ביידע מיידלעך זיך מיט איר געפרייט. יאָסעלע האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו איר, ווי ער זאָל ווען זי זאָל אים נעמען.

רעכע איז געווען די שכנה פון אַנטקעגן איבער דער גאַס.

רעכע האָט צו אַלע געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט אַלע זיך געפרייט. די פאַלעס פון רעכטן טוך האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזט. דאָס דיקע, קורצע ספר, וואָס זי האָט געהאַלטן אונטערן טיכל, האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן טיש. דאָס ספר איז געווען געבונדן אין אַ שוואַרץ לעדער.

רעכע האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס טוך, עס צונויפגעלייגט און עס איבערגעהאָנגען איבער אַ בענקל. זי האָט זיך צוגעזעצט צו יאַכעטן.

יאַכעט האָט זיך אויסגעדרייט צו איר. זי האָט אָנגעקוקט רעכען פון דער נאָענט. רעכע האָט אָפּגעזיפצט. די וואַרעמקייט האָט זי אַדורכגענומען. רעכע האָט זיך אויסגעדרייט צו יאַכעטן און יאָסעלען אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק. יאָסעלע האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן איר האַנט.

רעכע האָט זיך אָנגעבויגן צו יאַכעטן און געפרעגט:

— די קינדער זענען געזונט?

— דאַנקען גאָט — האָט יאַכעט איר געענטפערט.

— אַ פריילעכער שבת? — האָט רעכע זיך געפרעגט ווייטער.

— מיטן מלך גלייך — האָט יאַכעט איר אַ זאָג געטאָן.

רעכע האָט זיך איינגעקוקט אין יאַכעטן. יאַכעט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זי האָט צוגעטוליעט צו זיך יאָסעלען.

רעכע האָט מיט בײדע הענט זיך אַרומגעווישט די ליפּן פון איר אָפן מויל, אַ שמייכל האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער רעכעס פּנים: זי האָט פאַרשטאַנען יאַכעטס צניעות.

— איך האָב אויך נייעס — האָט רעכע געזאָגט, ווי זי זאָל יאַכעטן פאַרטרויען אַ סוד — דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין הערש־דודן.

— אַזוי! — האָט יאַכעט אויסגעשריגן פון פאַרוואונדערונג און נייגעריק זי אָנגעקוקט.

אויך די מיידלעך האָבן באַטראַכט רעכען. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס די מוטער רעדט מיט רעכען.

— ער פאַרדינט גוט און האַלט יידישקייט. ער האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָסילקע — האָט רעכע זיך פאַרטרויט פאַר יאַכעטן.

— נחת פון קינדער.

— גאָט זאָל העלפן אַלע יידן — אַ ווײַלע שפּעטער האָט רעכע פאַר־גלאָצט די אויגן. — איצט דאַרף איך בשלום חתונה מאַכן לאהן — זי האָט זיך אַ שאָקל געטאָן איבערן טיש און זי האָט צוגעגעבן — פּראָזים, איר חתן, איז אַ וואַשנער פאַרדינער. ער איז אַ ספּעציאַלנע שוסטער, אַלע גבירים מאַכן זיך ביי אים.

בײדע ווייבער האָבן געשוויגן און זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט רעכע אַ זאָג געטאָן:

— מאַאַנער איז שוין געווען אויף דער פּאָטשט פרעגן ווי לאַנג עס גייט אַ פּאָסילקע פון אַמעריקע... יאַכעט, האָסט שוין געזאָגט די סדרה? — רעכע האָט נישט געוואַרט אויף ענטפער. זי אַליין האָט געענטפערט — איך האָב שוין יאָ געזאָגט. איך וועל מיט דיר איבערחזרן אַ שטיקל, וויפל מיר וועלן באַווייזן, די נאַכט פאַלט צו.

די שיין פון גאַס איז געבליבן הענגען אויפן פענצטער. רעכע האָט אַ צי געטאָן דאָס בענדל וואָס איז אַרויסגעהאַנגען פון חומש, געעפנט דאָס ספר און עס אונטערגערוקט יאַכעטן. בײדע האָבן זיי זיך איבערגע־בויגן איבערן חומש. רעכע האָט זיך צעוויגט און זיך צעזונגען:

— „וישמע יתרו", שלמה המלך זאָגט אין משלי „מרפא לשון עץ חיים", די צונג איז אַ גרויסע רפואה צו דער נשמה, ווען זי זינדיקט, און אַ קרענק איז צו דער נשמה די עברה, ווען מען גלייבט נישט רעכט אין גאָט, און מיט דער צונג קען ער היילן די נשמה ווען ער רעדט, אַז גאָט איז אַ גאָט איבער אַלע געטער, און איז אַן אמתר גאָט, און באַצאָלט איטלעכן זיין שכר ווי רעכט איז — — —

יאַכעט האָט געהאַלטן יאָסעלען אויף דער שויס און זי האָט זיך גע־שאָקלט איבער אים. די מיידלעך זענען געשטאַנען איינע ביי דער אַנדערער: זלאַטעלע מיט אַן אונטערגעלענטן עלנבויגן אונטער דער באַק, רבקהלע אַן אָנגעלענטע מיטן קאָפּ אויף דער שוועסטערס אַקסל.

רעכעס אויגן־הייטלעך זענען געווען פאַרשרומפּן. זי האָט געקוקט אַרויף, ווי די הייטלעך זאָלן זיין איבערגעדרייט. רעכע האָט זיך ווידער צעוויגט און זי האָט געזאָגט ווייטער:

— אַזוי ווי מיר געפינען ביי אברהם, דאָס אונדזערע חכמים זאָגן: אַן אבן־טוב איז געהאָנגען אויף זיין האַלדז, און ווען אַ חולה האָט אים געזען, איז ער געזונט געוואָרן, און ווען אברהם איז געשטאָרבן, האָט ער אויפגעהאָנגען דעם אבן־טוב אויף דער זון. כלומר, אונדזערע חכמים האָבן אונדז מרמז געווען דאָס גוטע רייד איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין האַלדז, דען אברהם האָט אָנגערעדט לייטן און האָט זיי דערצו געבראַכט, זיי זאָלן דינען גאָט — — —

יאַכעט איז געזעסן מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און געאָטעמט שווער. יאָסעלע האָט אַ קלאָפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש. זלאַטעלע האָט אַוועקגעריסן איר קאָפּ פון עלנבויגן. שאַ! — האָט זי געזאָגט צום ברודער. די מוטער האָט אַ כאַפּ געטאָן יאָסעלעס האַנט און זי געהאַלטן. רבקהלע האָט דערשטוינט געקוקט אויף רעכען.

רעכע האָט זיך צוגעבויגן צום חומש. טייטלנדיק זיך מיט אַ פינגער, האָט זי געזאָגט:

— און אַז אברהם איז געשטאָרבן, האָט ער קיינעם נישט איבערגעלאָזט ער זאָל אָנרעדן צו דינען דעם אמתן גאָט, האָט ער דעם אבן־טוב אָנגע־האָנגען אין דער זון. כלומר, ווען מען וויל וויסן, דאָס עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, זאָל מען זען פון דער זון, וואָס גייט אויף אין מזרח און פאַרגייט אין מערב. דאַרום מוז זיין אַ גאָט, וואָס פירט די זון.

רעכע האָט געצויגן איר ניגון, זי האָט זיך אונטערגעזונגען, איר קול האָט געציטערט.

די מיידלעך האָבן געהאַלטן די הענט אויפן טיש. זיי האָבן געקוקט אויף רעכען און געהאָרכט. רעכע האָט פאַרזשמורעט די אויגן. זיך איבער־געלייגט איבערן חומש און געזאָגט:

— אַזוי אויך די גוטע רייד פון משה, וואָס ער האָט דערציילט צו יתרו אַלע וווּנדער פון גאָט, האָט זיך יתרו באַקענט צום אל אמת. דאָס זאָגט דער פסוק „וישמע יתרו את כל אשר עשה אלהים למשה ולישראל" — די לעצטע ווערטער האָט זי געזאָגט וואָרט נאָך וואָרט, זי זאָל נישט גרייזן. ביי יעדן וואָרט האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. רעכע האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ פון חומש, זי האָט שוין נישט דערזען די אותיות.

די פּלוצלונגדיקע שטילקייט האָט איבערגעריסן דעם פאַרלויף פון דער סדרה. אַרום די ווענט האָט זיך געשפּאַרט די נאַכט־פינצטערניש. אויפן טישטעך איבערן טיש איז פאַרגאַנגען דער טאָג, די זאַכן אין שטוב זענען געוועזן צעפלאָסן, אַ פיאַלעטע געפרוירענע שיין האָט באַדעקט דאָס פענצ־טער.

— איך גיי, איידער עס ווערט נאַכט — האָט רעכע אַ זאָג געטאָן. זי האָט זיך צוגעטראָגן דאָס ספר צו די ליפּן, פאַרמאַכט דאָס ספר און זיך אויפגעשטעלט.

רעכע איז אַוועק צו דער טיר. יאַכעט און די מיידלעך זענען איר נאָכ־געגאַנגען. נאָענט צו דער טיר האָט יאַכעט אַ שפּרייז געטאָן, פאַרלאָפן דעם וועג און איר געעפנט די טיר. אַ טרוקענע פינצטערע קעלט פון פאָ־דערהויז האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן דורך דער אָפענער טיר.

— גאָט זאָל זיך אויף אייך דערבאַרעמען — האָט רעכע אַ זאָג געטאָן.

— גאָט זאָל העלפן אַלע יידן — האָט יאַכעט געענטפערט.

רעכע האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ ווי זי זאָל אַנטקעגן גיין אַ שטערונג. זי איז איילִיק אַדורך דעם דורכגאַנג.

— איר זעט? — האָט יאַכעט איר נאָכגעשריגן.

— יאָ, יאָ! פאַרמאַך די טיר!

— קינדער! קומט! — האָט יאַכעט אַ רוף געטאָן. זי איז מיט זיי צוגעגאַנגען צום טיש. די אַנגעלאָפענע קעלט האָט זיך געטראָגן איבער דער שטוב, זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער שטוביקער וואַרעמקייט.

— מאַמע — האָט זלאַטעלע אַ רוף געטאָן און זי אַ צי געטאָן ביים

קלייד. אַלע זענען שטיין געבליבן ביים טיש פון פּאַרנט, דאָרט ווו די טאַץ מיט די לייכטער זענען געשטאַנען — מאַמע, וואָס האָט די מומע רעכע דיר געלייענט?

— טאָכטער מיינע, אַז עס איז דאָ אַ יידישער גאָט און אַ ייד מוז שטענדיק אין אים גלייבן — האָט יאַכעט איר אויסגעטייטשט.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זלאַטעלע זיך ווידער אַ ווענד געטאָן צו דער מוטער:

— און ווער האָט איר געשריבן דעם בריוו?

— איר זון אין אַמעריקע. ער איז דאָרט אַ שמידער. ער שיקט זיי פּריצישע מלבושים. מומע רעכע מאַכט חתונה איר טאָכטער לאה.

— ס'איז פינצטער — האָט רבקהלע אַ שריי געטאָן.

— אויס שבת! — האָט זלאַטעלע געזאָגט מיט באַדויער. זי האָט זיך ווידער אָנגעכאַפּט אין דער מוטערס קלייד.

יאַכעט האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער. זי האָט מיט דער האַנט אַרומגענומען די קעפּ פון די מיידלעך און גענומען זאָגן:

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין ליב פאָלק ישראל פון אַלעם בייזן. און באַשיץ זיי מיט דיין לויך, דאָס די זיבן טעג זאָלן אונדז קומען צו געזונט און גליק, צו אַלעם גוטן, צו תורה, צו יראת שמים, צו מעשים טובים, צו בשורות טובות, ישועות ונחמות. אונדזער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק. די וואָך זאָל קומען אויף אונדז צו מזל און ברכה און צו אַלעם גוטן געווין, אמן — איר קול האָט געהילכט און געציטערט. דער אָפּהילך פון די ווערטער האָט געקלונגען אין דער פינצטער.

יאָסעלע האָט אַרומגענומען דער מוטערס האַלדז און זיך געטוליעט צו איר. די מיידלעך האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין איר קלייד און אַרויפגעקוקט צו איר.

— קינדער, זעצט אייך אַוועק — האָט יאַכעט אַ זאָג געטאָן און זי האָט זיך גענומען באַוועגן. זי האָט געשאַרט מיט די פיס איבערן פאָל און מיט דער האַנט געטאַפּט דעם טיש, זיך געהיטן, זי זאָל זיך נישט אָנשטויסן אין עפּעס. זי האָט מיט די קני׳ען געפירט די מיידלעך צו דער באַנק. ביי דער באַנק איז זי שטיין געבליבן. זי האָט אויפגעהויבן יאָסעלען און אים אַוועקגעזעצט. — טעכטערלעך, היט אים צו — האָט זי זיי אָנגעזאָגט.

די מיידלעך האָבן זיך צוגערוקט צו אים און יעדע האָט אים אָנגענומען ביי אַ האַנט.

די מוטער איז אַוועק פון טיש. אין שטוב איז געוועזן פינצטער. די מיידלעך האָבן פאַרמאַכט די אויגן. זלאַטעלע האָט זיך צעזונגען:

אונטער יאַסעלעס וויגעלע,
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע,
ס׳ציגעלע איז געגאַנגען האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום שענקל און אָנגעצונדן אַ ליכט. יאַכעט האָט פאַרמרוזשעט די אויגן און זיך אָנגערופן צו די קינדער: גוטוואָך!

ביידע מיידלעך האָבן זיך פאַרשטעלט די אויגן. גוטוואָך! — האָבן די מיידלעך געענטפערט דער מוטער.

יאַכעט האָט אַראָפּגענומען דאָס גלעזל פון לאָמפּ און אַרויפגעדרייט די קנויט. דינע, אויסגעצויגענע שאָטנס האָבן אַ טאַנץ געטאָן אויף די ווענט. אַלע האָבן געמרוזשעט די אויגן און געקוקט אויפן פלאַם.

— גוטוואָך! גוטוואָך! גוטוואָך! — האָט יאַכעט דריי מאָל אַ זאָג געטאָן שטיל און אַ זיפץ געטאָן. זי האָט זיך אָנגעבויגן, צוריק גענומען אויף די הענט יאַסעלען.

יאַכעט און די קינדער האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און געהאָרכט. שווערע טריט האָבן געזוכט דעם וועג, לייכטע טריט זענען זיי נאָכגעגאַנגען. דער סקאָבל האָט אַ קלינג געטאָן, די טיר איז אָפּגעשפּרונגען, זיך אויפגעפּראַלט.

יאַכעט האָט מיט דער האַנט אַ פאַרשטעל געטאָן דעם פלאַם און זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר, און די קינדער — צוזאַמען מיט איר. אַ קעלט האָט זיך ווידער אַריינגעריסן אין שטוב.

פייוול האָט דודן אַדורכגעשטופּט דורכן דורכגאַנג און אייליק הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

— גוטוואָך! — האָט ער אויסגערופן און פאַרמרוזשעט די אויגן.

— גוטוואָך — האָט דוד אים נאָכגעשריגן. זיין אויסגעבויגענע האַנט־פלאַך האָט ער געהאַלטן איבער די אויגן, ווי אַ דעכל. דאָס ליכט האָט אים געבלענדט.

— גוטוואָך! גוטוואָך! — האָט די מאַמע מיט די טעכטער זיי גע־ענטפערט. — אַ גוט יאָר — האָט יאַכעט צוגעגעבן.

דוד איז אַ שפּרונג געטאָן, ווי ער זאָל פון זיך אַראָפּלאָזן אַ משא. ער האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן דעם פּאַלטן און אים אַ שליידער געטאָן אויפן בעט אַרויף. פּייוול האָט פונאַנדערגעקנעפּלט די באַנדע, צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און אויפגעהאָנגען זי אויפן האָק. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ שפּאַן געטאָן אין מיטן שטוב אַריין און אָנגעקוקט זיינע בני־בית.

דוד האָט געברענגט דאָס פלעשל מיטן ביסל וויין, דעם בעכער און די הבדלה.

פּייוול האָט צוגעשפּאַנט צום טיש. ער האָט אונטערגעהויבן און איבער־געלייגט אַ שפּיץ פון טישטעך. ער האָט איבערגעשטעלט דעם בעכער אויפן גאָלן טיש, גענומען דאָס פלעשל אין האַנט און עס איבערגעבויגן. ער האָט געקוקט, צי עס וועט סטייען. יאַכעט איז אַוועק פון טיש.

יאַכעט האָט זיך אומגעקערט.ביידע אירע הענט זענען געווען פאַר־נומען: אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן די שעפּ, אויף דער אַנדערער האָט זי געהאַלטן יאָסעלען.

פּייוול האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ליידיקע פלעשל און ער האָט גענומען פון יאַכעטן די שעפּ. ער האָט צוגעגאָסן אַ ביסל וואַסער, ער האָט אָנגעפּילט דעם בעכער.

דוד האָט אַראָפּגענומען די שוועבעלעך פון דער טאָץ און אָנגעריבן אַ שוועבעלע. ער האָט אָנגעצונדן די הבדלה און צוריק אַוועקגעלייגט די שוועבעלעך.

יאַכעט האָט אויפגעהויבן אירע אָרעמס, אונטערגעהויבן יאָסעלען, ער זאָל זען.

פּייוול האָט אַרויפגעשטעלט זיך דעם בעכער אויף דער רעכטער האַנט, זיך אַ וויג געטאָן און גענומען זאָגן: הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד. דער ניגון איז געווען אַ הייטערער, אָבער מיט אַ טאָן פון זאָרג און געבעט. ער האָט זיך געשאָקלט איבערן בעכער דער הבדלה אַנטקעגן.

דוד האָט די הבדלה געהאַלטן הויך איבערן קאָפּ, ווי אַ פאַקל. די פלעמלעך פון לאָמפּ אין דער הבדלה האָבן געצאַנקט. פּייוולס און יאַכעטס שאָטנס האָבן געטאַנצט אויף דער וואַנט, זיי האָבן אַנטקעגנגעטאַנצט די קלענערע שאָטנס פון די קינדער, וואָס זענען אַרום זיי געשטאַנען.

די הבדלה האָט געטריפט. עס האָט זיך געפילט דער ריח פון צעטאָ־פּיעטן וואַקס. פּייוול האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי ער זאָל מיט זיך איבער־

דעקן דעם בעכער. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז און מבשר געווען: ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

פּייוול האָט אָפּגעגאָסן פון בעכער אַ ביסל וויין אויפן טיש אַרויף און געמאַכט די ברכה בורא מיני בשמים. פּייוול האָט נישט פאַרמאָגט קיין בשמים־ביקסל צו שמעקן. ער האָט צוגעטראָגן זיינע הענט צו דער הבדלה און איינגעבויגן די פינגער. ער האָט ווי אָפּגעדעקט זיינע נעגל און אַ זאָג געטאָן: בורא מאורי האש.

דוד האָט איינגעטונקען די הבדלה אין דעם צעגאָסענעם אויפן טיש וויין. דער הבדלה־פלאַם האָט עטלעכע מאָל געטאָן אַ קנאַק און עס האָבן זיך פונאַנדערגעשפּריצט עטלעכע פונקען ווי פון אַ פייערווערק.

פּייוול האָט אַרויפגעגאָסן אויף דער הבדלה דאָס לעצטע ביסל גע־בליבענע אין בעכער וויין. דער פלאַם האָט זיך פאַרלאָשן און אין שטוב האָט זיך דערפילט אַ סוואָנד פון אַ פאַרברענטער קנויט. ער האָט איינ־געטונקען די פינגער אינעם צעגאָסענעם וויין אויפן טיש און מיט די פייכטע פינגער זיך אויסגעריבן די ראַנדן פון די הויזן־טאַשן.

איצט האָט פּייוול זיך צעזונגען: המבדיל בין קדש לחול. חטאתינו הוא ימחול. דער ניגון איז געווען איינטאָניק, נאָר דאָס לעצטע וואָרט פון פּסוק האָט ער אויסגעצויגן. ער האָט געזונגען, ווי ער זאָל זיך אונ־טערברומען, און געשפּרייזט איבערן צימער: יום פנה כצל תומר. דוד האָט געזונגען צוזאַמען מיטן פאָטער: אקרא לאל עלי גומר.

די מיידלעך האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, זייערע שמאָלע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט. פּייוול מיט זיין משפּחה האָבן געזונגען „המבדיל":

פּייוול מיטן זון — די ווערטער; יאַכעט מיט די טעכטער — דעם ניגון.

— אמר שומר אתא בוקר וגם לילה.

נישט נאָר פּייוול, אויך יאַכעט האָט געוואָלט, ער זאָל וואָס שפּעטער אָפּפערנעמען פון אונטערן בעט זיין שטעקן, מיט וועלכן ער גייט איבער די דערפער.

פּייוולס פּנים האָט געלויכטן, זיין רויטע באָרד האָט געגליט, אָבער די צוויי פאַלדן אויף זיין ברייטן שטערן זענען ווידער געוואָרן בולט — ווי יעדן וואָכעדיקן טאָג.